בס"ד

ספר מעמיד הדת על תילה

מהדורה ב'

דער עירוב אין וויליאמסבורג איז נתייסד געווארען ניסן תשס"ג בהסכמת פין צענדליגער רבנים סאיז אויך געוועהן א פאהר רבנים וואס האבן קודם מסכים געוועהן פאר דעם עירוב אין נאכדעם מפני הלחץ האבן זיי גחתם'עט קעגען (מפי ר' אשר גאלדהירש)

דער קניית הרשות איז גמאכט געווארען ערב פסח תשס"ג ביי ר' פישל אינדערהיים מען האט גדינגען דעם רשות פין דעם לאקאלע פאליס ליעסאן (POLICE LIAISON)

דער זיכו הפת איז אויך גמאכט געווארען אין יענעם ערב פסח שפעטער נאכמיטאג ביי קערעסטירער רב אינדערהיים במעמד פין אדווערי רב (סאיז געוועהן דארטען נאך צוויי רבנים -אזוי ווי איך וויל זיי נישט מזיק זיין וועל איך נישט מפרסם זיין זייערע נעמען)

מהדורה א'
ניסן תשע"ב

מהדורה ב'
ניסן תשע"ט

דער ספר קען מען אוידבאקימען בחינם דורך אימעהל
MAILTO: MOISHET50@GMAIL.COM

דעם (**מהדורה א'**) פין דעם ספר קען מען דיינלאדען פין
www.hebrewbooks.org

מאת משה טייכמאן
1319 50 ST.
BROOLYN, NY 11219
347 661-7227

כל הזכיות שמורות

א ספר דארף אן הסכמה ! איך האב אבער נישט געטראפן אז די צייט זאל זיין פאסיג - צי גיין קלייבן הסכמות - ע"כ האב איך אהערגעשטעלט מיין כתב קבלה אויף סופרית - וואס איך האב באקימען פין ר' פישל - ר' פישל שרייבט דארטען - והשתעשעתי עמו בהלכות חמורות וכו' - דאס זאל זיין פאר א הסכמה פאר דעם ספר - דער וואס לערינט סופרית בעמקות לערענט אויך זיכו הפת בעמקות

אפרים פישל הערשקאוויטש
אבד"ק דק"ק האליין יע"א
כעת בברוקלין, נ. י.

90 ROSS STREET APT 1 E
BROOKLYN, N. Y. 11211
Tel. 782-8328

ב"ה

בעזהשי"ת

השורה הנאות תבא לעד ולראיה ביד
הרב המופלא ומופלג בתורה וביראה טהורה אוצר בלום
חכם וסופר עושה כוונים למלאכת שמים
מו"ה משה שמואל צבי הכהן טייכמאן נ"י

בא לפני ותלמודו בידו והשתעשעתי עמו בהלכות חמורות
בדיני סת"ם ומצאתיו מלא דבר ודע ומבין בכל הלכותיהם
הבין היטב ומשנתו סדורה וערוכה דבר דבור על אופניו
כדת ונכון בסבראי יפה וברורה

ובכן נתונה לו רשות והוראה לעסוק במלאכת מחשבת
מלאכת שמים בכתיבת סת"ם ולעשות את כל דברי התורה
והמנים יהיו בעזרו שהוא נאמנים לעבודתו ולא תמעד אשוריו
ויעמוד בכן אורה עד ביאת ינון בב"א
הכו"ח כאן למבנ"י תשמ"ג ברוקלין יע"א
אפרים פישל הערשקאוויטש

דער ספר איז מיוסד אויף ד׳ חלקים

חלק א׳ - פון דף ו - כ״ג

הסבר פארוואס קענען זיי נישט מעכב זיין דעם עירוב דארטען בין איך מבאר 8 צדדי היתרה – אז מקען דינגען בע״כ דאס רשות פון די מעכבי עירוב – אויך קען מען זיי מזכה זיין פת בע״כ

חלק ב׳ - פון דף כ״ד - נ״ח

השגה אויף די תשובה – ״בדין זיכו הפת בע״כ, ובדין שכירת רשות משר העיר״
דארטען בין איך מבאר אז מקען דינגען א יוד׳ס רשות מיט א שכירות רעועה אין אפילו מען דינגט דאס פון שכירו ולקיטו – אויך בין איך אין דף מ״ז מדחה בשתי ידים דער סברה פון דעם בעל הקונטרס – אז דארטען ווי עס איז דא אן אנדערע בי״ד וואס איז קעגען דעם עירוב – קען מען נישט מזכה זיין בע״כ – (זעה אויך דף י״ד)

אויך ברענג איך דארטען אראפ דעם רא״ש וואס זאגט אויף ר׳ יעקב ב״ר משה (ער איז גוועהן א מורה הוראה אין דער צייט פון רא״ש) – וואס ער האט מוחה גוועהן צי מאכען אן עירוב אין זיין געגענט – אז בזמן הסנהדרין וואלט מען עהם גהארגעט – ווייל ער איז עוקר דעם תלמיד וואס רב אשי האט מסדר גוועהן, אין ער איז קעגען די הכרעה פון אלע דורות

איך מיין נישט דערמיט צי זאגן אז בזמן הסנהדרין וואלט מען גהארגעט די רבני מנגדי העירוב – ווייל צי ווערן נידון אלץ זקן ממרה – דארף מען זיין מופלא שבסנהדרין – וואס איך מיין יא צי זאגען – ראה עד היכן הדברים מגיעים – אויך מיין איך צי זאגן – ממה נפשך ביסט די א מופלא שבסנהדרין – ביסט די דאך חייב מיתה – ביסט די נישט קיין מופלא שבסנהדרין – אין לויט ווי איך בין משער – **אז רוב רבנים מנגדי העירוב קענען אפילו נישט דער ענין** – אויב אזוי פארוואס פירען זיי א מערכה מיט א מופלא שבסנהדרין?

חלק ג׳ - פון דף נ״ח - פ״ג

דארטען בין איך מבאר פארוואס איז וויליאמסבורג נישט קיין רשות הרבים?

חלק ד׳ - פון דף פ״ד - ק״ב

איבערבליק אופען עירוב – דארטען בין איך מבאר דאס אי נאמנות, אי אמת, אין די אי ישרות פון די רבנים מנגדי העירוב

השמטה - פון דף ק״ג - ק״ח

דארטען בין איך מבאר ווי אזוי קען מען ניטצען דער היתר פון – אז דער ממשלה קען מסלק זיין – זיי דארפען דאך באצאהלען

אויך בין איך מבאר – ווי אזוי קען מען ניטצען דעם היתר – אז דער ממשלה קען האלטען חפצים אין א מלחמה צייט – היינטיגע צייטען קען א ממשלה נישט האלטען חפצים בשעת א מלחמה

תוכן העניינים

א) הסביר פאר וואס קענען זיי נישט מעכב זיין דעם עירוב (דף ו׳)

ב) סיבה – פארוואס איך האב מברר געווען די הלכה (דף כ״ב)

ג) תשובת הרשב״א – אויב סאיז דא א גדול וואס איז מתיר קען מען נישט ארויס גיין קעגען (דף כ״ג)

ד) השגה אויף די תשובה – ״בדין זיכו הפת בע״כ, ובדין שכירת רשות משר העיר״ (כ״ד)

ה) פארוואס איז וויליאמסבורג נישט קיין רשות הרבים (דף נ״ח)

ו) איבערבליק אופען עירוב (דף פ״ד)

ז) זיי האבן געוואלט מכבד זיין סאטמער רבי'ן מיט 10 מעלות האבן זיי עהם מבזה געווען מיט 20 דרגות (דף פ״ו)

ח) איך פארשטיי נישט בכלל – וואס פאר א היתר איז דא – ציגיין דארטען דארשענען? (דף פ״ט)

ט) בדרך צחות קען מען זאגען אז נאך פאר קבלת התורה האט משה רבינו געפירט א מערכה מיט די קנאים (דף פ״ט)

י) ווער פראסקעט ווען ? (דף צ״ב)

י״א) ווער זענען די מהרחרי ריב וואס סזעהט אויס פין כמה ראשונים אז עס איז דא אויף דעם א לאו פון לא יהיה כקורח ועדתו (דף צ״ה)

י״ב) האט דער מספר 65 רבנים א תוקף פון רבים? (דף צ״ו)

י״ג) האט דער מספר פין 65 רבנים א תוקף פון כאטשיק איינס? (דף צ״ז)

י״ד) האבן די רבנים נאמנות צי זאגן אז דער עירוב איז אסור מטעם זיכו הפת? (דף צ״ז)

א) הסבר - פאר וואס קענען זיי נישט מעכב זיין דעם עירוב?

תוכן העניינים

א) צי מדארף בכלל זיכו הפת פאר דיע וואס ווילען נישט דעם עירוב
ב) דארט ווי עס איז א זכות - צי קען מען מזכה זיין פאר עהם אפילו ווען ער שרייט אז ער וויל נישט - ווייל איך נעם נאך אלץ אהן אז עס איז א זכות פאר עהם

דער ערשטער זאך וואס מיר דארפען דן זיין צי מדארף בכלל זיכו הפת פאר דיע וואס ווילען נישט דעם עירוב אפשר איז שכירת הרשות גענוג (ד. מ. מען דינגט אפ דעם רשות פין דעם ממשלה אדער פין זייער שכירו ולקיטו)

אזוי ווי איך האב געהערט פין ר' משה שיינערט (יעצט וואוינט ער אין ירושלים) בשם ר' פישל "אז איינער קימט פרעגן א שאלה צי ער דארף איבער דאוונען – ווייל ער האט פארגעסען צי זאגן יעלה ויבוא – דארף מען קודם וויסען צי יעצט איז ראש חודש"

צי דארף מען בכלל זיכו הפת פאר דיע וואס ווילען נישט דעם עירוב:

דער ריב"ש אין סימן תכ"ז שרייבט אז סאיז נישט גענוג אז איין יוד זאל אפדינגען דעם רשות פין אלע יודן – פין דעם אדון פין שטאט ווייל דעמאלט וועט אויסקימען אז דער רשות וועט געהערין צי איין מענטש אין יעדער איינער וועט זיין – זיין גאסט אין די גמרא זאגט אין ערובין דף ס"ט: אז איין מענטש קען זיין א גאסט צי 5 מענטשען אבער 5 מענטשען קענען נישט זיין א גאסט צי איין מענטש – וועגען דעם דארפען זיך די יודן אויך משתתף זיין מיט פת

קימט דאך אויס אז אויב מען האט אפגעדינגען דער רשות פין אלע יודן פין דעם אדון אין מהאט זיך משתתף גערוען מיט פת – מעג מען שוין טראגן (דער עצי אלמוגים סימן שצ"א איז דוחה דער ראיה – אז לעולם העלפט נישט צי דינגען א יוד'ס רשות – נאר דער ריב"ש זאגט דאס נאר לפי דעם שואל וואס האט געמיינט אז מען דארף בכלל נישט קיין פת – לפי דעם זאגט דער ריב"ש אז סוועט נישט העלפען ווייל רבים קענען נישט ווערן קיין אורחים – דער דיחו איז זייער שווער – ווי אזוי זאל דער ריב"ש זאגן דבר שאינו – ווייל אויב איך זאג אז מען קען נישט דינגן א יוד'ס רשות טאר דער דינגער אויך נישט טראגן מיט דעם דינגן – אויב אבער זאג איך – ווייל רבים קענען נישט ווערן קיין אורחים צי א יחיד – מיינט אז דער דינגער אליינס – וועט יא מעגן טראגן – זעה דף ט' – קען דאך נישט זיין אז דער ריב"ש זאל זאגען א טעם וועגן אורחים – ווען מען קען בכלל נישט דינגען א יוד'ס רשות – אלא מאי איז א ראיה אז מקען יא דינגען א יוד'ס רשות)

אין נאך מער שטייט אין שבות יעקב ח"ג סימן כ"ט אז אזוי איז דער מנהג מימי קדם אין שטאט מיץ – אין קיין איינער איז נישט ארויס קעגן דעם אז אפילו סאיז דא רבים יודן (ד. מ. שומרי תורה) אדער מומרים (וואס ווילען נישט דעם עירוב אין) ווילען נישט מבטל זיין זייער רשות – איז גענוג וואס מדינגט אפ דעם רשות פין קעניג דורך שכירו ולקיטו אין מדארף נישט זייער ביטול רשות (ד.מ. מען דארף אויך נישט זייער פת) כאטשיק אז דארטען אין תשובה שטייט נישט "רבים" אבער אין די שאלה שטייט יא – אין אויף דעם איז גוועהן דער

תשובה – טאמער וועט זיך איינער וועלען פאר עקשענען אז דער ווארט "רבים" זאגט ער נאר אויף "בני עמינו" אין ער מיינט דערמיט גוים – וועל איך ענפערען אז מקען זיך אויפדרינגען פין דעם וואס ער זאגט דארטען אז מען דארף קיין איינעמס ביטול רשות ד. מ. **אז אפילו א סאך יודען שומרי תורה זענען מעכב איז גארנישט**

אין בכלל אויב מען דינגט אפ דעם רשות פין ממשלה וואס איז דער חילוק וויפעל מענטשען סזענען מוחה

אבער באמת קען מען בכלל נישט מדחה זיין צי זאגן אז דער ווערטער "בני עמינו" מיינט גוים – ווייל סאיז זיכער אז די ווערטער "רבים מבני עמינו" מיינט ער דערמיט יודען – ווייל ער זאגט דארטען "ישראלים או רבים פין בני עמינו וואס ווילען נישט מבטל זיין – מיז דאס דאך זיין יודן – ווייל א גוי קען דאך נישט מבטל זיין ווי עס איז מבואר אין סימן שפ"ה (אבער לויט דעם – פארשטיי איך נישט פאר וואס דער שבות יעקב כאפט אהן א דאפעלט לשון "ישראלים" או "רבים מבני עמינו"? אויבביידע זענען די זעלבע זאך)

סיי אין ריב"ש אין סיי אין שבות יעקב איז נישט מבואר וויפעל חלק עולם קען הייסען א גאסט – צי דאס וואס די גמרא זאגט אז 5 קענען נישט ווערן א גאסט צי איינעם – דאס איז דווקא צי איינעם אבער 50 צי 10 קענען יא ווערן געסט צי ניין – 5 חלקים קענען נישט ווערן קיין געסט צי איין חלק?

אין נאך מער – אפשר קען רוב נישט ווערן קיין גאסט צי א מיעט (דאס הייסט 51 קענען נישט ווערן קיין געסט צי 49)

אין אזוי שטייט אין גינת ורדים כלל ג' סימן כ"ב אז מען האט אפגעדינגען דעם רשות פין ממשלה ווערט די הייזער פין די יחידים יודן אויך אפגעדינגען אין אפילו אז זיי זענען נישט בכלל פין שיתוף הפת (ווייל זיי זענען מומרים) ווערן זיי בטל צום רוב

דער דעת תורה אין סימן שפ"ה דרינגט זיך אויף פין דעם גנת ורדים אז א שטאט ווי סוועט זיין רוב מחללי שבתות אין נאר א מיעט איז שומרי שבת וועט נישט העלפן דאס דינגען דעם רשות – פרעגט דער דעת תורה פארוואס זאל איך נישט זאגען אז דער רב דינגט אפ דעם רשות נאר פאר די שומרי שבת אין די נישט שומרי שבת קענען נישט אסר'ן ווי עס שטייט אין סימן שפ"ב אז א יוד פארדינגט זיין רשות פאר א גוי אסר'ט ער עהם נישט ווייל דער יוד האט עהם נאר פארדינגען צי וואוינען אין נישט ער זאל עהם אסר'ן – דא איז מכ"ש אז ער וועט נישט אסר'ן?

באמת פארשטיי איך נישט דעם דעת תורה'ס קשיא – ווייל אין שפ"ב רעט זיך נישט פין א מיעט אין רוב אין – אין הכי נמי אז אויב א יוד וועט פארדינגען פאר 5 גוים **אפשר** וועלען זיי **עהם יא אסר'ן** ווייל 5 קענען נישט ווערן קיין געסט צי איינעם ווי עס איז אויבען דערמאנט – **אין דער גנת ורדים האט מסתמא גלערינט אז א רבים קען נישט ווערן קיין געסט צי א מיעט איז וואס איז שווער אויף עהם פין סימן שפ"ב?**

אויב דער דעת תורה האט געוואלט פרעגן אויף דעם גנת ורדים - האט ער געדארפט פרעגן פין מנהג - ווייל לכאורה איז דער מנהג אז מען מאכט אן עירוב אין מדינגט אפ דעם רשות פין ממשלה אפילו 5 חלקים איז גוים אדער 5 חלקים זענען נישט קיין שומרי שבת

על כל פנים בעניניייני איז נישט דא קיין רוב וואס זענען מעכב – צי דינגען דעם רשות פין ממשלה – ווייל אדוואר, בעלזא, ביאן, וויען, וויזשניץ, (צמח צדיק) סקווער, ספינק, (ר׳ בעריש – אזוי דאכט זיך מיר) פפא, קלויזענבורג אין קראסטיר טראגן דאך – אין וויזשניץ מאנסי, ספינק, סאטמער (ר׳ אהרן׳ס), אין צעלים אפילו אויב זיי טראגן נישט זענען זיי דאך נישט מוחה אויף דעם עירוב (וואס מונקאטש וויליאמסבורג טיט ווייס איך נישט – אבער מעכב זענען זיי זיכער נישט – ווייל מונקאטשער רבי איז דאך זייער בעד העירוב – ער האט געזאגט זייער א שארפע תורה וועגן דעם וואס מען פסק׳ענט קעגען די תורה) אין אפילו * סאטמער (ר׳ זלמן לייב׳ס) איז דאך דא א סאך פין זיי אפילו אויב זיי טראגן נישט – שטערט זיי נישט אז א צווייטער טראגט אין בפרט די פרויען וואס א סאך פין זיי זענען עומד ומצפה ווען וועט שוין די **גזירה** בטל ווערין אין מיר וועלען זיך נישט דארפען מיטשען מיט שלעפען די קינדער אינמיטן גאס – ביי מענער האט מען נאך געזעהן אז א היפש חלק עולם האט מוחה גווען אויפען טראגן (סהאט זיך אבער אפגעשוואכט – ווייל א נארמאלער מענטש שרייט שוין נישט היינט) ביי פרויען האט מען אפילו איינס פין 200 אויך נישט געזעהן מוחה זיין (איך מיין צי זאגען איין פרוי האט נישט מוחה גווען אויף אן אנדערע פרוי)

---

* איך בין א מאהל געגאנגען שבת אויף דער גאס בשעת סהאט זיך געטיהן גרויסע טימלען קעגען דיע וואס טראגן – באגעגן איך א יונגער מאן – איך גריס עהם גיט שבת ער גריסט מיר צריק (כידיעה - **אז אין וויליאמסבורג גריסט צריק נאר א בעל שכל**) – אין זאגט מיר ״איך בין דאך שוין יא א סאטמערע (ער געהערט צי ר׳ זלמן לייב) אבער דאס שרייען **מאכט מיר קראנק** – טאר דען יענער נישט האלטען אנדערש ווי איך? – ער מעג דאך האלטען אז מען מעג יא טראגן מיטען עירוב״ (איך האב געמיינט אז באמת איז ער קעגן דעם עירוב – אבער ער האלט אז מען טאר נישט שרייען אויף דער וואס טראגט) – חדשים שפעטער רעד איך מיט עהם נאכאמאהל – זאגט ער מיר אז ער איז פאר דעם עירוב – **ווען ער זעהט איינעם טראגן האט ער א הנאה ווייל ער האפט סוועט דורך געבראכען ווערן** – פרעג איך עהם אויב די ביזט פאר דעם עירוב פארוואס טראגסט די נישט? **ענפערט ער מיר ווייל ער האט מורא** ! – פרעג איך עהם פארוואס טראגסט די נישט באהאלטענערהייט? ענפערט ער מיר באהאלטען טראגט ער – יא! – ער האט שוין געטראגן דא אין דארט – ער איז נישט קלאר אז מען מעג טראגן – ע״כ פארלאזט ער זיך אופען עירוב נאר בשעת הצורך – אבער אויב סוועט אדורך געבראכען ווערן – וועט ער וויסען אויף זיכער אז מען מעג טראגן – בשעת איך רעט מיט עהם – גייט אדורך אן אנדערע סאטמערע יונגער מאן (געהערט אויך צי ר׳ זלמן לייב) אין ער וואזט אהן אויף דעם יונגער מאן – ״ער טראגט אין טאש״ פרעג איך עהם פין ווי ווייסט די? ״ער האט מיר געזאגט״ – איז געוועהן זיין תשובה !

דער יונגער מאן האט מיר אויך מגלה גווען אז סאיז דא **א גרויסע עולם אין סאטמער** – סיי פין ר׳ אהרן׳ס, אין סיי פין ר׳ זלמן לייב׳ס מענטשען – וואס ווילען דעם עירוב

איך האב א ביסל מער מעיין גווען - האב איך איין גזעהן אז די קשיא פין דעת תורה איז זייער שטארק אין דער גנת ורדים איז זייער שווער - איך וועל דאס מבאר זיין

דער רמב"ם אין צווייטען פרק פין הלכות עירובין הלכה א' שרייבט אויב אלע מענטשען פין חצר האבן געמאכט אן עירוב ציזאמען (מיט פת) **אויסער איינער** – אסר'ט דער וואס האט נישט געמאכט אן עירוב אין קיין איינער טאר נישט טראגן

טאמער האט ער מבטל גווען דעם רשות פין זיין הויז אין אויך זיין חלק רשות פין חצר – מעג יעדער טראגן די אנשי החצר מעגן טראגן ווייל זיי האב דאך געמאכט אן עירוב אין דער גאנצע רשות גהער צי זיי ווייל ער האט דאך מבטל גווען דעם רשות פאר זיי – אין ער מעג אויך טראגן ווייל ער האט דאך שוין נישט קיין רשות ווייל ער האט דאך דאס אוועקגגעבן (דורך ביטל) בלייבט ער ווי א גאסט אין א גאסט אסר'ט נישט (אין ער מעג אויך טראגן)

אין הלכה ג' שרייבט דער רמב"ם ווי וועט זיין אויב די בני החצר האבן מבטל גווען דעם רשות צי דעם וואס האט נישט געמאכט אן עירב – דעמאלט איז די הלכה אז דער **יחיד** וואס האט נישט געמאכט אן עירוב – **מעג טראגן** ווייל דער רשות גהער צי עהם - אין די **בני החצר טארן נישט** – ווייל זיי האבן נישט קיין רשות אין איך זאג נישט זיי זאלן ווערן ווי אורחים אין א אורח מעג טראגן – ווייל רבים קענען נישט ווערן אורחים צי א יחיד (אין אזוי איז גפסק'ענט אין ש"ע ש"פ סעיף ד')

זעהן מיר בפירוש אז כאטשיק רבים ווערן נישט ווי א גאסט - אסר'ן זיי נישט דעם וואס האט דער רשות !

דער מגיד משנה ברענגט דארטען בשם הרשב"א אז די זעלבע זאך וועט זיין אויב רבים האבן נישט געמאכט אן עירוב אין האבן מבטל גווען זייער רשות פאר רבים וואס האט יא געמאכט ! – **דאס הייסט די רבים וואס האבן יא געמאכט מעגן טראגן ווייל זיי האבן דאך געמאכט אן עירוב אין דער רשות גהער צי זיי ווייל מהאט זיי דאך דאס גגעבען** – אין די רבים וואס האבן נישט געמאכט טארן נישט ווייל זיי האבן נישט קיין רשות – אין איך זאג נישט אז זיי זאלן ווערן ווי געסט ווייל רבים קענען נישט ווערן קיין געסט (פין רשב"א זעהט לכאורה אויס אז דאס וואס איך זאג אז רבים קענען נישט ווערין קיין געסט – איז אפילו די רבים זענען א מיעט ד.מ. 49 חלקים – קענען זיי אויך נישט ווערין קיין געסט צי 51 חלקים אין אפשר נאך מער אפשר מיעט רבים שנים – אין אזוי האב איך געזעהן אין משנה ברורה שער הציון סימן ש"פ ס"ק ט"ז – אויב 2 האבן מבטל זייער רשות פאר 100 ווערן זיי נישט קיין געסט ד.מ. די 2 טארן נישט טרגן אין די 100 מעגן יא – נאכדעם האב איך געטראפען אז דער זאך שטייט בפירוש אין רמב"ם פ"ב ה"ד – סאיז מיר א פלא פארוואס דער מ"ב האט נישט גברענגט דעם רמב"ם)

זעהן מיר - אז ווען סאיז דא א רבים וואס דער רשות גהער נישט צי זיי - אסר'ן זיי נישט

איז דאך די קשיא פין דעת תורה אופען גנת ורדים זייער שווער – פארוואס זאגט ער אז אויב סאיז דא מער וואס זענען מחלל שבת אין זיי זענען נישט בכלל העירוב – טאר מען נישט טראגן – אין סימן שפ"ב שטייט דאך אז דער וואס דאס רשות גהער נישט צי עהם אסר'ט

נישט – אין מקען נישט ענפערין אז ביי רבים איז אנדערש ווייל רבים קענען נישט ווערן קיין געסט – ווייל דאס וואס רבים קענען נישט ווערן קיין געסט – דאס איז נאר
אז זיי זאלן נישט טארן טראגן אבער נישט אז זיי זאלן קענען אסר'ן

לאחר העיון טראכט איך אז מקען פארענפערן דעם דעת תורה'ס קשיא – אין זאגען אז דער גנת וורדים האט דאס בכלל נישט געמיינט – ווען דער גנת ורדים רעט וועגן דינגען דעם רשות פין צידוקים ווערט אראפגברענגט ווייטער דף ל"א דארטען זאגט ער נישט – ווייל זיי זענען נאר יחידים

ער זאגט דאס נאר ווען ער רעט פין איינעם וואס האט זיך ל"ע געשמד נאכען מאכען דעם עירוב – וואס דעמאלט העלפט נישט זיין חלק פת אסר'ט ער דאך – אויף דעם זאגט ער – אז אויב מען דינגט דעם רשות פין ממשלה ווערט דער רשות פין די יחידים יודען נכלל בכלל המרובים – אין דעם שכירת (כאטשיק אז ווען מען האט געדינגען איז ער גווען בכלל עירובי פת אין נישט בכלל השכירות – אעפ"כ זאגט מען יעצט אז ער איז יא בכלל שכירות)

דער זעלבע זאך שרייבט דער שואל פין מהר"ם שיק (דער שואל איז דער שבילי דוד) או"ח סימן קע"ט – מיט אן אנדערע הסבר – ער פרעגט דארטען – אויב מקען דינגען פין ממשלה א יוד'ס רשות – **ווי אזוי קען מען מאכן א ברכה אויף דעם פת?** – מיז מען זאגען אז מען האט נישט אינזין צי דינגען דיע רשותים פין די שומרי שבת – איז אויב איינער איז קודם גוועהן א שומר שבת אין נאכדעם איז ער גווארן רח"ל א מחלל שבת – איז קודם איז ער גוועהן בכלל עירובי הפת אין נישט בכלל השכירות – אין יעצט העלפט מער נישט דער פת פאר עהם – איז פארוואס אסר'ט ער נישט? ענפערט ער אז יעצט איז מען זוכה למפרע פין שעת דעם דינגען – ד.ה. אז יעצט זאג איך אגלאי מלתא למפרע אז ער איז גוועהן נכלל אין די שכירות

דא קען מען נישט פרעגען דעם דעת תורה'ס קשיא – מען זאל זאגען אז דער רב האט נאר געדינגען פאר די שומרי שבת – אין די נישט שומרי שבת זאלן נישט קענען אסר'ן – ווייל בשעת דער רב האט געדינגען איז ער נאך גווען א שומר שבת - האט דאך דער רב יא געדינגען פאר עהם דער רשות - פאר דעם דארף מען ציקימען צי דער סברה אז ער איז נכלל בכלל השכירות – ד.ה. אז זיין רשות האט מען אפגדינגען פין ממשלה – אין נישט גדינגען אלע רשותים פאר עהם

אויך קען מען נישט פרעגען וואס איז אנדערש ווען רוב שטאט איז בשעת'ן מאכען דעם עירוב – גוועהן שומרי שבת אין נאכען מאכן דעם עירוב זענען זיי געווארען ל"ע מחללי שבתות – וואס באדעם קימט אויס פין גנת ורדים אז עס העלפט נישט – ווייל מדארף פרעגען אדרבה – פארוואס אויף דעם מיעט העלפט דאס יא – סקען זיין אז דאס מיינט דארטען דער מהר"ם שיק צי פרעגן ווען ער שרייבט "דער לשון איז מגומגם איך האב זיי נישט פארשטאנען"

עכ"פ ביז דא האבן מיר א גיטן היתר – דער שבות יעקב (אויך דער ריב"ש, אויך דער גנת ורדים) אז

מען קען דינגען דעם יוד'ס רשות אין מען דארף נישט זייער פת

אבער ווען מקיקט אריין אין שו"ע סימן ש"פ זעהט מען לכאורה א סתירה צים שבות יעקב ווייל דארטען אין סעיף ג' איז דא א מחלוקת צי מקען דינגען א רשות פין א יוד – איז דאך שווער ווי אזוי זאגט דער שבות יעקב פאר א דבר פשוט אז שכירת הרשות העלפט אפילו אויף דעם יוד'ס רשות? סאיז דאך א מחלוקת!

לויט דעם מ"א וואס וויל דארטען זאגען – אויב מען דינגט אינדערוואכן האלט יעדער אז מקען דינגען אפילו פין א יוד – איז גארנישט שווער ווייל דער שבות יעקב רעט נישט ווען מען דינגט אין שבת

אבער לויט דעם ט"ז וואס האלט אז אפילו ווען מען דינגט אינדערוואכן איז אויך דא דער מחלוקת – אין דער א"ר זאגט אז דער הלכה איז אזוי ווי דער ט"ז אין נישט ווי דער מ"א – איז דאך שווער אופען שבות יעקב

אבער באמת איז גארנישט שווער ווייל דער ט"ז זאגט דארטען – דער טעם פארוואס סהעלפט נישט קיין שכירות פין א יוד – וויבאלד שכירות – איז אפילו ווייניגער פין א שוה פרוטה אין ווען מען דינגט פין א יוד דארף זיין א פרוטה האבן די חכמים אינגאנצען אוועקגנימען דאס דינגען פין א יוד (ווייל זיי האבן מורא געהאט טאמער וועט מען דינגען ביי א יוד מיט ווייניגער ווי א פרוטה) [תוספות שבת] אין אזוי זאגט אויך דער קרבן העדה אופען ירושלמי

לויט דעם איז גארנישט שווער אופען שבות יעקב ווייל דער שבות יעקב רעט ווען מען דינגט פין א גוי (ממשלה) וואס ביי עהם איז דאך יא דא פחות משוה פרוטה (ווייל א בן נח איז נהרג על פחות משוה פרוטה) קען איך ביי עהם דינגען דאס רשות פין א יוד (דעת תורה סימן שפ"ה)

היוצא לנו מיר האבן א גיטן היתר – דעם שבות יעקב וואס ער איז מתיר צי דינגען דעם יוד'ץ רשות פין א גוי (אויך דער ריב"ש, אויך דער גנת ורדים) אין אפילו סאיז דא רבים (שומרי תורה) וואס שטערן – שאט עס נישט אין מדארף נישט זייער פת – אזוי שטייט אויך אין ובחרתה בחיים סימן קכ"ב, אזוי שטייט אויך אין ערוך השלחן סימן שפ"ה, אזוי שטייט אויך אין מהר"ם שיק סימן קע"ט בשם דעם שואל, אזוי שטייט אויך אין ספר תשורת ש"י סימן שכ"א אין אזוי שטייט אויך אין קצות השלחן סימן ק"ה בדי השלחן ס"ק כ"ו – אז מקען אפדינגען דעם יוד'ס רשות אין ווען מדינגט פין ממשלה קען אן אינו מודה בעירוב נישט מעכב זיין – לכאורה איז נישט דא קיין חילוק צי א שומר תורה ומצות איז מעכב צי א מומר איז מעכב (דא האב איך נאך נישט געוויסט פין דעם דברי מלכיאל – וואס מאכט יא א חילוק פין א שומר תורה ומצות וואס איז מעכב צי א מומר איז מעכב – אין דף כ"ח בין איך מבאר ווי אזוי מען געט זיך אן עצה מיט דעם דברי מלכיאל)

דארט ווי עס איז א זכות - צי קען מען מזכה זיין פאר עהם אפילו ווען ער שרייט אז ער וויל נישט - ווייל איך נעם נאך אלץ אהן אז עס איז א זכות פאר עהם

פאר איך הייב אהן מבאר צי זיין דער הלכה וויל איך געבן אן הקדמה בקיצור די שיטות פין

שו"ע או"ח סימן שס"ז

שיטת הרא"ש: אויב ער איז גוועהן רגיל מערב צי זיין ציזאמען מיט די בני החצר אפילו ער אסר'ט נישט - אדער ער אסר'ט יא אפילו ער איז נישט גוועהן רגיל מערב צי זיין - מעג זיין ווייב געבן ברויט צים עירוב בעל כרחו

לויט דעם רא"ש איז נישט דא קיין היתר פאר די בני החצר צי נעמען פין עהם פת בעל כרחו (אהן דער רשות פין זיין ווייב) **אפילו ווען ער איז גוועהן רגיל לערב אין ער אסר'ט**

שיטת הרמב"ם: ווען ער איז גוועהן רגיל לערב אין אויך טיט ער אסר'ען מעגען די בני החצר נעמען פין זיין פת בעל כרחו (דער ביא"ה פסק'ענט ווי דער שיטה – אז פין א רגיל לערב וואס איז אויך אן אוסר מעגן די בני החצר נעמען פין זיין פת בעל כרחו)

אויב ער איז נישט גוועהן רגיל מערב צי זיין מיט זיי ציזאמען - אבער ער טיט אסר'ן - קען בי"ד נעמען פין עהם פת בעל כרחו (דער מ"ב בשם הא"ר זאגט אז דער הלכה איז אליבא דכ"ע – דער מקור פין דער הלכה איז דער ירושלמי)

דער פרי מגדים אין שס"ז זאגט אפילו דארטען ווי ער איז גוועהן גוואוינט מערב צי זיין מיט די בני החצר אין יעצט וויל ער מער נישט – וואס דער רא"ש האלט אז זיין ווייב מעג געבען פת בע"כ – דאס איז נאר אויב זי געט – **אבער אויב מען איז מזכה פאר עהם פת בעל כרחו** – קען זיין אז סהעלפט נישט ווייל ער וויל נישט זוכה זיין

דער ובחרת בחיים סימן קכ"ג – זאגט אז דער פרי מגדים האט נישט גזעהן דעם רשב"א אין קדושין דף כ"ג – וואס דער רשב"א זאגט דארטען – אז ביי א זכות ממש אזוי ווי באפרייען אן עבד וואס סאיז א זכות פאר עהם ווייל ער ווערט דאך מחויב במצות – קען מען מזכה פאר עהם דעם שטר שחרור אפילו ער שרייט אז ער וויל נישט

וועט זיין דער זעלבער זאך ביי עירוב ווען ער איז גוועהן רגיל אין אוסר קען מען מזכה זיין פאר עהם בעל כרחו

כאטשיק דער רשב"א דארטען לייג צי נאך א מעליתא פארוואס מען קען מזכה זיין בעל כרחו – ווייל ווען דער עבד וואלט גוועהן דא – וואלט מען עהם גקענט צווינגען ארויס צי גיין לחירות במילא קען מען עהם מזכה זיין בעל כרחו – דא איז דער זעלבער זאך ווייל דא קען אויך די בני החצר נעמען פין עהם פת בעל כרחו עכת"ד

באמת פארשטייי איך נישט דעם ובחרת בחיים מיט זיין טענה אויף דעם פרי מגדים – דער פרי מגדים רעט דאך נישט ביי אוסר ער רעט דאך נאר ביי רגיל וואס דארט קען מען עהם נישט צווינגען (נישט די בני החצר אין נישט בי"ד) – במילא איז נישט דא דער היתר פין רשב"א ווייל סאיז דאך נישט דא דער צווייטער מעליתא – אין אפילו דער ערשטער טענה פין רשב"א פין "זכות גמור" איז אויך נישט אזוי קלאר אויב סאיז שייך ביי עהם ווייל סאיז דאך נישט קיין שטארקע זכות פאר עהם ווי עס שטייט דארטען אין פמ"ג – נאר דער לשון איז מגומגם – ווייל ער דארף דאך נישט דעם זכות ווייל ער ניצט דאך גווענטלעך דער אנדערע זייט ווייל

טאמער וואלט ער ווען יא געניצט דער זייט וואלט ער דאך גוועהן אוסר וצ"ע אויף דעם ובחרת בחיים

אין דאס וואס דער ובחרת בחיים זאגט ביידע תנאים רגיל אין אוסר – איז נאר ליתר שאת ווייל אזוי איז זיין מעשה – אבער באמת **דארף זיין דער היתר אפילו ביי אוסר אליינס** ווייל אפילו אז ביי אוסר אליינס – קענען נישט די בני החצר נעמען פין עהם פת בעל כרחו – אבער בי"ד קען דאך יא צווינגען אפילו ביי אוסר אליינס ווי עס איז אויבען דערמאנט – איז עס דאך גלייך צי עבד וואס מען קען מזכה זיין בעל כרחו – כאטשיק דארטען קען אויך נישט די בני החצר צווינגען דעם עבד – נאר בי"ד קען צווינגען – די זעלבע איז ביי עירוב

אזוי שטייט אויך אין מחזה אברהם סימן ע"ג אז לויט דעם רשב"א קען מען מזכה זיין פת בעל כרחו - אפילו ביי אוסר אליינס

כאטשיק אז מיר האבן דא א גיטן היתר – דעם רשב"א וואס דער ובחרת בחיים פארלאזט זיך אויף עהם אין אזוי זעהט אויס האבן געהאלטען צוויי אב בי"ד'ס פין פוטיק ווי עס ווערט דערמאנט אין מחזה אברהם סימן ע"ד אין ע"ה – אבער דער מחזה אברהם איז דוחה דעם היתר – ער טענה'ט אז דער רשב"א איז א יחיד – אין דער הלכה איז נישט ווי דער רשב"א – ווי מיר זעהן אין יו"ד סימן רס"ז סעיף מ"א איז גע'פסק'ענט קעגען דעם רשב"א

פין דער אנדערע זייט – אבער קען מען מחלק זיין פין עבד צי עירוב מקען זאגען אז דאס וואס די ראשונים קריגען זיך מיט דעם רשב"א – דאס איז נאר ביי עבד ווייל סאיז נישט קיין זכות גמור ווייל ער ווערט דאך גאסר'ט מיט א שפחה וואס זי איז פרוצא ליה אין עבדא בהפקרא ניחא ליה – מיר זעהן דאך אז ר' מאיר האלט אז סאיז א חוב פאר אן עבד ארויס ציגיין לחירות במילא ווען ער שרייט אז ער וויל נישט ארויס גיין – נעמען מיר אהן אז עס טאקע א חוב פאר עהם – אבער ביי עירוב וואס סאיז א זכות גמור וועלען די ראשונים מודה זיין צום רשב"א

אין לויט דער סברה פסק'ענט דער ספר עין יצחק ח"א אבה"ע סימן א' ענף א' אות ד' אז מקען מזכה זיין א גט פאר מומרת אפילו זי איז מוחה – אין אפשר אז מען וועט נאכקיקען אין די פוסקים וואס ווערין ציגעצייכענט אין אוצר הפוסקים אבה"ע סימן א' וואס זענען מתיר מזכה צי זיין א גט פאר מומרת – וועט מען טרעפין נאך פוסקים וואס נעמען אהן דער סברה

היוצא לנו מיר האבן צוויי היתרים – איינס דער שבות יעקב אז מדארף גארנישט קיין פת – צווייטענס דיע וואס זענען בשיטת הרשב"א אז ביי א זכות גמור קען מען מזכה זיין בעל כרחו – אפילו מוועט טענה'ן אז דער צווייטער היתר איז נישט לויט יעדער איינער – איז עס אבער זייער א שטארקען סניף צים ערשטען היתר – אויך איז אזוי נהוג מימי קדם ווי דער ובחרת בחיים שרייבט – **"מען האט קיינמאהל נישט געהערט אזא טענה** (פין נישט מסכים זיין צים עירוב) סיי ווען עס איז גוועהן א מחלוקת פין א יחיד סיי ווען עס איז גוועהן א מחלקות פין רבים – סאיז נישט שייך צי זאגען אז עס איז קיינעם נישט איינגעפאלען אזא מין טענה (פין נישט מסכים זיין צים עירוב) - **אין אעפ"כ האבען מיר קיינמאהל נישט גהערט אזא טענה**

- איך בין נישט זוכה אין דעם פת" עכת"ל

נאך קען מען מחזק זיין דער שיטה פין ובחרת בחיים – דורך פארענפערען די טענה פין מחזה אברהם אז דער שו"ע אין יורה דעה סימן רס"ז האט גפסק'נט קעגען דעם רשב"א – מקען זאגן אז אין יורה דעה האנדעלט מען מיט עניני דאורייתא – צי מעג ער חתונה מיט א ישראלית צי טאר ער נישט – פארדעם נעמט מען דארטען אהן ווי רוב ראשונים וואס קריגן אויף דעם רשב"א

אבער ביי עניני דרבנן אין דער צי ביי עניני עירוב (ווי דער ובחרת בחיים זאגט דארטען) וואס דארטען נעמט מען אהן אפילו ווי א דעת מיעטת ווי עס ווערט דערמאנט ווייטער דף ל"ג – דארטען קען מען אהנעמען ווי דער רשב"א

אין דאס וואס די רבנים שרייבען אז סאיז נאך קיינמאהל נישט גוועהן אזא עירוב - איז "שקר וכזב" סיי אין שבות יעקב שטייט - אז רבים קענען נישט מעכב זיין ווי עס איז אויבען דף ו' דערמאנט - אין סיי אין מחזה אברהם רעט מען אז רבים האבן מעכב גווען - סרעט זיך דארטען אז דער שטאט איז גוועהן ציטיילט אין צוויי - אין אעפ"כ האבן די בעלי פלוגתא פין מחזה אברהם מתיר גוועהן - אויך אין ובחרת בחיים ווי איך יעצט דערמאנט שטייט אז רבים קענען נישט מעכב זיין (זעה אויך דף מ"ז)

אויך זעהט מען אז דאס וואס זיי טענה'ן אז עס איז נישט קיין זכות פאר זיי ווייל עס קימט ארויס א קלקל – אז עס איז נישט קיין טענה – מקען דאס מדייק זיין פין דעם וואס דער ובחרת בחיים זאגט "סיי ווען עס איז גוועהן א מחלקות אופען עירוב פין רבים" דערמאנט פריער - קימט אויס אז דער צד המתיר האט זיך נישט גערעכענט מיט דעם צד האוסר ד. ה. כאטשיק דער צד האוסר האט געהאלטען אז עס איז א קלקל – אין דאס איז גוועהן אפילו דער צד האוסר האט גאסר'ט מכח הלכה – נאך אלץ האט דער צד המתיר געהאלטען אז עס איז א זכות – אין מכ"ש בעניננו **וואס עס איז נישט דא קיין גרעסערע זכות פאר זיי פין דאס - וואס מיר שטייען על המשמר אין מיר לאזן זיי נישט "מבטל זיין תורת משה "**

אין דאס וואס זייער'ס א רב האט גטענה'ט ביי א דרשה לאמיר נישט דן זיין ביי עירוב לאמיר דן זיין ביי א חושן משפט שאלה – ווען א מענטש שרייט אז ער וויל נישט זוכה זיין – קען מען עהם דען מזכה זיין בע"כ? – א וודאי נישט

דאס איז גארנישט קיין טענה ווייל א מתנה איז נישט קיין זכות גמור – ווייל שונא מתנות יחיה – סאיז נאר א זכות ווייל דער מענטש גליסט אויף דעם – קען מען עהם נישט מזכה זיין בע"כ – אבער ביי עבד וואס סאיז א זכות גמור עהם צי באפרייען ווייל ער ווערט דאך מותר מיט א בת חורין אויך ווערט ער מחויב במצות ווי אן איש – קען מען עהם מזכה זיין בע"כ (אזוי זאגט דארטען דער רשב"א – קדושין דף כ"ג ע"א ד"ה ולענין) אין דער זעלבע איז ביי עירוב ווי דער ובחרתא בחיים איז מדמה די צוויי זאכען – אין אפילו אויב דער זוכה האלט אז מטאר נישט טראגן מיט דעם עירוב – קען מען עהם נאך אלץ מזכה זיין ווי איך האב

פריער געשריבען – אז אזוי קימט אויס פין דעם ובחרתא בחיים

נאך האט דער רב גזאגט ביי דעם דרשה – ווי אזוי קען מען מזכה זיין דעם עירוב פאר מיר – ווען מיין רבי האלט אז עס איז א עבירה זוכה צי זיין – אפילו ווען דאס וואלט גווען אמת – וואלט דאס נישט גוועהן קיין טענה – ווייל דער רבי פין דיע וואס טראגן – האלט אז די מעגס יא זוכה זיין אין סאיז גארנישט דא קיין חשש – אין דאס איז דאך אויך מבואר אין די ווערטער פין דעם ובחרתא בחיים וואס ווערט אראפגברענגט אויבען ווי איך האב פריער געשריבן

נאך קען מען זאגען אפילו אויב סוואלט אמת גוועהן אז סאטמער רבי האט חושש גווען אז סקען ארויס קימען א תקלה פין האבן אן עירוב אין וויליאמסבורג – מיינט דאס נישט אז מען טאר נישט זוכה זיין – ווייל מען גייט נישט מאכען א וודאי תקלה וועגען א ספק תקלה

דאס וואס די מנגדי העירוב האבן געטיהן איז א וודאי תקלה סיי לויט זיי אין סיי לויט אינז – לויט זיי – דורך דעם וואס זיי האבן נישט זוכה גוועהן טראגען מיר באיסור – לויט אינז איז עס א וודאי תקלה – אויב זיי האבן אן עירוב אויף די גאס – צי איז דאס סוכות – אדער עס איז אויף די קליינע גאסען – ווייל מיר אסר'ן זיי – אויך די גוים וואס גייען דורך אסר'ן – ווייל לכאורה קויפען זיי נישט אפ דעם רשות פין ממשלה אזוי ווי איך האב געשריבען ווייטער אין דף נ"ה (אויך האב איך גפרעגט א יונגר מאן וואס איך בין היימיש מיט עהם – ער מאכט סוכות אן עירוב אויף די גאס – אויב ער האט אפגדינגן דעם רשות פין ממשלה? – האט ער מיר גענפערט שוין א פאהר יאהר וואס ער פרעגט שאלות סוכות צייט וועגן דעם עירוב – אין די רבנים האבן עם קיינמאהל נישט ערוועהנט – וועגן דינגן דעם רשות – אויב עס איז אמת – אז מען דארף דינגן דעם רשות – וואלט דאס גדארף ארויפקימען אויפען טיש – ער האט מיר פארשפראכען – אז איבער א יאהר – וועט ער פרעגן זיינע רבנים – דעם אנדערע יאהר פרעג איך עהם – נא וואס האסט די געטיהן וועגן דינגן דעם רשות – ענפערט ער – ער האט גטיהן דעם סוכות אזוי ווי א יעדעס יאהר – אזוי זעהט אויס טיען די אלע וואס באניצען זיך מיט די קליינע עירובין'ס)

אויך האב איך א שאלה צי די מנגדי העירוב – פארוואס האט סאטמער רבי נישט גמאכט זייער חכמה – ווען ער איז גוועהן קעגן דעם קרן לדויד'ץ עירוב?

אבער באמת האלטען די סאטמערע רבנים דיע וואס גייען גלייך – אין זענען נישט קיין אנגעשטעלטע אין סאטמער – די זעלבע ווי ר' פישל – אז סאטמער רבי האט קיינמאהל נישט חושש גוועהן צי מאכען אן עירוב אין וויליאמסבורג – ווען עס איז דא א גיטן הכשר

– מיט די תורה קען מען זיך נישט שלאגן!

נאך א היתר האב איך געטראפן – דער מרכבת המשנה אין פ"ה מהלכות עירובין ה"ה שרייבט אז ביי רגיל אין אוסר קען מען נעמען פין עהם פת בעל כרחו – אבער ביי אוסר אליינס כאטשיק מקען נישט נעמען פין עהם פת בעל כרחו – קען מען עהם אבער **מזכה זיין**

פת בעל כרחו – ער טייטשט אזוי אריין אין רמב"ם – אז נישט בי"ד צווינגט נאר די **בני החצר צווינגען** – ווי אזוי צווינגט מען עהם? – מען איז מזכה פאר עהם פת בעל כרחו!

באמת איז מיר גוועהן שווער צי ברענגען אן אחרון וואס האט א נייע פשט אין רמב"ם קעגען די פוסקים (אין נאך מער ער איז דאך קעגן דער מגיד משנה – וואס איז לכאורה גוועהן א ראשון) איך האב אבער געטראפן אזוי – אין מאירו עירובין דף פ. – דער מאירו זאגט דארטען אז דאס וואס דער גמרא זאגט אז ביי רגיל אין אוסר קענען די בני החצר נעמען פת בעל כרחו – **מיינט אז מען איז עהם מזכה פת בעל כרחו** – אין נאך שבת מאנט מען איין פין עהם זיין חלק פת בעל כרחו

לויט דער מאירו דארף אויסקימען – אז דער זעלבער זאך וועט זיין ביי אוסר אליינס וואס בי"ד קען דארטען צווינגען – אז בי"ד וועט קענען מזכה זיין פת בעל כרחו (דער עירוב פין ווילאמסבורג אין דער זיכו הפת איז דאך געמאכט געווארן דורך א בי"ד)

אויך זעהט אויס אז דער חידוש פין מאירו האט נישט ציטיהן מיט דעם רשב"א – אין אפילו די ראשונים וואס זענען חולק אויף דער רשב"א וועלען מודה זיין ביי עירוב – אפילו אויב מיר וועלען אננעמען אז זיי זענען חולק אויף עהם נישט נאר ביי עבד – נאר איבעראהל (אין נישט אזוי ווי דער עין יצחק דערמאנט אויבען) – אבער ביי עירוב וועלען זיי מודה זיין – אהן דער סברא פין רשב"א פין זכות גמור – **ווייל סאיז נישט קיין דין פין זכייה – סאיז א דין פין כפיה**

מקען מסביר זיין דעם סברת המאירו – ווייל לכאורה איז שווער ווי אזוי קען מען ארויפצווינגען אן עירוב בעל כרחו – אפילו אויב הפקר בי"ד הפקר – דאס וועט העלפען אז דאס נעמען די ברויט זאל נישט זיין קיין גזילה – אבער ווי אזוי קען מען עהם משתתף זיין בע"כ – דער ברויט איז טאקע מער נישט זיין'ס אבער סוף כל סוף האט ער זיך נישט משתתף געוועהן (מקען נישט ענפערען – אז כופין אותו עד שיאמר רוצה אני – ווייל סשטייט נישט בכלל ביי עירוב אז ספעלט אויס – מזאל צווינגען ביז ער זאגט רוצה אני – אין דאס וואס דער לבוש זאגט "כופין אותו עד שיאמר רוצה אני" (דאס איז א לשון פין מגיד משנה פ"ה) – זאגט ער נאר – נאך אן אופן ד. ה. כופן וכו' אדער מנעמט פת בעל כרחו)

מיז מען זאגען אז די חכמים האבען עהם משתתף געוועהן בע"כ (דאס הייסט מען צווינגט ארויף – דעת אויף עהם – איי קען מען פרעגען ווי אזוי האבן די חכמים א זאן כח – קען מען ענפערען הם אמרו והם אמרו) – **איז אויב די חכמים האבן עהם געמאכט אזוי ווי ער וויל "יא" – קען מען דאך מזכה זיין די ברויט פאר עהם - ווייל אפילו ער שרייט אז ער וויל נישט – האבען די חכמים געמאכט אזוי ווי ער וויל יא**

יעצט אז מיר האבען א מאירו – וועט דער מאירו פושט זיין דעם פמג"ד ספק (דאס הייסט אז אפילו מיר וועלן אהננעמען אז דער פמג"ד איז מסופק אפילו ביי אוסר – אין נישט אזוי ווי איך האב געוואלט זאגען אויבען דף י"ב אז דער פמ"ג'ס ספק איז גוועהן נאר ביי רגיל)

אין אודאי אז מיר וועלען זיך נישט ציהערן צי אחרוני אחרונים (מחזה אברהם) קעגען דעם **מאירו** אין מסתמא אויב זיי וואלטען געזעהן דעם מאירו וואלטען זיי זיך מבטל גוועהן פאר דעם מאירו – איך וועל דא צי ברענגען דעם לשון פין ישועת יעקב או"ח סימן ל"ב סעיף ט"ז – שרייבט ער דארטען אויף א ענין "איך האב אויך אזוי געהאלטען פין אנפאנג אבער נאך דעם וואס איך האב געזעהן דעם מאירו – **וואס זיין דעת איז ברייטער פין אינזערע"** – נעם איך אהן וואס דער מאירו זאגט – ר' שלמה קליגער האט מסתמא נישט געזעהן דעם מאירו – וועגען דעם האט ער געדארפט ברענגען א לומדישען היתר פין דער וייטענס – "דער רשב"א אין קדושין"

א פערדע היתר קען מען זאגן ווי אזוי מען קען מאכן אן עירוב בע"כ – וויבאלד דער מחאה אויף דעם עירוב מיט דעם לשון "מיר ווילען נישט זוכה אין דעם פת" איז געקימען נאך דעם וואס דער עירוב איז שוין געשטאנען קען מען האלטען דעם עירוב בע"כ **אפילו ביי אוסר אליינס אין סאיז נישט רגיל** – ווי דער שו"ע הרב אין סימן שס"ז פסק'ענט ע"פ דער רא"ש ד. ה. דער שו"ע הרב אין אזוי זאגען אויך אנדערע אחרונים (זיי ווערען ציגעצייכענט אין שער הציון סימן שס"ז ס"ק ט"ז) **זיי פארענפערען אזוי דעם סתירת הרא"ש וואס ווערט אראפגברענגט אין מ"א ס"ק ה'** – אז ווי האלט דער רא"ש אז אפילו ביי אוסר קען מען נישט נעמען קיין פת בע"כ דאס איז נאר ווען מען מאכט אן עירוב לכתחילה אבער דארטען ווי בשעת מאכען דעם עירוב האט ער מסכים גוועהן צי געבען ברויט אין נאך דעם האט ער חרטה אין ער בעהט צריק זיין חלק ברויט – דארטען מעג מען האלטען די ברויט בע"כ – ווייל די חכמים האבען נישט מתיר גוועהן צי צינעמען פין יענעמס רשות **אבער** אויב סליגט שוין אין דעם רשות פין די בעלי העירוב מעג מען עס האלטען בע"כ (אין די אחרונים שטייט נישט ארויס אז מען זאל מעגען האלטען די ברויט אפילו באינו רגיל **אבער** אין שו"ע הרב שטייט יא) – דער שו"ע הרב איז זייער מדיוק ווייל דער רא"ש שטעלט דאך צי דער גמרא פין בני מבוי נוטלין בע"כ – אין אויף דעם זאגט דער רא"ש אז דאס איז דווקא ביי רגיל אבער ביי אינו רגיל קען מען נישט האלטען דעם עירוב בע"כ (ווי די אחרונים לערנען פשט אין רא"ש) – קען מען פין דעם פושט זיין אז מען רעט רגיל ואינו אוסר ווייל אזוי לערענט דאך דער רא"ש אין פרק חלון דער מימרא "אחד מבני מבוי שרגיל להשתתף עם בני המבוי ולא נשתתף באין בני מבוי ונוטלין בע"כ" אז סרעט זיך ביי **רגיל ואינו אוסר** – אין דער רא"ש האלט אויך דארטען אוסר ואינו רגיל האט דער זעלבער הלכה ווי רגיל ואינו אוסר – איז זייער גיט וואס דער שו"ע הרב זאגט אז ביי אוסר אדער רגיל קען מען האלטען דעם עירוב בע"כ אויב מען האט דאס גענימען מיט הסכמה

וועט מען פרעגען דער היתר איז דאך נאר לויט דעם רא"ש אין דער ביה"ל אין שס"ז איז מסתפק צי דער הלכה איז ווי דער רא"ש – **קען מען ענפערין** – אז מקען זיך אפשר פושט זיין דעם משנה ברורה'ס ספק וויבאלד דער א"ר, אין דער שו"ע הרב פסק'ענען ווי דער רא"ש אין אזוי איז דער מחבר אין סימן שפ"ב סעיף י"א סותם – ווי דער מ"ב זאגט דארטען בשם הגר"א אז דער סתימת המחבר איז לויט דער רא"ש – קען מען לכאורה פושט זיין אז אזוי איז

דער הלכה

(איך מיז דא קלאהר מאכען – אז מקען זיך נישט פושט זיין פין שוע"ה וואס ער האט נישט מעתיק גוועהן בכלל דעם שיטת הרמב"ם – אז ער האלט קעגען דעם ביאה"ס הכרעה דארטען – וואס איז מכריע אז אפילו אויב דער הלכה איז ווי דער רא"ש איז נאך אלץ דער הלכה ווי דער רמב"ם אז ביי רגיל אין אוסר קענען די בני המבוי נעמען פין עהם די ברויט בע"כ ווי איך האב געשריבען אויבען דף י"ב – מקען זיך נישט אזוי אויפדרינגען – ווייל אפילו אויב דער שוע"ה האט געהאלטען נאר ווי דער רא"ש אין בכלל נישט ווי דער רמב"ם האט ער נאך אלץ דאס גדארפט אפפסק'ענען – אויך ער האט דאך נישט מעתיק גוועהן דער אנדערע הלכה אז ביי אוסר אליינס קען בי"ד נעמען בע"כ – אפילו אויב ער האלט נאר ווי דער רא"ש האט ער נאך אלץ געדארפט מעתיק צי זיין דער הלכה וואס דאס איז מוסכם אפילו לויט דעם רא"ש ווי דער א"ר זאגט ווערט אויך אויבען אראפגברענגט אין אפילו אויב ער האלט אזוי ווי דער עצי אלמוגים (זעה ווייטער דף מ"ט) וואס איז מסופק צי דער הלכה איז מוסכם לויט דער רא"ש האט ער נאך אלץ געדארפט דאס מעתיק צי זיין – אויך האט ער געדארפט זאגען אז עכ"פ ביי רגיל קען בי"ד נעמען בע"כ אזוי ווי דער עצי אלמוגים זאגט – ע"כ טראכט איך אז דער סיבה וואס דער שו"ע הרב האט נישט מעתיק די צוויי הלכות א)אז רגיל אין אוסר מעגען די בני המבוי נעמען פת בע"כ ב)אז ביי אוסר אליינס מעג בי"ד נעמען בע"כ – ווייל ער האט מורא געהאט פאר דער ממשלה – ווייל אין רוסלאנד האט קיינער נישט געטארט האבען קיין כח צי צווינגען נאר דער ממשלה אליינס)

אין ווייטער דער צווייטער יאהר באקימט שוין אן הלכה ווי "רגיל" – וואס דער ביאה"ל אין סימן שס"ז איז מכריע ביי איהר ווי דער רמב"ם אז מען מעג נעמען בע"כ – סווערט אראפגברענגט אויבען דף י"ב – **במילא קען מען מזכה זיין בע"כ** – אזוי זעהט זיך אויס פין דעם ובחרת בחיים סימן קכ"ג אז דער צווייטער יאהר הייסט עס רגיל ווייל אזוי זאגט ער דארטען – "ואף גם לשנה הבאה וכו' וברגיל לערב" – קימט אויס אז די נעקסטע יאהר הייסט עס שוין רגיל

אזוי זעהט אויך אויס פין דער מרכבת המשנה אין פ"ה מהלכות עירובין ה"ה – ווייל ער פרעגט דארטען לויט דער ה"א וואס "בני מביא כופין לעשות לחי וקורה" רעט זיך ביי רגיל – אין – אין דער מימרא שטייט דאך גארנישט דער תנאי פין רגיל? – ענפערט ער – ווייל מקען איינזעצען די ווערטער "בני מביא כופין לעשות לחי וקורה" – אז סרעט זיך אז סאיז שוין דארטען גוועהן א לחי אדער א קורה סאיז נאר ציבראכען געווארען – זעהט מען פין דעם אז א זמן מה מאכט עס פאר "רגיל" אין מכ"ש א יאהר

אין דאס וואס דער פמ"ג אין סימן שס"ח איז דן וויפעל מאהל הייסט "רגיל" צי צוויי מאהל – אדער סדארף זיין דריי מאהל – קען מען ענפערען דריי עראי דיקע מאהל אבער א קביעת דיקע גאנצע יאהר איז דער פמ"ג אויך מודה אז עס מאכט עס פאר רגיל

(לכאורה קען מען פרעגן אז דאס איז נישט קיין פערדע היתר ווייל אפילו סהייסט ווי רגיל – דארף מען נאך אלץ אנציקימען צים רשב"א אין מאירו – מען זאל דעם צווייטען יאהר קענען מזכה זיין בע"כ – מ"מ איז עס נאך אלץ אן הוספה – ווייל למעשה ניצט דער ובחרתא בחיים דעם רשב"א – ביי רגיל – נאר מיר האב אויבען געשריבען אז דער זעלבע זאך וועט זיין ביי אינו רגיל – מיר האבן

א ראיה גברענגט פון מחזה אברהם – יעצט אז מיר קענען מתיר זיין דעם ערשטען יאהר אהן דעם ובחרתא בחיים סזאל ווערן רגיל – הייסט עס א תוספות היתר

אין דער זעלבע זאך וועט זיין שייך אויף דער היתר פין מאירו – ווייל דער מאירו האט מתיר גוועהן ביי אוסר אין רגיל – נאר מיר האבען געשריבען אויבען – אז דער זעלבע זאך וועט זיין ביי אוסר אין מען איז מזכה דארך א בי"ד – יעצט אז מיר האבען אוסר אין רגיל – איז עס אן הוספה)

איי וועט מען טענה'ן אז כאטשיק דער מחאה בלשון "איך בין נישט זוכה אין דעם פת" איז טאקע געקימען נאך דעם וואס דער עירוב איז שוין געשטאנען - אבער מען האט דאך מוחה גווען נאך פאר מען האט גמאכט דעם עירוב בלשון "מיר ווילען נישט קיין עירוב אין וויליאמסבורג"

אויף דעם איז דער תירוץ – אז ווי דארף מען דעם היתר פין ובחרת בחיים וואס ווערט אראפגברענגט אויבען דף י"ג "מען האט קיינמאהל נישט געהערט אזא טענה (פין נישט מסכים זיין צים עירוב) סיי ווען עס איז גוועהן א מחלוקת פין א יחיד סיי ווען עס איז גוועהן א מחלקות אופען עירוב פין רבים – סאיז נישט שייך צי זאגען אז עס קיינעם נישט איינגעפאלען אזא מין טענה (פין נישט מסכים זיין צים עירוב) – אין אעפ"כ האבען מיר קיינמאהל נישט גהערט אזא טענה – איך בין נישט זוכה אין דעם פת" עכת"ל – דארטען ווי מען איז מוחה בלשון איך וויל נישט זוכה זיין אין דעם פת – אבער דארטען ווי מען איז סתם מוחה איז דאך פשוט אז עס איז אייביג גוועהן מוחים אין מען האט קיינמאהל נישט חושש גוועהן צי זאגען אז זיי האבען נישט זוכה גוועהן אין דער פת – ווייל אפילו איינער איז קעגען דעם עירוב מיינט נישט אז ער וויל נישט זוכה זיין אין דעם פת – אויפען צד אז דער עירוב איז יא א גיטער עירוב – בפרט אז אויב זיי זענען נישט זוכה אין דעם עירוב טארען זיי נישט טראגען מיט זייער עירוב ווייל מיר אסר'ן זיי (אפילו אויב אינמיטען יאהר וועלן זיי זיך אן עצה געבען – אבער סוכות וועלען זיי זיך נישט קענען קיין עצה געבען)

קיצר היוצא לנו: מיר האבען פיר היתרם - ווי אזוי מיר קענען מאכן אן עירוב בע"כ

א)דער שבות יעקב דורך אפגעקויפען דעם רשות פין ממשלה במילא קען קיינער נישט מעכב זיין – ווייל זייער רשות גהערט נישט מער צי זיי נאר צי אינז – לפי זה דארפען מיר נישט קיין ברויט פין זיי – דיע יודן וואס ווילען דעם עירוב זענען זיך משתתף מיט פת אין דיע יודען וואס ווילען נישט דעם עירוב – האבען מיר אפגעקויפט זייער רשות – (וואס איך האב פארפעלט מבאר צי זיין אין דעם ענין – האב איך משלים גוועהן ווייטער פין דף כ"ה אין ווייטער)

ב) דער רשב"א אז ביי זכות גמור קען מען מזכה זיין בע"כ – כאטשיק אז דער רשב"א איז מצריך א תנאי אז בי"ד זאל קענען צווינגען – אזוי ווי ביי עבד אויב ער וואלט דא גוועהן וואלט בי"ד עהם געצווינגען אז ער זאל ארויסגיין – דא איז דער זעלבע זאך בי"ד קען צווינגען אז מען זאל געבען ברויט – כאטשיק בזמנינו איז בי"ד אין ידם תקיפה צי צווינגען – איז דאס נישט משנה דער הלכה ווי עס שטייט דארטען אין ובחרתא בחיים סימן קכ"ג – **אין אפילו ביי אוסר ואינו רגיל קען בי"ד צווינגען ווי דער מ"ב ברורה בשם א"ר בשם דער מגיד משנה בשם דער ירושלמי - פסק'ענט – דער רשב"א איז נישט קיין דעת יחיד ווייל מקען זאגען אז עירוב איז בעסער פין עבד – ווייל עבד איז נישט קיין זכות גמור – ר' מאיר האלט אז עס**

איז א חוב פאר אן עבד ארויס צו גיין לחירות משא״כ עירוב וואס עס איז א זכות גמור קען מען זאגען אז די בעלי פלוגתא פין רשב״א וועלען מודה זיין צו עהם – דער סברה זאגט דער עין יצחק **ג)** ביי עירוב קען מען מזכה זיין בע״כ די ברויט אהן דער סברה פין רשב״א פין זכות גמור – ווייל סאיז נישט קיין דין פין זכיה סאיז א דין פין כפייה – לויט דער מאירו אז ביי רגיל אין אוסר וואס דער רמב״ם האלט אז מען מעג נעמען ברויט פין עהם בע״כ – אהן א בי״ד (אין אזוי פסק׳ענט דער מ״ב) – זאגט אויף דעם דער מאירו אז פאר שבת איז מען מזכה דער ברויט פאר עהם בע״כ – אין נאך שבת מאנט מען איין פין עהם זיין חלק ברויט בע״כ – לויט דעם וועט זיין דער זעלבער הלכה ביי אוסר ואינו רגיל וואס נאר בי״ד קען איינמאנען די ברויט בע״כ – וועט עכ״פ בי״ד קענען מזכה זיין **בע״כ** (בדרך צחות – אינזער בי״ד זענען מוותרים זיי צווינגען נישט נאך שבת – די כת עקשנים – צו געבען זייער חלק פת) **ד)** וויבאלד דער לשון פין מוחה צו זיין אויף דעם עירוב בלשון **״מיר זענען נישט זוכה אין דעם פת״** איז געקימען נאך דעם וואס דער עירוב איז שוין געשטאנען – קען מען האלטען דעם עירוב בע״כ – לויט דעם ש״ע הרב ע״פ דעם רא״ש – אזוי פארענטפערט ער דעם סתירת הרא״ש – אז ווי האלט דער רא״ש ביי אוסר אליינס אדער ביי רגיל אליינס אז מען טאר נישט נעמען דעם ברויט בע״כ – דאס איז ווען מען נעמט בע״כ – אדער דארטען ווי דער עירוב איז גוועהן ברשות – אין נאך דעם בעט ער צריק זיין חלק פת – קען מען האלטען די פת בע״כ – סיי ביי אוסר אליינס אין סיי ביי רגיל אליינס – במילא האט מען געקענט האלטען דעם פת בע״כ – אין דער צווייטע יאהר – האט שוין באקימען דעם טיטול רגיל – איי וועט מען פרעגען אמת אז דער מחאה ״בלשון מיר ווילען נישט זוכה זיין אין דעם פת״ איז געקימען נאך דעם וואס דער עירוב איז שוין געשטאנען אבער פארט האט מען דאך מוחה גוועןנ נאך פאר דער עירוב איז געשטאנען – אפילו סאיז גוועןן בלשון ״מיר ווילען נישט קיין עירוב״ איז עס נאך אלץ א מחאה – וואס איז דער חילוק מיט וואס פאר א לשון מען איז מוחה – דער תירוץ אויף דעם איז – סאיז א גרויסען חילוק – ע״כ דארפען מיר דעם היתר פין ר׳ שלמה קלוגער דארטען ווי מען האט מוחה גוועהן בלשון ״מיר ווילען נישט זוכה זיין אין דעם פת״ אבער דארטען ווי מען האט נאר מוחה גוועןן בלשון ״מיר ווילען נישט קיין עירוב״ איז דאך פשוט אהן דעם גילוי פין ר׳ שלמה קלוגער – אז אייביג ווען עס איז גוועהן מחלוקת בישראל בענין דעם עירוב – האט דער צד המתיר קיינמאהל נישט חושש גוועהן אז דער צד האוסר איז נישט זוכה אין דעם פת – ווייל אפילו ער האלט נישט פין דעם עירוב – וויל ער נאך אלץ זוכה זיין אין דעם עירוב – אויף דעם צד אז דער עירוב איז א גיטער עירוב – אויך ער זאל נישט גאסר׳ט ווערן אין זיין קליינעם עירוב – דורך אינז

א פינפטען היתר קען מען זאגן ווי איך האב איך געשריבען ווייטער דף נ״ב – דאס איז דער היתר פין עצי אלמוגים אז וויבאלד מען דארף צאלען מסים אין אויב מען געט נישט דעם באשטימטע מס נעמט דער ממשלה צו דעם קרקע – קימט אויס – איז דער קרקע משועבד צו דער ממשלה – וועגען דעם קען מען אפדינגן פין דעם ממשלה די רשותים פין די מנגדי העירוב בע״כ

מקען צי לייגן א שטארקע סברה דער סברה האב איך גזעהן - אפשר אין ספר תיו יהושע - ווי אזוי קען מען זאגן - אז א מענטש איז א בעל בית אויף זיין רשות - אז דער ממשלה טיילט עהם איין וויפעל ער מעג בויאין - דאכט זיך אז דער ממשלה קען איין וואַרפען דעם בנין - אויב איינער בויאט העכער פין וויפעל - זיי לאזען

א זעקסטע היתר קען מען זאגען – ר׳ משה אין אגרות משה אבה״ע חלק ד׳ סימן ו׳ לגבי א אשה מומרת וואס וויל נישט קיין גט אין זי וואוינט בעבירה מיט אן אנדערע מאן – איז מצדד צי מזכה זיין פאר איר א גט בע״כ – מיט א סברה אז ווען זי וואלט געוויסט דער חומר האיסר - וואלט זי יא מסכים גוועזן צי נעמען א גט – ער זאגט סאיז תלי צי זכייה איז מטעם שליחות צי נישט – לויט די ראשונים וואס האלטען אז עס איז מטעם שליחות העלפט נישט דער סברה ווייל למעשה וויל זי יעצט נישט מסכים זיין אין מקען נישט ווערן איר שליח בע״כ – אויב אבער סאיז נישט מטעם שלוחות – סאיז א גזיה״כ אז דארטען ווי סאיז א זכות קען א צווייטער מזכה זיין – קען מען אפשר זאגן אז מקען מזכה זיין אפילו אויב זי וויל נישט – ביי א מתנה אויב זי וויל נישט – קען מען נישט מזכה זיין בע״כ ווייל דארטען איז נישט דא מיט וואס זיך טועה צי זיין אין אויב זי וויל נישט איז עס נישט קיין זכות פאר איר – אבער דארטען ווי עס איז דא א טעות איז עס א זכות אפילו זי וויל נישט – (אין תוס׳ קדושין דף כ״ג: סד״ה מהו שטייט כעין זה – תוס׳ זאגט דארטען ״ואם כן בשטר על ידי אחרים דקאמר היינו אפילו עומד וצווח כיון דאינו מטעם שליחות״)

דאס זעלבע איז לענינינו אויב די רבנים אין די בעלי בתים מנגדי הערב וואלטען געהאט דעם שכל הישר אין זיי וואלטען פארשטאנען ווי הארב דער זאך איז - וואס דער רא״ש זאגט אויף דעם אז בזמן הסנהדרין (זעה דף מ״ז) **וואלט מען גהארגעט אזא מורה הוראה - וואלטען זיי יא מסכים גוועהן** – במילא קען מען מזכה זיין בע״כ

א זיבעטע היתר קען מען זאגען – ר׳ משה אין אגרות משה אבה״ע חלק ד׳ סימן ח׳ לגבי א אשה כופרת – אויב מען ווייסט נישט אז זי וויל נישט קיין גט – קען מען תולה זיין אז מסתמא וויל זי יא – אזוי ווי רוב נשים – וואס ווילען א גט ביי א זא פאל – וואס באמת איז דאך עס א זכות פאר איר – אבער טאמער די עדים ווייסען אז דער אשה וויל נישט קיין גט קען מען איר נישט מזכה זיין קיין גט – **מקען אבער נעמען אנדערע עדים וואס קענען איר נישט אין זיי ווייסען נישט אז זי וויל נישט קיין גט** – אין אזוי קען מזכה זיין א גט פאר איר – אויב די צווייטע עדים גלייבען נישט די ערשטע עדים

באמת לא זכיתי להבין דבריו הקדושים – ווי אזוי קען מען מזכה זיין א גט ווען מהאט עדים וואס ווייסען אז זי וויל נישט קיין גט? – מ״מ קען איך עהם ברענגען פאר א ראיה לענינינו – וואס דא פארשטיי איך יא זיין סברה – ווייל באמת גלייבען מיר נישט - אז זיי ווילען נישט זוכה זיין – מיר זעהן דא סתירות אין זייערע ווערטער – אויב זיי ווילען נישט זוכה זיין ווי אזוי טראגען זיי מיט די קליינע עירובין׳ס, ווי אזוי טראגען זיי סוכות – מיר אסער׳ן זיי

פאר מיר נעמען זיי אויף חקירות (אין זיי ענפערען אויף אינזערע שאלות) איז נישט דא קיין שום צד מיר זאלען זיי קענען גלייבען – אין דארטען ווי מיר קענען זיי נישט גלייבען - קען מען אהננעמען אז זיי ווילען זיכער יא - ווי ר׳ משה שרייבט

נוסף לזה מיר האבען אפילו נישט געהערט פין זייער מויל אז זיי ווילען נישט זוכה זיין – מיר האבען דאס נאר געליינט אין זייערע פאשקווילען – וואס דאס האט נישט קיין שום נאמנות **א אכטע היתר קען מען זאגען** אפילו אויב זיי ווילען נישט זוכה זיין – אבער זייערע נשים ווילען יא – וויבאלד סאיז דאך א זכות קען מען אהננעמען אז זיי ווילען – ווילאנג מיר האבען נישט געהערט אז זיי ווילען נישט

אין א אשה קען דאך געבען פין איר מאן׳ס פת בע״כ – איז דאך מכש״כ אז זי קען זוכה זיין אין דעם עירוב בע״כ פין דעם מאן – ווי דער ערשטער דיעה אין מחבר סימן שס״ז – וואס דאס איז דער שיטה פין רא״ש – אין דער מגיד משנה פרק ה׳ מהל׳ עירובין ה״ה – זאגט אז פין די גמרא זעהט אויס מער אזוי ווי דער פשט פין רא״ש – ווי איידער דער פשט פין רמב״ם – זעה אויך אויבען דף י״ז – אז דער א״ר, אין דער שו״ע הרב פסק׳ענען אזוי ווי דער רא״ש – אויך לויט דעם ביאור הגר״א האט דער מחבר סותם גוועהן ווי דער רא״ש וואס ער איז ערשטער דיעה

לפי זה קימט אויס – אז די נשים קענען אין האבן זוכה גוועהן אין דעם עירוב בע״כ פין די מענער

ב) מורי ורבותי:

איך בין נישט געקימען דא צי פסק׳ענען דער שאלה פין זיכו הפת – וואס דען איז מיין מטרה? **ווען איך האב אפגעשריבען א קונטרס** (פין 9 דפים סאיז געדריקט סוף ספר פין דף פ״ד אין ווייטער – קודם איז עס נאר גוועהן 9 דפים מיט דער צייט האב איך ציגעלייגט שטיקלעך אין פארגרעסרט די אותיות איז עס געווארען 19 דפים) **קעגען די לוחמים האב איך זיך מתבונן** גוועהן – די רבנים האקען ווייל זיי גלייבען ! איך האק אויף זיי ווייל איך גלייב ! – אויב אזוי איז מה כחי יפה מהם?

כאטשיק איך האב גהאט חילוקים צווישען מיר מיט זיי – האב איך זיך נישט בארואיגט מיט די חילוקים אין איך האב מחליט גוועהן – איך גיי זיך ארייגלייגען אין דעם ענין אין אויב איך וועל פארשטיין מיט מיין שכל אז סאיז דא א שטארקע היתר – אפילו אויב איך וועל ניצען ר׳ פישל׳ען פאר א יתד לסמוך עליו – וועל איך ארויסקימען קעגען די רבנים – אין אויב איך וועל נישט פארשטיין – אפילו אויב איך וועל ווייטער טראגן ווי די חז״ל זאגען בדרבנן עבדינן והדר מקשינן (ד. מ. אויב סאיז נאר א שאלה פין אן איסור דרבנן אין מען האט א קשיא צי פרעגען אופען פסק – איז די הלכה קודם טיט מען – נאך דעם פרעגט מען) – וועל איך נישט ארויסקימען קעגען די רבנים ! – אפילו איך וועל האלטען – זיי זענען

נישט אויסגהאלטען בכל אופן – ווייל ר׳ פישל מעג דאך האלטען קעגען מיין שכל אין קעגען זייער שכל (אין אנדערע ווערטער קעגן מיין ידיעה אין קעגען זייער ידיעה) – וועל איך נאך אלץ נישט ארויסקימען קעגען זיי!

וואס איז דער מסקנה פין מיין בירור?

סאיז אייביג גוועהן מקילים אין מחמירם!

אבער א רב וואס קען ארויסקימען מיט א מלחמה קעגען ר׳ פישל׳ס היתר – וואס זיין היתר איז מבואר, אויך האלטען כמה חשוב׳ע רבנים אזוי ווי ער.

- איז נישט קיין מחמיר!

ער איז א חמור! ער איז א רודף!

מען זאגט נאך פין א גדול – א רב מעג זיין א מקיל אבער נישט קיין קל – ער מעג זיין א מחמיר אבער נישט קיין חמור – א יוד האט מיר פערציילט אז ער האט נאכגעזאגט דאסווארט פאר הגאון ר׳ משה פיינשטיין (ער האט מיר ציליגט – אז ער האט דאס געזאגט פאר עהם – וועגען זיינע קולות) האט ר׳ משה געגפערט ״דער ווארט איז א גיט ווארט – אבער ווען איך בין גגאנגען מברר זיין אן הלכה בין איך נישט גגאנגען מקיל זיין אדער מחמיר זיין – איך בין גגאנגען מברר זיין דער הלכה ווי דער אמת איז״

- בעינינו זעהט מען נישט אז די רבנים זענען גגאנגען מברר זיין ווי דער אמת איז!

ווי פאסיג איז דא - די ווערטער פין ר׳ משה פיינשטיין ״די אינגערישע האבען שוין זייערע מסקנות נאך פארן אריינקיקען אין שו״ע - נאכדעם קוועטשען זיי דאס אריין אין שו״ע״

ג) תשובת הרשב״א - אויב סאיז דא א גדול וואס איז מתיר קען מען נישט ארויס גיין קעגען

איך וועל מסיים זיין מיט דער רשב״א וואס ווערט אראפגברענגט אין ב״י או״ח סימן ש״ז – שרייבט דער רשב״א אזוי – צי ליינען א בריוו אין שבת האסט די שוין געזעהן מיין דעה אז איך האלט אז עס איז אסור פין דעסט וועגען – ווער עס האלט אזוי ווי דער רמב״ן האבען מיר נישט קיין כח עהם אוועק צי שטיפען אזוי ווי די גמרא זאגט אין חולין דף ט״ו. ווער סהאלט אזוי ווי ר׳ יהודה – איז ווער סוועט טיהן אזוי ווי ר׳ מאיר וועט ער עהם דען שעלטען? וועגען דעם ווער עס פירט זיך אזוי ווי איינער פין די גרויסע אין מיר האבען נישט קיין ראיה מכרחת – קענען מיר עהם נישט שטערן אין דער אמת זאל

ווייזען זיין וועג – ביז דא איז די ווערטער פין רשב״א – ודי להבין!

ד) השגה אויף די תשובה - ״בדין זיכו הפת בע״כ, ובדין שכירת רשות משר העיר״

נאך דעם וואס איך האב שוין געהאט גענדיגט מיין קונטרס איז אהנגעקימען צו מיר **די תשובה** – ״בדין זיכו הפת בע״כ, ובדין שכירת רשות משר העיר״

איך האב זיך זייער געפרייט – דאס איז גווען דאס ערשטע מאהל וואס איך האב געזעהן אז מען איז דן בדרך התורה

איך האב איבער געקיקט זיין תשובה א פאהר מאהל צו זעהן אויב ער האט מיר – מיט וואס אפציוועגדען

איך האב געטראפן - אז נישט ! – א פאהר זאכן וואס ער איז מעורר האב איך געהאט געטראכט אין איך האב עס באווארענט בשעת איך האב געשריבען מיין קונטרס

מיט פינעף עיקר נקודות האב איך זיך צו קריגען מיט דעם בעל התשובה

א) דינגען פין אמעריקאנער ממשלה - העלפט נישט מטעם שכירו ולקיטו - נאר ווייל זיי קענען מסלק זיין (דאס מיינט ארויסציווארפען יענעם פין דירה) - זענען זיי אזוי ווי א בעל הבית אין מקען דינגען פין זיי אפילו בע״כ פין דעם אייגנטימער

ב) דער שבות יעקב ח״ג סימן כ״ט וואס איז מתיר צו דינגען פין ממשלה - **איז מתיר אפילו דער מעכב איז א שומר תורה ומצות ד.ה. אפילו דאס רשות פין א שומר תורה ומצות קען מען אויך אפדינגען פין שר העיר אין אפילו בעל כרחו - ער לייגט נישט צו קיין תנאים - רגיל, בי״ד, אדער בי״ד וואס האט א כח צו צווינגען**

ג) **להלכה: נעמט מען אהן אז מען קען דינגען א יוד׳ס רשות פין זיין שכירו ולקיטו בע״כ** (ווען דער שכירו ולקיטו איז א גוי - אויב ער איז א יוד - איז עס תלי אין דער מחלוקת פין רא״ש אין ר״ם צו מקען דינגען פין א יוד)

ד) **דער רשב״א וואס איז מתיר ביי א זכות גמור - מזכה צו זיין בע״כ - בתנאי אז ווען דער מעשה וואלט געקימען צו בי״ד וואלט בי״ד עהם געצווינגען** (ד. מ. מזכה צו זיין א גט שחרור פאר אן עבד בע״כ - ווייל בי״ד וואלט עהם געצווינגען ארויס צו גיין) - **דארף נישט זיין אז סאיז למעשה דא א בי״ד - סאיז גענוג ליצויר אויב סוואלט דא גווען א בי״ד וואלט בי״ד עהם געצווינגען**

ה) **דער מ״ב בשם הא״ר - אז דארטען ווי עס איז אוסר אפילו באינו רגיל - קען בי״ד נעמן פת בע״כ - איז זייער א שטארקע יסוד מקען עס נישט אוועקריקען - סאיז נישט דא קיין ראיה פין עצי אלמוגים אנדערש - בכל אופן איז דער משנה ברורה א מכריע**

איך האב צו געלייגט נאך א צד היתר מען זאל קענען מזכה זיין בע״כ ד.ה אהן דעם א״ר - מדין ״בני מבוי כופין זה את זה לעשות לחי וקורה למבוי״

דינגען פין אמעריקאנער ממשלה - העלפט נישט מטעם שכירו ולקיטו - נאר ווייל זיי קענען מסלק זיין - זענען זיי אזוי ווי א בעל הבית אין מקען דינגען פין זיי אפילו בע״כ פין דעם אייגנטימער:

דער בעל התשובה גייט מיט א יסוד אז דינגען פין שר העיר העלפט מטעם שכירו ולקיטו אין אזוי ברענגט ער זיך א ראיה פין ריב״ש תכ״ז אין ער איז עס מדמה – צי ווען מען דינגט דא אין וויליאמסבורג – לויט דעם איז ער דן צי שכירו אין לקוטו העלפט ביי א יוד (ד.מ. אפצידינגען דעם יוד׳ס רשות) אין אויב סהעלפט – איז עס נאר ווען ער איז מסכים צי פארדינגען אין נישט בע״כ

אבער באמת איז עס נישט אזוי – דאס וואס דער ריב״ש זאגט דארטען אז עס גייט צי מטעם שכירו ולקיטו אין לויט איין תירוץ זאגט ער דארטען אז עס העלפט נאר ביי א גוי׳ס רשות ווייל דירת עכו״ם הייסט נישט קיין דירה (לויט אן אנדערע תירוץ זאגט ער בעירובין הקילו אין לויט דעם העלפט עס **אפילו ביי א יוד׳ס רשות**) – דאס איז נאר ביי א אדון פין שטאט וואס האט נישט קיין רשות מסלק צי זיין (בפירוש רעט דארטען דער ריב״ש פין אזא מין אדון) ער האט נאר רשות אין א מלחמה צייט צי האלטען חפצים אין יענעמס דירה – איז ער נישט בעסער פין שכירו ולקיטו

אבער דארטען ווי ער קען יענעם מסלק זיין איז ער אזוי ווי א **בעל בית** אין מקען דינגען פין עהם אפילו א יוד׳ס רשות – **אפילו בע״כ** (דער ב״י סימן שפ״ב ד״ה ומ״ש לא נשאר שום תפיסה – שרייבט אויב ער קען מסלק זיין – הייסט דאס **אזוי ווי סאיז זיינס**) – אין ריב״ש אליינס איז מבואר דער חילוק – ער איז דארטען מחלק צווישען א דירה מיט די גאס – אז דער גאס קען מען דינגען **אפילו ביי יוד׳ן** (ד. ה. כאטשיק דער גאס גהער דאך אויך צי דעם יוד ווייל ווען דער יוד האט געקויפט זיין דירה האט ער דאך אויך אפגעקויפט רעכטען אז ער זאל קענען ניטצען דער גאס אנציקימען צי זיין דירה) – ווייל אויף דער גאס האט דער אדון מער בעלת – **ער קען מסלק זיין** – זיינע מענטשען אין זיי זאגען גייטץ אויף א צווייטע גאס (זיי נישט קיין אינגערישע אין פארשטיי – דער ריב״ש זאגט נישט אז דער גאס איז אנדערש ווייל דער יוד איז נישט קיין עכטע בעה״ב אויף איר – דער ריב״ש וואלט לכאורה געדארף אראיה צי קענען אזוי זאגען – ווייל אין דער גמרא (דף ס״ה:) זעהט אויס אז מדארף די זעלבע פת אדער שכירות פין דעם פנימי – וואס דער רשות גהער נישט צי עהם ער האט נאר רעכטען דורך צי גיין)

דא אין אמעריקע קען דער ממשלה מסלק זיין – אויב זיי ווילען בויען פראדזשעקס אדער הייוועיס – קענען זיי מסלק זיין – **ווער ווייסט נאך אזוי גיט ווי ר׳ פישל וואס דער ממשלה האט עם מסלק גוועהן פין זיין דירה**

אויך ברענגט דארטען דער בעל התשובה דף ל״ב ד״ה ואף – דעם שואל ומשיב אין דעם מהר״ם בריסק אז דארטען ווי דער ממשלה האט רשות מאבד ומשחית זיין יענעמס רשות לטובה פין שטאט – קען מען דינגען פין זיי – פירט אויס דער בעל התשובה דאס איז נאר ביי א גוי אבער נישט ביי א ישראל כשר – עכ״פ ווען **דער אייגינטיהמער איז מעכב** – דאס איז א

טעות ווייל דארטען ווי דער ממשלה קען מאבד ומשחית זיין – הייסען זיי ווי א בעל בית אין מקען דינגען פין זיי – בעל כרחו פין דעם אייגענטיהמער אפילו ער איז א ישראל כשר

אויך ברענגט דארטען דער בעל התשובה דעם שו"ת משיב דבר אין דעם דברי מלכיאל אז מקען נישט דינגען פין שר העיר דעם יוד'ס רשות ווייל דער שר העיר איז נישט בעסער פין שכירו ולקיטו

באמת איז עס נישט קיין ראיה – ווייל זיי זאגען דאך נישט אז דער זעלבע הלכה וועט זיין אפילו דער שר העיר קען מסלק זיין – זיי דערמאנען בכלל נישט ווי ער קען מסלק זיין – דער גאנצער מעלה וואס דער שר העיר האט – ווערט דארטען דערמאנט – נאר אז ער קען האלטען חפצים אין א מלחמה צייט

אויב וועט איינער וועלן דן זיין – אמת קיין ראיה איז נישט דא אבער א משמעות איז יא דא – ווייל פאר וואס זענען זיי נישט דן ווען דער ממשלה קען מסלק זיין

וועלין מיר עהם ענפערען – דער ריב"ש וואס איך האב פריער דערמאנט איז זיי מנגד ער איז דאך בפירוש מחלק צווישען א שר העיר וואס קען נאר האלטען חפצים (אין אויף אזא מין שר העיר זאגט ער אז ער הייסט אזוי ווי שכירו ולקיטו) מיט א שר העיר וואס קען מסלק זיין (ביי דעם איז מבואר דארטען – אז עס העלפט אפילו אויף א יוד'ס רשות – ווי איך האב אויבען געשריבען) אויך שטייט אזוי אין ב"י ווי איך האב אויבען ציגעצייכענט

סקען זיין – אז וועגן דעם האבן נישט דער משיב דבר, אין דער דברי מלכיאל דן גוועהן ווען דער ממשלה קען מסלק זיין – ווייל זיי האבן נישט גוויסט – צי אין אדעסע (זייער נושא איז גוועהן וועגן דעם עירוב פין אדעסע) קען דער ממשלה מסלק זיין

– איך האב הנאה געהאט ווען איך האב נאכגעקיקט אין מהר"ם בריסק אויך אין שואל ומשיב – האב איך געזעהן אז זייער גאנצער מקור – איז דער ריב"ש

מיט דער מהלך קען מען מציל זיין דעם גנת ורדים כלל ג' סימן כ"ב פין דעם עצי אלמוגים'ס קשיא אויף עהם – דער עצי אלמוגים אין סימן שצ"א פרעגט אויף עהם ווי אזוי איז ער מתיר צי דינגען פין שר העיר דעם יוד'ס רשות – דער גאנצער היתר פין שר העיר איז דאך ווייל ער קען האלטען חפצים אין יענעמס רשות – דאס מאכט עהם נאר ווי שכירו אין לקוטו – אין שכירו אין לקוטו העלפט דאך נישט אויף א יוד'ס רשות ? (דער בעל התשובה גייט אין דעם מהלך פין דעם עצי אלמוגים) – **אבער** לויט ווי מיר האבען מחלק גוועהן צווישען א שר וואס קען נאר האלטען חפצים – מיט א שר וואס קען מסלק זיין – איז דער גינת ורדים **פארענפערט** – ווייל ער שרייבט דאך דארטען – אז אין מצרים קען דער שר העיר טיהן בעת הצורך – **וואס ער וויל – דאס הייסט ער קען אויך מסלק זיין !**

אויך ברענגט דארטען דער בעל התשובה – דעם זכרון יהודה סימן צ"ט – אז דאס וואס דער הלכה איז ווי ר' שישת אז עס איז גענוג א שכירות רעועה (ד. מ. א שוואכע דינגען – סאיז דא א צוויי פשטים וואס דאס מיינט – איין פשט איז – אז דאס דינגען איז אהן א "שטר" – אן אנדערע

פשט איז – אז סאיז נישט קיין עכטע דינגען דער וואס דינגט האט נישט ממש אפגעדינגען דאס פלאטץ ער זאל קענען דארטען אריינברענגען בענק אין טישען) דאס איז נאר אויף א גוי'ס רשות וואס דער הלכה איז א דירת עכו"ם לא שמיה דירה – דאס גאנצע וואס א גוי אסר'ט איז ווייל די חכמים האבן געוואלט אז מען זאל זיך מרחק זיין פין גוים מען זאל זיך נישט אפלערנען פין זייערע מעשים – פאר דעם העלפט א שכירות רעועה – אבער אויף א יוד'ס רשות – מיז זיין א שכירות מעולה (ד. מ. דארטען וועט מען נישט פסק'ענען אזוי ווי ר' ששת) – **אפילו לויט די פוסקים אין סימן ש"פ וואס האלטען אז מקען דינגען פין א יוד** – וועט נאר העלפען מיט א שכירות מעולה עכת"ל

דער מהלך פין זכרון יהודה איז זייער שוועך - מקען בשום אופן נישט גיין אויף דעם וועג - אויך איז דער מהלך א דעת יחידאי - איך וועל דאס מבאר זיין

דער ערשטער שוועריקייט איז – פין ווי נעמט דער זכרון יהודה דאס צי זאגען – פין דער משמעות פין זיינע ווערטער זעהט דאך אויס אז ער איז אויך מודה אז דער מחלוקת פין ר' ששת מיט רב חסדא איז סיי ביי א גוי'ס רשות אין סיי ביי א יוד'ס רשות דאס הייסט לויט דער רא"ש אז מקען דינגען פין יוד – וועט רב חסדא האלטען אז ביי אלעביידע וועט דארפען זיין א שכירות מעולה (א שטארקער דינגען – א שטר, א עכטע דינגען דער שוכר זאל קענען דארטען אריינברענגען פארניטשער) אין לויט ר' ששת וועט ביי אלעביידע גענוג זיין א שכירות רעועה – איז אויב דער רא"ש זאגט (עס איז גברענגט אין ב"י) אז דער הלכה איז ווי ר' ששת ווייל הלכה כדברי המקיל בעירובין – פין ווי נעמט דער זכרון יהודה צי זאגען אז דער הלכה איז ווי ר' ששת נאר ביי א גוי'ס רשות וואס אסר'ט נאר מכח חומרא אין נישט ביי א יוד'ס רשות וואס זיין דירה הייסט א דירה? סאיז דאך א סברה צי זאגען אז הלכה כדברי המקיל – איז אפילו ביי א זאך וואס איז א שאלה מדינה

אויך איז שווער אויפען זכרון יהודה – זיין מהלך קען מען נישט אריינקוועטשען – נישט אין רא"ש אין נישט אין ב"י ווייל סזעהט זיך אויס פין זיי – אז ביי ביידע רעט מען אופען זעלבען אופן – דאס הייסט ווען מען איז דן צי שכירות העלפט ביי א יוד צי נישט – רעט מען אופן זעלבען אופן ווי מען דינגט ביי א גוי – לויט דעם קימט אויס ווען דער רא"ש זאגט אז לויט דעם ר"מ העלפט שכירות נאר ביי א גוי אין דער רא"ש איז חולק אויף עהם אז עס העלפט אפילו ביי א יוד – רעט ער אויף דעם זעלבען אופן – לויט דעם דארף אויסקימען אז שיטת הרא"ש איז – אז אפילו שכירות רעועה העלפט ביי א יוד פינקט אזוי ווי עס העלפט ביי א גוי אין דער זעלבער זאך איז שייך אויפען ב"י – אז ווען דער שו"ע סימן ש"פ ברענגט א שיטת י"א אז שכירת העלפט ביי א יוד – מיינט דאס צי זאגען אפילו שכירת רעועה – פינקט אזוי ווי מען דינגט פין א גוי

מקען נישט ענפערין אז על כרחך איז א חילוק צווישען מען דינגט פין א גוי צי מען דינגט פין א יוד – ווען מען דינגט פין א גוי מעג זיין ווייניגער ווי א פרוטה – אבער ווען מדינגט פין א יוד מיז זיין א פרוטה – איז אזוי ווי עס איז שוין דא א חילוק צווישען זיי – קען שוין זיין **נאך א** חילוק – ביי א גוי איז גענוג א שכירות רעועה – אין ביי א יוד דארף זיין א שכירות מעולה

– מקען נישט אזוי ענפערין – סאיז א גרויסען חילוק צווישען די צוויי זאכען – דאס אז ביי א גוי איז גיט וויניגער ווי א פרוטה שטייט אין די גמרא דף ס"ב., רא"ש, אויך אין שו"ע סימן שפ"ב – וועגען דעם האט דער רא"ש אין דער ש"ע נישט געדארף **דא** דאס ארויסציישרייבען – אבער דאס אז ביי א יוד העלפט נישט קיין שכירות רעועה – שטייט נישט אין די גמרא, רא"ש, אין נישט אין שו"ע – וואלט דער רא"ש אין דער ש"ע געדארפט ארויסשרייבען אז דאס דינגען פין א יוד מיט דאס דינגען פין א גוי איז צוויי אנדערע מיני דינגען – אין אויב דער רא"ש אין דער ש"ע האבען נישט ארויסגעשריבען מחלק צי זיין – איז א סימן אז דער שכירות פין א יוד איז אויך דער זעלבען אופן ווי דער שכירות פין א גוי – וואס דאס איז שכירות רעועה

סאיז זיכער אז דער זכרון יהודה איז א דעת יחודאי – ווייל אלע פוסקים וואס זאגען אז מקען דינגען פין שר העיר דעם יוד'ס רשות (אויבען דף י"א זענען זיי ציגעצייכענט) רעדען זיכער נישט פין א שכירות מעולה – זיי רעדען פין א פשוטע דינגען וואס דאס איז שכירות רעועה

ובפרט אז שכירות מעולה איז גארנישט אזא גרינגע זאך – סיי אויב שכירות מעולה מיינט א שטר – איז כמה פעמים וועט דער משכיר מורא האבן צי געבן שריפטלעך אז ער פארדינגט זיין רשות – אין אויב סמיינט אז דער שוכר זאל מעגען אריינברענגען בענק – איז א וודאי אז עס איז גארנישט אזוי גרינג – ווייל דער משכיר קען דאך מורא האבן אז דער שוכר וועט עהם כאפן ביים ווארט – ער וועט אנפילען דעם רשות מיט ברעטער – ווי מיר טרעפן אין די גמרא אז א שכירות מעולה קימט מיט געטרויען – ווי דער גמרא זאגט אין אנפאנג פרק הדר – אז א יוד וועט נאך געטרויען (צי פארדינגען מיט א שכירות מעולה) – אבער א גוי וועט נישט געטרויען – קען דאך נישט זיין אז די פוסקים זאלען רעדען פין אזא שווערע דינגען אין נישט דאס ארויסזאגן

אויך קען מען נישט אריינקוועטשען אין די פוסקים **אזוי** ווי **דער בעל** התשובה **קוועטשט אריין** – אז דאס וואס זיי זענען מתיר צי דינגען פין ממשלה דעם יוד'ס רשות דאס איז נאר – דעם רשות פין א ישראל מומר וואס ער האט אן הלכה אזוי ווי א גוי (ער קען נישט געבען קיין פת, אויך קען ער נישט מבטל זיין – זיין רשות) – זאגט דער דברי מלכיאל או"ח ח"ג סימן י"ח (ווערט דארטען אין דער תשובה אראפגברענגט) אז ער האט א הלכה ווי א גוי **אויך לקולה אז** זיין דירה **איז** נישט קיין דירה במילא קען מען דינגען פין עהם – אבער דעם רשות פין א שומר תורה ומצות קען מען נישט ווייל שר העיר האט נאר אן הלכה ווי שכירו ולקיטו וואס דאס העלפט נישט ביי א יוד'ס רשות

לא מבעאי אין שבות יעקב וואס דארטען איז מבואר אז ער רעט פין א שומר תורה ומצות ווייל ער איז דאך מפרט ביידע מינים "יודין" מיט "מומרים" איז זיכער אז מקען נישט אזוי אריינקוועטשען – אויך אין קצות השלחן, אויך אין שואל פין מהר"ם שיק סימן קע"ט איז בפירוש מבואר אז זיי רעדען פין א שומר תורה ומצות

נאר אפילו אין די אנדערע פוסקים וואס זענען ציגצייכענט אויבען דף י"א (דאס זענען ר' שלמה קלוגר, תשורת ש"י, אין ערוך השלחן) – וואס זיי רעדען יא פין מומרים – קען מען נישט זאגען

אז זיי מיינען דווקא מומרים – מדארף זאגן אז אורחא דמלתא נקטי – ווייל דער שיטה פין דברי מלכיאל איז דאך נישט קיין דבר פשוט – ער איז דאך קעגען דעם אבן העוזר (אזוי שרייבט ער דארטען בפירוש) וואס איז אראפגברענגט אין הגהת ר׳ עקיבא אייגער סימן שפ״ה – פין דעם אבהע״ז קימט אויס אז א ישראל מומר האט יא א דירה – לויט דעם אבן העוזר דארף א דירה פין א ישראל גמור נישט קיין שטערקערער קנין ווי פין א דירה פין א ישראל מומר

(דער אבן העוזר וועט מסתמה מדחה זיין דעם דברי מלכיאל׳ס ראיה פין ערשטען תוס׳ אין פרק הדר – וואס תוס׳ זאגט דארטען לויט ר׳ אליעזר בן יעקב וואס האלט אז א כותי מיט א צדוקי האבן א הלכה ווי א גוי דאס הייסט – פינקט אזוי ווי א גוי קען נישט געבן קיין ברויט צים עירוב אין אויך קען ער נישט מבטל זיין – זיין רשות – דאס זעלבע איז מיט א כותי אין צדוקי – פרעגט תוס׳ ווי אזוי קענען זיי זיין אויך גלייך צי א גוי מיט דעם אז אז א גוי אליינס אסר׳ט נישט – ביי א גוי איז דער סיבה פארוואס איין גוי אליינס אסר׳ט נישט ווייל עס איז א מילתא דלא שכיחא צי וואוינען מיט איין גוי אליינס ווייל דער יוד האט מורא אז דער גוי זאל עהם נישט הרגענען – אין מילתא דלא שכיחא לא גזרו בו רבנן – אנדערש איז אבער א כותי מיט א צדוקי וואס זיי זענען נישט חשוד אויף שפיכת דמים איז דאך יא שכיח צי וואוינען מיט איין כותי אדער מיט איין צדוקי – פארוואס אסר׳ן זיי נישט – ענפערט תוס׳ וויבאלד אז א כותי אין צדוקי האט מען גאסר׳ט נאר וועגען א גוי – דאס הייסט נאך דעם וואס א גוי איז שוין גוועהן גאסר׳ט – האט מען זיי צי געגליכען צי א גוי אין מהאט זיי גאסר׳ט אזוי ווי א גוי – האט מען נישט מחמיר געוועהן ביי זיי מער פין א גוי – דרינגט זיך דער דברי מלכיאל אויף פין דעם תוס׳ אז א כותי מיט א צדוקי האבן נישט קיין דירה פינקט ווי א גוי – ווייל אויב זיי האבן יא א דירה – דארפען זיי דאך זיין אסור אפילו אויב א גוי וואלט גוועהן מותר

דער אבן העוזר וועט אריינטאשען אין תוס׳ אז דאס וואס "איין" כותי אסר׳ט נישט מיינט אז ביטל רשות העלפט ביי עהם – דאס הייסט כאטשיק א כותי קען נישט מבטל זיין - זיין רשות פינקט אזוי ווי א גוי קען נישט – אבער ווען ער איז אליינס קען ער יא ער זאל נישט זיין חמור פין א גוי וואס איינער אליינס אסר׳ט נישט – ווי עס ווערט גברענגט דארטען אין רע״א אז א כותי אליינס דארף ביטל

דער משמעות פין תוס׳ איז אזוי ווי דער דברי מלכיאל אבער דער סברה איז אזוי ווי דער אבן העוזר)

באמת איז עס א פריעדיקע מחלוקת – דער שו״ת יד אליהו סימן י״ב האלט אזוי ווי דער אבן העוזר אז א ישראל מומר האט יא א דירה אין אויב ער וואוינט אליינס מיט א יוד שומר תורה ומצות – דארף ער מבטל זיין – זיין רשות – אין דער קרבן נתנאל אין פרק הדר אות מ׳ – האלט אזוי ווי דער דברי מלכיאל – אין וויבאלד דער ענין איז א מחלוקת – וואלטען די פוסקים גדארף ארויסשרייבען אז דאס וואס מקען אפדינגען דעם רשות פין א ישראל מומר – איז ווייל מען נעמט אהן אזוי ווי דער קרבן נתנאל – אין אויב זיי האבען נישט ארויסגעשריבען איז זיכער אז זיי זענען נישט נחתי להא – מכריע צי זיין צווישען דעם יד אליהו מיט דעם קרבן נתנאל – אין זיי האבן געמיינט צי זאגען אז אפילו איך זאל אנעמען אז א ישראל מומר איז א ישראל גמור אין זיין דירה איז א דירה – קען מען נאך אלץ אפדינגען

זיין רשות פין שר העיר

נאך קען מען א ראיה ברענגען אז די פוסקים הנ״ל וואס האבן געזאגט אז מקען אפדינגגן דעם רשות פין א מומר – וועלען האלטען אז דער זעלבע זאך וועט זיין דער רשות פין א ישראל גמור – וויבאלד זיי האבן דאך נישט מחלק גוועהן פין איין מומר צי א צווייטע מומר צי איז ער א מזיד צי א תינוק שנשבע צי שעמט ער זיך מחלל שבת צי זיין אין די אויגען פין א שומר שבת צי שעמט ער זיך נישט – ווייל א תינוק שנשבע (זעה אין ב״י, ט״ז, אין מ״א סימן שפ״ה זעה אויך אין חזו״א דארטען וואס ער פרעגט אויף דעם שער הציון) אדער א מומר וואס שעמט זיך – האבן אן הלכה ווי א צידוקי (וואס איז א ישראל גמור – ווי עס שטייט אין תוס׳ אנהייב פרק הדר ד״ה אמר ר׳ גמליאל) אין זיי קענען מבטל זיין דער רשות ווי עס שטייט אין שו״ע סימן שפ״ה ס״ב – איז זיכער אז זיי האבן א דירה אפילו לויט דעם * קרבן נתנאל – אין אעפ״כ קען מען אפדינגגן זייער רשות – וועט זיין דער זעלבע ביי א ישראל גמור

*באמת איז נישט מוכרח צי זאגען אז דער קרבן נתנאל האלט אזוי ווי דער דברי מלכיאל אז א כותי האט נישט קיין דירה – מקען זאגען אז לעולם האלט ער אז ער האט יא א דירה (איך האלט אז דער צד איז דער אמת) אין דאס וואס ער זאגט אז ווען דער כותי איז איינער אליינס מיט א יוד דארף ער נישט מבטל זיין – איז דער טעם אזוי ווי עס שטייט דארטען ״הם אמרו והם אמרו״ –

לויט דעם טראכט איך לפי קט שכלי נאכען מקבל זיין נזיפה פין דעם דברי מלכיאל – אז דער חידוש פין דעם דברי מלכיאל האט א שוואכע יסוד – ער איז נגד הסברה ווייל א ישראל מומר האט דאך אן הלכה ווי א ישראל גמור אויב ער איז מקדש איז עס א קדושין גמורין אין מען איז חייב מיתה אויף זיין ווייב – אויך א מומרת ווען זי איז א נדה איז מען חייב כרת אויף איר – זי האט נישט קיין הלכה ווי א גויה וואס סאיז נישט דא ביי זיי קיין דיני נדה – מען האט נאר געזאגט אז א מומר איז ווי א גוי – לחומרא אבער ער האט לכאורה א דירה אזוי ווי א יוד

כאטשיק אז דער דברי מלכיאל פארענפערט דער טענה – אז דאס וואס א ישראל מומר האט אן הלכה ווי א יוד – דאס איז ביי דיני דאורייתא – אבער ביי דיני דרבנן איז הם אמרו והם אמרו – האבן זיי געזאגט אז ער האט נישט קיין דירה – וואס דאס איז נאר א דין דרבנן – פינקט ווי א גוי האט נישט קיין דירה – דער ענין איז נגד הסברה – ווייל לכאורה אויב דער ענין פין דירת עכו״ם איז נישט קיין דירה – איז א דרבנן זאך – דארף אויסקימען אז די חכמים האבן דאס געזאגט ביי עירוב – ווייל ווי נאך איז שייך א חילוק צי דירת עכו״ם איז א דירה אדער נישט – אויב אזוי איז שווער פארוואס זאלען די חכמים מאכען א תקנה אז א גוי האט נישט קיין דירה אין סאיז נישט שייך ביי עהם תקנת שלמה – אויב אן דער תקנה – האט ער א דירה פינקט ווי א יוד – אין נאכמעהר איז שווער – ווייל דערנאך זאגען זיי – אז כדי מען זאל זיך דערווייטערן פין זיי אסר׳ן זיי יא – אויב אזוי פארוואס – האבן זיי קודם – זיי אראפגנימען פין דיני עירוב? – אלא מאי איז א ראיה – אז דאס וואס די חכמים האבן געזאגט אז א גוי האט נישט קיין דירה – איז נישט קיין תקנת חכמים – סאיז א סברה – ד.ה אזוי האבן די חכמים פארשטאנען מכח שכלם הרחבה – אין א סברה איז דאורייתא

אויך קען מען מדייק זיין פין ר׳ שלמה קליגער אז ער האלט ווי דער יד אליהו אין דער אבן העוזר – אדער רעט ער פין א מומר וואס האט נאר אן הלכה ווי א צדוקי (דער צד איז א דוחק סאיז מער מסתבר ווי דער ערשטער צד) – דאס הייסט כאטשיק דער מומר האט א דירה ווי ישראל גמור אין אעפ״כ זאגט ער אין ובחרת בחיים סימן קכ״ב אז מקען אפדינגן זיין רשות פין שר העיר – והא ראיה ווייל ער זאגט דאך דארטען אז דער מומר הייסט א בר זביחה אין בר עירוב אפילו ער האלט נישט דיני עירובין – **אין ער קען מזכה זיין דער עירוב פארן קהל** – רעט ער דאך פין א מומר וואס הא יא א דירה ווייל אזא מומר וואס האט אן הלכה ווי א גוי אין זיין דירה הייסט נישט קיין דירה קען לכאורה נישט מזכה זיין קיין עירוב ער וועט נישט הייסען בר זביחה אין בר עירוב אין מסתמא וועט ער נישט האבן דיני זכייה – אין אפ״ה זאגט ער אז מקען דינגן זיין רשות ווי איך האב דערמאנט פריער (נאכדעם וואס איך האב געטראפען דעם ובחרתא בחיים סימן קכ״ו – דארף איך שוין נישט מדייק צי זיין פין ר׳ שלמה קלוגר אז מקען דינגען א יוד׳ס רשות – ווייל אין סימן קכ״ו איז עס מבואר)

פין גינת ורדים כלל ג׳ סימן כ״ב זעהט מען אויך **אז דער זעלבע זאך וועט זיין ווען מען דינגט דעם רשות פין א ישראל גמור** – ווייל ער שרייבט דארטען וועגען נאך א טעם איז שכירות פין ממשלה בעסער ווי דינגען פין גוי אליינס – וויבאלד סאיז דא צידוקים צווישען אינז – אין דער רמב״ם שרייבט אז פין א צדוקי קען מען נישט דינגען (ווייל ער איז דאך א יוד – דער רמב״ם האלט אזוי ווי דער ר״ם אין נישט ווי דער רא״ש) ער דארף מבטל זיין – זיין רשות – פירט אויס דער גנת וורדים – אז דיע צידוקים וועלען זיך נישט ציהערן צי אינז מבטל צי זיין אזוי ווי עס דארף זיין – אין מזכה זיין מיט פת קען מען נישט ווייל זיי גלייבן דאך נישט אין עירוב עכת״ל

איז דאך געדרינגען אז אפילו דעם רשות פין א ישראל גמור קען מען אויך דינגען – ווייל ער רעט דאך פין א צידוקי וואס איז א ישראל גמור – ער קען מבטל זיין – איז א וודאי אז זיין דירה איז א דירה – אין אעפ״כ קען מען דינגען זיין רשות פין די ממשלה

פין דעם ריב״ש איז אויך א ראיה אז מקען דינגן דעם רשות פין א ישראל גמור זעה אויבען דף ר׳

דער בעל התשובה אין דף ל׳ ברענגט דעם פתח הבית סימן ה׳ פין הגאון ר׳ אברהם טיקטין – וואס ווינדערט זיך ווי אזוי מאכט מען אן עירוב סזאל זיין אויס געהאלטען? – וויבאלד סאיז דאך דא צווישען אינז א זעליכע וואס זענען נישט מודה בעירוב – וואס אויף זיי העלפט נישט קיין עירובי הפת (אבער ביטול העלפט יא ביי זיי) – דארף מען דאך אפדינגען זייער רשות אין מען מיז אהנעמען ווי דער רא״ש וואס האלט אז שכירות העלפט ביי א יוד (ווייטער אין דף ל״ד האב איך אראפגברענגט פין דעת תורה אין פין ר׳ שלמה קלוגער אז דינגען פין ממשלה העלפט אפילו לויט דעם ר״ם) – אויב אזוי איז שווער ווי אזוי איז מען מקיל ביי שכירות רעועה (דאס איז דער שיטה פין זכרון יהודה קעגען די וועלט ווי איך האב אויבען געשריבען – איך האב געטראפען אין ובחרת בחיים סימן קכ״ו – וואס ער שרייבט צים הרב השואל

וואס האט געוואלט זאגען אז דאס דינגען העלפט נאר אויף א גוי'ס רשות וואס דירתו כדירת בהמה – אבער נישט אויף א יוד'ס רשות – פרעגט עהם ר' שלמה קלוגר פין ווי נעמסט די אזאן חומרה)

אויך איז שווער ווי אזוי איז מען זיך מקיל צי דינגען פין א שכירו ולקיטו – דאס גאנצע וואס מען קען מקיל זיין איז ביי א גוי וואס האט נישט קיין דירה – אבער ביי א צידוקי וואס האט נישט קיין הלכה ווי א גוי – **ער קען דאך מבטל זיין** – ווי אזוי וועט העלפען דינגען זיין רשות – **ואיך מצאנו ידינו ורגלינו בבית המדרש?**

ענפערט ער וויבאלד זיין עירוב העלפט נישט **האט מען מקיל גוועט** ביי עהם מיט שכירות אפילו מיט שכירות רעועה – כאטשיק אז אין רמב"ם שטייט אז שכירות העלפט נישט ביי א צידוקי (ווייל ער האט אן הלכה ווי א יוד – אין דער רמב"ם האלט אז ביי א יוד העלפט נישט קיין שכירות) – ווערלען אינז ביי דעם נישט פסק'ענען אזוי ווי דער רמב"ם – כאטשיק אז ביי א ישראל כשר וועט נישט העלפען א זא דינגען אבער ביי א צידוקי וואס עס העלפט נישט ביי עהם קיין עירוב – וועט ביי עהם העלפען שכירות רעועה אויך דינגן פין שכירו ולקיטו עכת"ל

זיין מהלך מחלק צי זיין צווישען א ישראל כשר אין א אינו מודה בעירוב וואס קען מבטל זיין – איז קעגען סוגיא דעלמא – בפירוש זעהט מען פין דעם עצי אלמוגים (אויבען דף כ"ו) וואס פרעגט אויף דעם גנת ורדים – אז עס איז נישט דא קיין חילוק – אויך אין שבות יעקב שטייט אז מקען דינגן דעם רשות פין א שומר תורה ומצות (זעה אויבען דף ו')

אויך איז זיין מהלך זייער שווער – ער זאגט וויבאלד עירוב העלפט נישט ביי עהם – ווערגען דעם האט מען מקיל גוועהן אז עס העלפט ביי עהם שכירות רעועה אויך דינגען פין שכירו ולקיטו – דאס איז זייער שווער – **ווייל מען קען פרעגען ווער האט דאס מקיל גוועהן? –**

זענען דאס גוועהן די חכמי הש"ס? – איז שווער – וואס פאר א ראיה האבען מיר אויף דעם? אין ש"ס שטייט דאך בכלל נישט פין דינגען פין א ממשלה

וועט מען זאגען אז די ראשונים האבען געמאכט דער קולה? איז שווער ווי אזוי קענען די ראשונים מקיל זיין קעגען חכמי הש"ס

אויך איז שווער אויף עהם – **אז ער קריגט זיך מיט דעם רמב"ם** – אויב מיר ווילען אהננעמען קעגען דעם רמב"ם – ווייל דער מנהג פין דינגען וואס איז יסודו פין ראשונים איז קעגען דעם רמב"ם – איז דאך בעסער אהנצינעמען קעגן דעם רמב"ם ביי א זאך וואס מיר האבען א ראיה פין אנדערע ראשונים – אויך ביי א זאך וואס עס שטייט נישט בפירוש אין רמב"ם

וואס פאר א זאך איז דאס ? – דינגען א יוד'ס רשות פין שכירו ולקיטו ! – וואס אויף דעם האבען מיר א ראיה פין ראשונים – רשב"א, ריטב"א, אין חידושי הר"ן קעגען דעם רמב"ם – אזוי ווי איך האב געשריבען ווייטער אין דף ל"ז – אויך שטייט נישט בפירוש אין רמב"ם אז

שכירו ולקיטו העלפט נישט ביי א יוד

אבער מיר קענען נישט גיין קעגן דעם רמב"ם מיט דער ענין – צי זאגען אז א צידוקי אדער א ישראל מומר וואס אפילו ער קען מבטל זיין – האט ער נישט דער הלכה ווי א ישראל גמור – ווייל אויף דעם האבען מיר נישט קיין ראיה פין ראשונים צי זאגען אנדערש ווי דער רמב"ם – נאר אדרבה פין תוס' ד"ה רבן גמליאל אין אנפאנג פרק הדר – זעהט אויך אויס אזוי ווי דער רמב"ם – ווייל תוס' זאגט דארטען אז א צידוקי איז א ישראל גמור - **מכל הנ"ל זעה איך נישט אז מיר זאלען קענען גיין מיט דער מהלך פין דעם פתח הבית**

לכאורה קען מען אבער פרעגען ווי אזוי קען מען מקיל זיין צוויי קולות אויף איינמאהל? **איין קולה איז – אז איך נעם אהן ווי ר' ששת אז סאיז געניג א שכירות רעועה** (מען האט דאך נישט אפגעפסקענט אזוי ווי ר' ששת – מען איז נאר מקיל ווי ר' ששת ווייל הלכה כדברי המקיל בעירוב – ווי דער רא"ש זאגט)

די צווייטע קולה אז איך נעם אהן ווי דער רא"ש אז שכירות פין א יוד העלפט (ווי דער ש"ע הרב סימן ש"פ פסקענט)

סאיז דאך - דא א ס"ס להחמיר ספק אפשר איז דער הלכה ווי רב חסדא אז מען דארף א שכירות מעולה - ספק אפשר איז דער הלכה ווי דער ר"ם אז שכירות פין א יוד העלפט נישט?

סקען זיין אז מקען ענפערען – דער טעם פארוואס מען דארף מחמיר זיין ביי ס"ס להחמיר – **איז דאך - ווייל ס"ס איז אזוי ווי רוב** – אין אויב איך האב א ס"ס להחמיר – הייסט עס רוב לאיסור – אבער ביי עירוב גייט מען נישט נאך רוב – אזוי האב איך געזעהן אין שבות יעקב ח"ב סימן ז', אויך אין מהרי"ט ח"א סימן צ"ד (איך האב אויך אזוי געטראפען אין רמב"ן, רשב"א, פרק ה' אויך אין ב"י ....) – **אז דאס וואס איך זאג הלכה כדברי המקיל בעירוב איז אפילו רוב פוסקים זענען מחמיר** – לויט דעם קען זיין אז ס"ס להחמיר – וועט נישט אסר'ן ביי עירוב פינקט ווי רוב אסר'ט נישט

אויך קען מען זאגען אז הלכה כדברי המקיל בעירוב – איז אנדערש ווי בדרבנן הלך אחר המקיל – "בדרבנן הלך אחר המקיל" איז נישט קיין אגע'פסק'ענטע זאך – איך האב א ספק – גייט מען לקולה – וועגען דעם אויב סקימט צי נאך א ספק להחמיר – ווערט דער ערשטער ספק חוזר וניער אין ער איז זיך מצטרף להחמיר – אנדערש איז אבער "הלכה כדברי המקיל בעירוב" – **דאס איז א פסק אזוי ווי אלע אנדערע פסקים** וואס די חז"ל האבן געפסק'ענט – דרך משל ר"מ ור' יהודה – הלכה כרבי יהודה – וואס דיע פסקים ווערען נישט גרעכענט אזוי ווי א ספק

וועגען דעם אויב דער רא"ש האט געפסק'ענט אז דער הלכה איז ווי ר' שישת – ווייל הלכה כדברי המקיל בעירוב – איז עס א פסק – אין סאיז נישט חוזר וניער – וועגען דעם קען שוין דער שו"ע הרב (ש"פ ס"ד) זאגען אז מקען אנעמען ווי דער רא"ש אז שכירות העלפט ביי א יוד – ווייל בדרבנן הלך אחר המקיל ד. מ. **אפילו מיט א שכירות רעועה אין דער שיטה פין רב חסדא איז נישט חוזר וניער**

אבער באמת דארף מען נישט ציקימען צי דעם – ווייל בענינינו קען מען מקיל זיין אפילו לויט דעם ר״ם ווי דער מ״א זאגט – אויב מדינגט פאר שבת איז דער ר״ם מודה (דער מ״ב סימן ש״פ ס״ק י״ג איז נוטה אזוי ווי דער מ״א)

אין אפילו לויט דער ט״ז איז בענינינו אויך מותר – **לויט די לעכטיגע ווערטער פין דעם דעת תורה סימן שפ״ה** – ווייל דער ט״ז זאגט דאך אז דער טעם פארוואס שכירות העלפט נישט ביי א יוד (לויט דער ר״ם) ווייל שכירות איז וויניגער ווי א פרוטה אין ביי א יוד דארף זיין א פרוטה וועגען דעם האט מען ציגענימען דאס דינגען פין א יוד – לויט דעם קימט אויס – אויב מדינגט פין ממשלה גוים איז מותר אפילו לויט דער ר״ם (איך האב געטראפען אז ר׳ שלמה קלוגר אין ובחרתא בחיים סימן קכ״ו זאגט אויך ווי דער דעת תורה)

נוסף לזה פין ריב״ש אין פין דער שבות יעקב וואס ווערט אראפגברענגט אויבען דף ו׳ איז **משמע** אז זיי האבן גלערענט אזוי ווי דער חילוק פין דעם דעת תורה – וויבאלט זיי זאגען נישט אז דאס דינגען פין ממשלה העלפט נאר לויט דעם רא״ש – אין פין דעם גנת ורדים וואס ווערט אראפ גברענגט אויבען דף ל״א איז **מוכח** אזוי ווי דער חילוק פין דעם דעת תורה – ווייל אויב נישט וואס איז דער חילוק פין דינגען פין ממשלה ביז צי דינגן פין דעם צידוקי אליינס – וואס ער זאגט אז לויט דעם רמב״ם קען מען נישט דינגען פין עהם – אבער פין ממשלה קען מען יא דינגען זיין רשות – אלא מאי איז א ראיה – אז דער חומרא פין נישט קענען דינגן א יוד׳ס רשות – איז נישט געזאגט גווארען – ווען מדינגט דעם רשות פין ממשלה – ווייל דעמאלט הייסט עס – אזוי ווי מען דינגט פין א גוי

איך מיין נישט צי זאגן אז דווקא לויט דעם טעם פין ט״ז וועט העלפען שכירות פין א גוי א יוד׳ס רשות – וואס איך מיין יא צי זאגען – אז לויט יעדען טעם וואס מוועט נאר זאגען וועט לכאורה העלפען (חוץ אויב מוועט זאגען אז שכירות וועט נאר העלפען אויף א גוי׳ס דירה ווייל דירת עכו״ם לא שמיה דירה אבער נישט אויף א יוד׳ס דירה – לויט דעם טעם וועט נישט העלפען צי דינגען פין א גוי א יוד׳ס דירה – אבער די פוסקים זאגען דאך נישט דעם טעם – אויך וואלט דער טעם גוועהן נגד הסברא ווייל מא דאך ביטול רשות וואס איז גארנישט קיין קנין סאיז נאר סילוק רשות – העלפט אויף א יוד׳ס רשות – שכירות וואס איז יא א קנין דארף א וודאי העלפען – זעה אין ט״ז סימן שפ״ב ס״ק ו׳ אויך אין מ״א סימן ש״פ ס״ק ו׳ – אז שכירות איז בעסער פין ביטול) –

למשל לויט דעם טעם פין תוס׳ שבת אין סימן ש״פ – ער זאגט דער טעם איז – וויבאלד די חכמים האבען אוועק גענימען פין א גוי ביטול ווייל זיי האבען געוואלט שווערער מאכען כדי מען זאל זיך דערוואטערען פין א גוי – ווייל דער גוי וועט מורא האבען צי פארדינגען ווייל ער וועט מורא האבען פאר כישוף – ער וועט טראכטען פארוואס וויל דער יוד דווקא דינגען ער קען דאך בעטען איך זאל מבטל זיין – מסתמא וויל ער מאכען כישוף – האבען זיי געמיזט אוועקנעמען שכירות פין א יוד – ווייל טאמער וועט העלפען שכירות – וועט א יוד אויך ניצען שכירות וואס דאס איז גרינגער פין ביטול – וועט א גוי בכלל נישט וויסען אז דער יוד האט אן עצה פין ביטול – וועט ער דאך נישט מורא האבען אז דער יוד וויל עהם

מאכען א שפיצעל (כישוף) – אין דאס וואס ער דינגט איז ווייל ער האט נישט קיין אנדערע וועג – וועט מען זיך נישט דערווייטערען פין גוים – לויט דעם טעם דארף אויך אויס קימען – אויב מדינגט פין ממשלה גוים איז מותר אפילו לויט דער ר"ם – ווייל למעשה דינגט מען נישט פין יודען

דער שבות יעקב ח"ג סימן כ"ט וואס איז מתיר צי דינגען פין ממשלה - איז מתיר אפילו דער מעכב איז א שומר תורה ומצות ד.ה. אפילו דאס רשות פין א שומר תורה ומצות קען מען אויך אפדינגען פין שר העיר אין אפילו בעל כרחו - ער לייגט נישט צי קיין תנאים - רגיל, בי"ד, אדער בי"ד וואס האט א כח צי צווינגען:

<u>דער בעל התשובה'ס ערשטע מהלך</u>
דער בעל התשובה דף כ"ה ד"ה ולפי (דער זיבעטע עמוד פין דער תשובה) וויל אריינקוועטשען אין דעם שבות יעקב - אז ער רעט ווען דער בע"ה האט נישט בפירוש מוחה גוועהן וואס דאס העלפט לויט דער שיטה פין ב"ח (דער ב"ח האלט אז שכירו ולקיטו פין א יוד וואס געט פת אין גלייך צי שכירו ולקיטו פין א גוי וואס פארדינגט בייביידע העלפט נישט אויב דער בעל בית איז מוחה – אבער דער ב"ח האלט אז סאיז א חילוק פין מוחה זיין ביז נישט מסכים זיין אויב דער בעל בית האט נישט מוחה גוועהן אפילו אויב ער איז נישט מסכים קען זיין שכירו ולקיטו געבען פת פארען עירוב אויך שכירו ולקיטו פין א גוי קען פארדינגען זיין רשות – דער ב"ח ווערט אראפגברענגט אין מחצית השקל שס"ז ס"ק ב' – האלט דער בעל התשובה אז לויט דער ב"ח [אליבא דרא"ש – וואס האלט אז מקען דינגן פין א יוד] וועט זיין דער זעלבע הלכה ווען א יוד'ס שכירו ולקיטו פארדינגט)

<u>דער בעל התשובה'ס צווייטע מהלך</u>
אדער רעט דער שבות יעקב ביי רגיל לערב וואס דעמאלט קען מען עהם צווינגען אין נעמען ברויט פין עהם בע"כ לויט דער צווייטע דיעה אין שו"ע – אדער אפשר אין דער פלאטץ פין שבות יעקב האט בי"ד געקענט צווינגען (פין דא איז א ראיה אז דער בעל התשובה האלט אז מדארף למעשה קענען צווינגען) אין דארטען ווי מקען נעמען ברויט בע"כ קען מען אויך דינגען פין שר העיר בע"כ

ביידע מהלכים זענען נישט אויסגהאלטען – דער ערשטער מהלך איז נישט אויסגהאלטען – מקען בשום אופן נישט אריינקוועטשען אין שבות יעקב – אז ער זאל גיין אזוי ווי דער ב"ח – חוץ וואס דאס איז עיקר חסר מן הספר – אין שבות יעקב שטייט דאך גארנישט ארויס אז נאר שלא מרצונו וועט העלפען אין נישט בעל כרחו – לויט פשטות לשונו – העלפט עס אפילו ווען ער איז מעכב – אויך איז דער ב"ח נדחה מהלכה ער איז דאך קעגען דעם רשב"א וואס אין רשב"א שטייט ארויס אז עס העלפט בעל כרחו (דער רשב"א ווערט אראפגברענגט אין ב"י שפ"ב) – ווי דער ט"ז אין סימן שפ"ב ס"ק י"ג שרייבט – " ואנו אין לנו אלא כמש"כ כאן ע"פ הרשב"א" אויך שרייבט דער ט"ז אין סימן שס"ז ס"ק א' "נישט מסכים זיין – אין מעכב זיין – איז איין זאך" (באמת איז דאס ווערטער פין רשב"א דף פ') – אויך שרייבט דער מ"ב אין שער הציון סימן שפ"ב ס"ק ל"ז – "איך האב נישט מעתיק גוועזן דעם ב"ח ווייל די אחרונים

זענען בשיטת הש"ע" (דער מחבר איז בשיטת הרשב"א אז ביי שכירו ולקיטו העלפט בע"כ)

בכלל איז דער גאנצע צד נישט רעליסטיש – ווי אזוי קען מען מאכען א קביעת'דיקע עירוב שלא מרצון דער בעה"ב יעדער מעניט קען ער דאך מוחה זיין – אין דער עירוב וועט בטל ווערען

דער צווייטע מהלך איז אויך נישט אמת – אין שבות יעקב שטייט גארנישט אז סדארף זיין רגיל אדער ספעלט אויס סזאל זיין א בי"ד אין אוודאי נישט א מקום ווי בי"ד איז ידה תקיף – דער שבות יעקב רעט נישט פין איין מקום פרטי – ער זאגט א כלל אזוי פירט מען זיך אין מהאט קיינמאל נישט גהערט מוחה זיין – אין אויב נאר רגיל איז מותר וואלט מען קיינמאהל נישט גקענט מאכען אן עירוב – ווייל דער ערשטער עירוב וואלט דאך גוועהן אסור

נוסיף לזה טראכט איך אז אויב מוועט גיין מיט דעם מהלך אז שר העיר איז נאר אזוי ווי שכירו ולקיטו – אין שכירו ולקיטו העלפט נישט אויף א יוד'ס רשות – וועט נישט העלפען רגיל אין סוועט אויך נישט העלפען קיין בי"ד אפילו א בי"ד שידה תקיף – ווייל אפילו שכירות איז גרינגער פין זיכו הפת ווי מיר וועלען ווייטער שרייבען – דאס וועט נאר העלפען אז מוועט דינגען **בע"כ פין איינגעטיהמער** – לויט דעם רא"ש אז שכירות העלפט ביי א יוד – אבער דינגען פין א שכירו ולקיטו וועט נישט העלפען – ווייל א שכירו ולקיטו איז נישט קיין בעל הבית (לויט דער דעה) ער קען נאר געבען ברויט אויף א גוי'ס רשות (לויט ווי תוס' אין דער רא"ש זענען מסופק ווערט ווייטער אראבגברעגט) אין נישט אויף א יוד'ס רשות אין בפשטות קען ער אויך נישט פארדינגען – איז וואס וועט העלפען צווינגען אויב ער האט נישט קיין כח

קודם וועל איך פריוועך מסביר צי זיין דעם שבות יעקב - אז ער רעט פין א מלך וואס קען נאר האלטען חפצים - אין אעפ"כ איז ער מתיר כאטשיק דער מלך האט נישט קיין כח מסלק צי זיין

מקען מסביר זיין דעם שבות יעקב – וואס ער איז מתיר צי דינגען אפילו א רשות פין א יוד פין א מלך – **אין ער איז נישט מפרט** דוקא א מלך וואס קען מסלק זיין – רעט אפילו פין א מלך וואס קען נאר האלטען חפצים בשעת א מלחמה – איי אזא מלך האט נאר אן הלכה ווי שכירו ולקיטו ווי עס שטייט אין ריב"ש סימן תכ"ז? – **ווער זאגט אז שכירו ולקיטו וועט נישט העלפען אויף א יוד'ס רשות?** – דער ריב"ש זאגט דאך צוויי תרוצים לויט איין תירוץ העלפט עס טאקע נאר אויף א גוי'ס רשות – אבער לויט דעם אנדערע תירוץ "בעירובין הקילו" – דארף עס צי העלפען אפילו אויף א יוד'ס רשות (ווי איך האב שוין געשריבען אויבען דף כ"ה אין מוסגר)

כאטשיק אז תוס' דף ע: ד"ה יורש אין דער רא"ש זיי ווערן אראפגברענגט אין מ"א סימן שע"א – זאגען אז סקען זיין אז א שכירו ולקיטו פין א יוד וועט נישט קענען געבען קיין ברויט פארן עירוב (נאר א שכירו ולקיטו פין א גוי קען געבען ברויט ווייל א דירה פין א גוי הייסט נישט קיין דירה [מ"א שע"א]) – אין פין מ"א סימן שס"ז ס"ק ה' זעהט אויס אז דינגען איז דער

זעלבע ווי געבען ברויט ד. ה. לויט דער רא״ש וואס האלט אז מקען דינגען פין א יוד – אעפ״כ וועט מען נישט קענען דינגען פין א יוד׳ס שכירו ולקיטו בעל כרחו פין בעל בית – פינקט אזוי ווי מען קען נישט נעמען קיין ברויט בעל כרחו פין דעם בעל הבית – ווייל אויב דער מ״א וואלט מחלק גוועהן דינגן פין געבן ברויט – וואלט ער דאך געקענט פארענפערען זיין קשיא פין דעם סתירת הרא״ש – ווי דער נתיב החיים פארענפערט (אויך לויט ווי איך שרייב ווייטער דף מ״ב דעם מהלך פין הגהות הגר״א קען מען פארענפערען דעם סתירה, אויבען דף י״ז האב איך גברענגט נאך א תירוץ אויף די סתירה)

אבער לעומת זה – זאגען דער חידושי הר״ן אין דער ריטב״א דף ע: אז א שכירו ולקיטו פין א יוד קען יא געבען ברויט פארן עירוב, אין אזוי איז אויך נוטה דארטען דער רשב״א, אין אזוי קימט אויס פין רשב״א, אין ריטב״א דף ס״ד: – ווייל זיי זאגען אז אז דאס וואס שכירו ולקיטו קענען געבען ברויט אפילו זיי שלאפן נישט דארטען אין זיי עסען נישט דארטען דאס איז נאר אויף א גוי׳ס רשות – אבער אויף א יוד׳ס רשות קען ער נישט געבען אויב ער עסט נישט אין שלאפט נישט דארטען – קימט דאך אויס אז שכירו ולקיטו וואס עסען אדער שלאפען דארטען קענען געבן ברויט – איז דאך א סברה צי זאגען אז דער ספק פין תוס׳ אין רא״ש וועט נישט מוצא זיין פין דער וודאי פין רשב״א , ריטב״א אין חידושי הר״ן (יגל יעקב סימן נ״ח)

אין דאס וואס דער בעל התשובה אין דף כ״ח וויל א ראיה ברענגען פין רשב״א – אז סוועט נישט העלפען דינגען פין שכירו ולקיטו – ווייל דער רשב״א פרעגט ווי אזוי קען העלפען אז דער שכירו ולקיטו (וואס איז א יוד) פין א גוי זאל קענען געבען פת פארן עירוב סאיז דאך נישט מקום פיתו או מקום לינתו – ד. ה. ער עסט דאך נישט דארטען אין ער שלאפט נישט דארטען?

אין דער רשב״א ענפערט וויבאלד דירת עכו״ם לא שמיה דירה האבן די חכמים מקיל גוועהן ביי א גוי׳ס רשות אז שכירו ולקיטו אפילו שלא במקום פיתו – זאל הייסען אזוי ווי א בעל בית וואס וואוינט דארטען אין עסט דארטען – דרינגט זיך פין דעם אויף – דער בעל התשובה – **אז מוועט נישט קענען דינגען א יוד׳ס רשות פין שכירו ולקיטו** (אויב דער שכירו ולקיטו שלאפט נישט אין עסט נישט דארטען)

באמת לא פגע ולא נגע – געבען ברויט האט נישט קיין שייכת מיט דינגען – ברויט קען געבען נאר ווער סשלאפט אדער עסט דארטען – א בעל בית וואס שלאפט נישט אדער עסט נישט דארטען (סאיז א מחלוקת פין רב אין שמואל – וואס איז קובע – עסען צי שלאפן) קען נישט געבען קיין ברויט ווי עס קימט אויס פין דער גמרא דף ע״ג. – וועגען דעם וועט נישט העלפען ביי א יוד׳ס רשות שכירו ולקיטו וואס וואוינט נישט דארטען – אנדערש איז אבער דינגען – דינגען קען מען פין א בעל בית סאיז נישט קיין חילוק צי עהר וואוינט דארטען אדער נישט – דארטען וועט אויסקימען לויט דער רשב״א אז מקען דינגען פין שכירו אין לקוטו א יוד׳ס רשות אפילו עהר וואוינט נישט דארטען

דער חילוק איז מבואר אין רשב״א ווייל אויף דער אויבען דערמאנטע קשיא ״ ווי אזוי קען

העלפען שכירו ולקיטו זאל קענען געבען פת פארן עירוב סאיז דאך נישט מקום פיתו או מקום לינתו?" ברענגט דער רשב"א אז דער ראב"ד ענפערט – אז דער שכירו ולקיטו געט נישט קיין פת – נאר ער פארדינגט אין ריטב"א שטייט דער זאך ארויס מער מפורש וקל להבין היוצא לנו אז אדרבה – פין רשב"א, ריטב"א, אין חידושי הר"ן קען מען א ראיה ברענגען (קעגען תוס' אין דער רא"ש) אז מקען יא דינגען פין שכירו אין לקוטו א יוד'ס רשות (אפילו בע"כ) – דער רשב"א אין ריטב"א רעדן פין דינגען ווי איך האב פריער דערמאנט – אבער דער חידושי הר"ן אפילו ער רעט נאר פין געבן ברויט – קען מען נאך אלץ א ראיה ברענגן אויך אויף דינגען – ווייל שוכר איז דאך כמערב ווי עס שטייט אין דער גמרא אזוי זאגט אויך דער מהרי"ט אין סימן צ"ד – אין ביי מערב שטייט דארטען אין תשובת הרשב"א ח"ה סימן ה' וואס ווערט אראפגברענגט אין ב"י סימן שפ"ב ד"ה ומ"ש ואם אינו רוצה להשכיר אין שוכרין ממנו בע"כ וכו' אז עס העלפט בע"כ

כאטשיק אז דער רשב"א אין תשובות וואס איז מתיר בע"כ – רעט ווען דער בע"ב איז א גוי – זיין ראיה פין דער גמרא דף פ' פין דעם טורזינא – איז דאך נאר פין א גוי – מ"מ איז נישט מסתבר מחלק צי זיין – וויבאלד דער רשב"א האלט אז דער דין פין שכירו ולקיטו – וואס עס איז גזאגט גווארען ביי א גוי – העלפט אויך ביי א יוד ווי איך האב פריער געשריבען – איז מסתבר אז עס איז אינגאנצען גלייך צי שכירו ולקיטו פין א גוי אז עס העלפט אפילו בע"כ

אין אזוי קימט אויס פין חידושי הרשב"א אין ריטב"א דף פ' אז א שכירו ולקיטו פין א יוד קען פארדינגען בע"כ פין זיין בעה"ב – ווייל זיי זאגען דארטען אויף דעם וואס די גמרא זאגט אז אשתו קען געבען פת בע"כ פין איר מאן וואס דאס רעט זיך ביי א יוד – אז זי קען אויך פארדינגען ווייל זי איז נישט ערגער פין שכירו ולקיטו – איז דאך משמע אז זיי האלטען אז שכירו ולקיטו פין א יוד קען פארדינגען בע"כ פין זיין בעה"ב – ווייל מען רעט דאך דארטען באופן ווען סאיז בע"כ – נאך א ראיה – ווייל אויב מען וועט זאגן אז שכירו ולקיטו פין א יוד קען נאר מדעת – וועט זיין שווער דאס וואס דער רשב"א אין ריטב"א זאגן אז א ווייב איז נישט ערגער פין שכירו ולקיטו – ווייל זי איז דאך יא ערגער – זי קען נאר פארדינגן מדעתו – אין א שכירו ולקיטו קען אפילו בע"כ (אין ש"ס ווערט דערמאנט דער דין פין שכירו ולקיטו – נאר ביי א גוי) – אלא מאי איז א ראיה אז דאס וואס מען זאגט אז א ווייב איז נישט ערגר פין שכירו ולקיטו – אז א ווייב אין אויך א שכירו ולקיטו פין א יוד – קענען פארדינגן בע"כ פין מאן אין בע"כ פין בעל הבית – (בדרך אגב זעהט מען אויך פין רשב"א אין ריטב"א אז זיי האלטען ווי דער רא"ש אז שכירות העלפט ביי א יוד)

אין באמת איז שכירות נאך גרינגער פין מערב ווי דער רא"ש זאגט אין פרק הדר אות א' אז שוכר איז נאך גרינגער פין מערב – ווייל מערב דארף זיין דווקא פין ערב – דאגען שוכר קען זיין אפילו אין שבת

אין דאס וואס דער רא"ש שרייבט אין פרק הדר דף ס"ב – אז א גוי וואס איז גוועהן רגיל צי פאר דינגען אין יעצט וויל ער נישט פארדינגען קען מען נישט דינגען בע"כ – ווייל מקען נישט ארויסלערנען שכירות פין זיכו הפת ד. מ. אז אפילו ביי זיכו הפת איז דא בעל כרחו –

קען מען נישט ארויסלערנען פין דעם שכירות – שכירות וועט נישט העלפען בע״כ – **איז נישט קיין סתירה צי אינז!** – ווייל דער ט״ז אין סימן שפ״ב זאגט אז דער טעם פארוואס מען קען נישט ארויסלערנען שכירות פין עירובי הפת – ווייל סאיז נישט שייך צי צווינגען א גוי – ווייל ער איז נישט קיין בר חיובה

לכאורה איז דער טעם פין ט״ז מוכרח – ווייל ווי אזוי קען זיין אז פין עהם אליין׳ס קען מען נישט דינגען בע״כ אין פין זיין שכירו אדער לקוטו – קען מען יא דינגען אפילו ער שרייט אז ער וויל נישט – אזוי איז געפסק׳נט אין שו״ע סימן שפ״ב סעיף י״א

אבער לויט דעם טעם פין ט״ז איז דער ענין זייער לעכטיג – **ווייל דא איז נישט קיין פראבלעם פין חסרון קנין - סאיז דא א חסרון פין בר חיובה** – ער איז נישט קיין בר חיובה קען מען עהם נישט צווינגען – אבער פין זיין שכירו אין לקוטו אויב זיי ווילען פארדינגען קען מען דינגען **אפילו בעל כרחו** (די חכמים האבען געמאכט שכירו ולקיטו ווי בעלי בתים – רשב״א, וריטב״א)

מקען מצדד זיין – אויב דער הלכה ביי עירוב – איז כדברי המקיל אין אפילו קעגען רוב פוסקים אזוי ווי איך האב אויבען דף ל״ג געשריבען – וועט דאך מסתמא דער ב״י נישט אהננעמען ביי עירובין ווי זיין גוועגטליכע מהלך – אנצינימען ווי דער רי״ף רא״ש אין רמב״ם (כאטשיק מיר נעמען אהן ווי דער רמ״א וואס איז חולק אויף דער מהלך – אבער דער רמ״א איז נישט חולק אויף דעם במלוא המילה אזוי ווי דער מהרש״ל – ער גייט דאך גאנץ גיט מיט – מיט דער מהלך – איז ביי עירוב וועט דער ב״י אין דער רמ״א נישט אהן נעמען דעם מהלך)

לויט דעם קען מען נוטה זיין אז מיר וועלען אהננעמען אז שכירו ולקיטו העלפט אפילו אויף א יוד׳ס רשות – כאטשיק סאיז קעגען דעם רמב״ם ווי מיר וועלען ווייטער שרייבען ד. ה. דער רמב״ם רא״ש אין תוס׳ וועלען האלטען אז סהעלפט נישט – אין ווייטער דער חידושי הר״ן, רשב״א, אין ריטב״א וועלען האלטען אז עס העלפט יא

אבער לעומת זה זאגט דער ב״י אין סימן שפ״ב ד״ה מ״ש וזה תקנתם שאחד מבני החצר יתקרב אליו וכו׳ – דער טעם פארוואס סהעלפט שכירו ולקיטו אויף א גוי׳ס רשות ווייל דירת עכו״ם לא שמיה דירה – **קימט דאך אויס אז אויף א יוד׳ס רשות וועט נישט העלפען** (אבער סקען זיין אז דער ב״י האט נישט געזעהן דעם חידושי הר״ן, חידושי רשב״א, אין ריטב״א – אויך סוף כל סוף האט דער ב״י נישט אפגעפסק׳ענט אז סהעלפט נאר אויף א גוי׳ס רשות) אין אזוי זאגט אויך דער שולחן ערוך הרב

אויך זאגט דער ב״י אין סימן שפ״ב ד״ה ומ״ש וזה תקנתם שאחד מבני החצר יתקרב אליו וכו׳ – אז לויט דער רמב״ם וועט שכירו אין לקוטו פין א יוד נישט קענען געבן ברויט בע״כ פין זיין בע״ב – והא ראיה ווייל דער רמב״ם דערמאנט בכלל נישט דער דין פין שכירו ולקיטו ביי א יוד (אפשר קען מען זאגען אז דער רמב״ם איז אויך גוועהן מסופק פינקט אזוי ווי תוס׳ אין דער רא״ש – אין דער ב״י איז לא נחית לזה – אין לויט דעם איז נישט דא קיין פסק מכרעת פין רמב״ם)

היוצא לנו אז סאיז דא פנים לכאן אין לכאן נניח - אז אפילו מוועט זאגען אז במיצו הדין וועט מען מיקל זיין צי דינגען א יוד׳ס רשות פין שכירו ולקיטו - קען מען אבער דאס נישט

אריינקוועטשען אין שבות יעקב - אזא חידוש וואלט דער שבות יעקב געדארפט ארויס זאגען - ווייל בפשטות העלפט דאך דאס נישט ווי עס שטייט אין מ"א סימן שע"א ס"ק ו' בשם התוס' ורא"ש

ע"כ לאמתו של דבר וואלט מען לכאורה גדארפט מסביר זיין דעם שבות יעקב – וואס ער איז מתיר צי דינגען פין א מלך – **רעט מען פין א מלך וואס האט רשות מסלק צי זיין** – אין אזא מלך האט אן הלכה ווי א בעה"ב אין מקען פין עהם דינגען אפילו א יוד'ס רשות – אפילו בע"כ פין איינגעטיהמער ווי איך האב געשריבען אויבען דף כ"ה

איי סאיז דאך א דוחק – ווייל אין ב"י זעהט מען אז סאיז גוועהן מלכים וואס האבען נישט געהאט קיין כח מסלק צי זיין – לפי זה וואלט דער שבות יעקב גדארפט ארויסזאגן אז ער רעט פין א מלך וואס האט יא דעם כח מסלק צי זיין

קען מען ענפערען – אויף וועליכער פלעצער איז גוועהן דער שטייגער פין א סאך מלכים וואס האבען נישט געהאט קיין כח מסלק זיין – דאס איז גוועהן אויף די הייזער אבער אויף דער גאס – איז גוועהן דער דרך פין אלע פלעצער אז זיי האבען **יא** געהאט א כח צי מסלק זיין (אזוי שטייט אין ב"ח ס"ס שצ"א) אין וויבאלד דער שבות יעקב רעט זיך אויף דער גאס האט ער נישט גדארפט מבאר זיין אז ער רעט פין א מלך וואס קען מסלק זיין (באמת איז דאס א דוחק ווייל ווען מען איז דן פין אן עירוב אויף א שטאט אדער אויף א געגענט – דארף מען באווארענען סיי די גאס אין סיי די הייזער – אזוי ווי דער ריב"ש אין סימן תכ"ז האט געטיהן – לפי זה איז דער פשטות אז דער שבות יעקב רעט אויך פין אריינטראגן אין די הייזער – אבער פאר א ה"א קען איך עס לאזן – צים סוף בלייב איך נישט אזוי)

איי ווען מען פרעגען בשלומה אויב מען דינגט פין מלך אליינס – קען מען זאגען סהייסט אז מען האט געדינגען פין בע"ב ווייל ער קען מסלק זיין אבער דער שבות יעקב איז דאך מתיר צי דינגען פין שכירו ולקיטו פין מלך וואס בפשטות האט ער נישט קיין רעכט מסלק צי זיין – איז ער דאך נישט קיין בע"ב – אויב אזוי ווי אזוי קען מען דינגען פין עהם א יוד'ס רשות קען מען ענפערען – וויבאלד דער מלך הייסט ווי דער בע"ב אויף דעם יוד'ס רשות – וועט דער מלך'ס שכירו ולקיטו נישט הייסען ווי דער שכירו ולקיטו פין דעם יוד – אזוי ווי דער ריב"ש אין סימן תכ"ז זאגט (באופן ווי דער אדון האט נאר רשות צי האלטען חפצים אין דעם יוד'ס רשות) – נאר ער וועט הייסען דער שכירו ולקיטו פין מלך – אזוי ווי עס קימט אויס לויט דער פעטער פין ב"י דערמאנט ווייטער

איז ווען מען דינגט פין עהם דעם יוד'ס רשות – הייסט עס אזוי ווי מען האט געדינגען א גוי'ס רשות פין דעם גוי'ס שכירו ולקיטו (ווייל דער מלך איז דאך א גוי – אין דער רשות גהער צי עהם – ווייל ער קען דאך מסלק זיין)

(אין אמעריקע האט דער ממשלה א כח מסלק צי זיין פין דער דירה – זיי האבען מסלק גוועהן ר' פישל – ווי איך האב אויבען געשריבען – איך האב גהערט טענה'נען אז אין אמעריקע האט נישט איין מענטש אליינס אזאן כח סדארף אדורך גיין אפאר מענטשען – באמת איז דאס נישט קיין טענה ווייל אפילו אויב איין מענטש אליינס קען נישט מסלק זיין אבער וויבאלד אפאר ציזאמען קענען יא – וועט אמעריקע האבען אן הלכה ווי שותפים

כאטשיק אין גינת ורדים כלל ג׳ סימן כ״ב דערמאנט אויבען דף כ״ו – זעהט זיך אויס אז עס דארף זיין איין בעל הבית ווייל ער זאגט דארטען אין מצרים קען דער שר העיר טיהן וואס ער וויל – איי ער איז זיך שואל עצה מיט אנדערע? דאס טיט ער נאר ווייל ער וויל הערן אן עצה הגונה ! אבער באמת האט ער רעכט צי טיהן אליינס וואס ער וויל עכת״ל – פין דעם זעהט אויס – אז אויב סאיז נישט דא קיין רעכטען פאר איינעם אליינס קען מען נישט דינגען

קען מען מדחה זיין אז דער גינת ורדים האט געוואלט זאגען אז עס זאל העלפען דינגען פין ״שר העיר אליינס״ אדער פין זיין שכירו ולקיטו (אזוי ווי ער פירט אויס – אז מקען דינגן פין שר אליינס אדער פין זיין שכירו ולקיטו) – אבער אויב עס איז נישט דא קיין כח פאר איינעם אליינס האבען זיי נאר אן הלכה ווי שותפים אין מוועט דארפען פרעגען אלע שותפים אדער דער שכירו ולקיטו פין דיע אלע שותפים)

לויט דעם דארף אויס קימען אז אין אמעריקע וואס דעם ממשלה האט רשות מסלק צי זיין – הייסען זיי ווי בע״ב – אין אפילו דער רשות געהערט נישט צי איינעם אליינס – האבען זיי א דין פין שותפים

יעצט ווען מען דינגט א יוד׳ס רשות פין א שכירו ולקיטו פין דיע שותפים – למשל פין א פליס (police) מאן – הייסט נישט אז מען האט געדינגען פין שכירו ולקיטו פין דעם יוד – נאר פין שכירו ולקיטו פין דעם גוי

להלכה: נעמט מען אהן אז מען קען דינגען א יוד׳ס רשות פין זיין שכירו ולקיטו בעל כרחו (ווען דער שכירו ולקיטו איז א גוי - **אויב ער איז א יוד - איז א מחלוקת**)

אבער להלכה וועט מען אנעמען אז מען קען דינגען א יוד׳ס רשות פין זיין שכירו ולקיטו אזוי ווי עס שטייט אין שו״ת מהרי״ט סימן צ״ד אז אזוי איז דער מנהג הדורות צי דינגען פין מלך אדער שכירו ולקיטו אין מהרי״ט **שטייט ארויס בפירוש אז דער טעם פין קענען האלטען חפצים אליינס** – העלפט (ד.ה. אהן דער טעם פין קענען מסלק זיין) אויך ברענגט דארטען דער מהרי״ט אז אזוי האט דער ב״י אפגעפסק׳ענט אין סימן שצ״א – דער ב״י ברענגט דארטען אז אזוי האבען געהאלטען די חכמי ספרד אז מען האט זיך נוהג גוועהן אין ספרד אז מען האט געדינגען פין שרי המדינות אומן המלך

מקען נישט אריינקוועטשען אין ב״י אדער אין מהרי״ט אז זיי האבען נאר מתיר גוועןן צי דינגען א גוי׳ס רשות ווייל א גוי האט נישט קיין דירה, אדער א מומר וואס האט נישט קיין דירה – אבער דעם רשות פין א יוד האבען זיי נישט מתיר גוועהן

וויבאלד זיי רעדען דאך פין קביעת אויך פין גרויסע שטעט – איז דאך צווישען זיי אויך גוועהן מומרים וואס זענען נישט גוועהן בכלל שיתוף הפת אין מהאט זייער רשות געדארפט אפדינגען – מקען נישט ענפערען אז א מומר האט נישט קיין דירה – לא מיבעא לויט דעם אבן העוזר אין דעם יד אליהו – וואס זיי האלטען אז מומרים האבען יא א דירה אין לויט זיי דארף א דירה פין מומר האבען דעם זעלבען שטארקער קנין ווי א ישראל גמור – נאר אפילו לויט דעם קרבן נתנאל אין דעם דברי מלכיאל וואס האלטען אז א מומר האט נישט קיין דירה

(נוסיף לזה דער דברי מלכיאל איז נישט מוכרח אויך האבען מיר נישט קיין ראיה אז דער קרבן נתנאל האלט ווי דער דברי מלכיאל ווי איך האב געשריבען אויבען דף ל' אין הג"ה) – וועט דאס נישט זיין מספיק מסביר צו זיין דעם ב"י אין דעם מהרי"ט – ווייל סאיז דאך אויך דא צידוקים אין מומרים וואס שעמען זיך מחלל שבת צו זיין פאר שומר שבת – וואס זיי האבען דאך אן הלכה ווי א ישראל גמור, זיי קענען דאך מבטל זיין ווען זיי דאך זיכער האבען א דירה – אין בכלל שיתוף הפת זענען זיי נישט ווייל זיי גלייבען דאך נישט ווי עס שטייט אין סימן שפ"ה (דער ראיה האב איך אויבען דף ל' געשריבען צווישען אנדערע ראיות – איך האלט אז דער ראיה אליינס איז מכרעת)

דער מנהג פון דינגען דעם רשות פון שכירו אין לקוטו פון מלך איז שוין אזוי דורי דורות נאך פאר דעם זמן פון ב"י (**אין ב"י סימן שצ"א שטייט נישט אז מען האט מקפיד גווען צו דינגען נאר ביי א מלך וואס קען מסלק זיין**) – וואס מנהג העלפט דאך קובע צו זיין דער הלכה ווי א דעת יחיד ווי תוס' זאגט אין מסכתא קדושין דף ל"ט אז כאטשיק דער גמרא זאגט אז דער הלכה איז נישט ווי רב יאשיה אין מטרעפט כמה משניות קעגען רב יאשיה איז נאך אלץ דער הלכה ווי רב יאשיה ווייל דער מנהג איז אזוי ווי רב יאשיה – **איז מכ"ש ביי אינז וואס במיצו הדין דארף מען אזוי פסק'ענען**

אין בענין דער קשיא פון עצי אלמוגים אויבען דף כ"ו – דער קשיא איז שווער אויפען ב"י אין נישט אויף דער הלכה – אויף דער הלכה איז גארנישט שווער ווי איך האב פריער געשריבען – אויפען ב"י איז שווער – אויב דער ב"י איז נוטה אין שפ"ב אז מקען נישט דינגען פון שכירו ולקיטו א יוד'ס רשות ווי איך האב געשריבען אויבען דף ל"ט פארוואס פסק'ענט ער אין שצ"א אז מען יא דינגען ?

מיט דער מהלך איז מיר פארענפערט געווארען מיין תמיה אויף די פוסקים וואס זענען מתיר צו דינגען א יוד'ס רשות פון ממשלה זיי ווערען אראפגברענגט אויבען דף י"א - וואס טיען זיי מיט דעם עצי אלמוגים'ס קשיא? - יעצט איז זייער גיט - אויב סאיז שוין אזוי נהוג בזמן הב"י ווי עס שטייט אויך אין מהרי"ט אין אזוי איז מוסכם לויט דער רשב"א, ריטב"א, אין דער חידושי הר"ן האט שוין דער שבות יעקב אין אויך די אחרוני אחרונים נישט געהאט וואס מפקפק צו זיין

אפילו לויט תוס' אין רא"ש קען מען דינגען פון א יוד'ס שכירו ולקיטו

נאך קען זאגען אז דינגען פון א יוד'ס שכירו ולקיטו – קען מען אפילו לויט תוס' אין רא"ש – ווייל מקען מחלק זיין דינגען פון געבען פת – דער רא"ש זאגט ווערט דערמאנט אויבען אז דינגען איז גרינגער פון געבען פת – דינגען קען מען אפילו אין שבת – ווייטער געבען פת קען מען נאר ערב שבת – במילא קען מען זאגען אז דאס וואס תוס' אין דער רא"ש זענען מסופק צו א שכירו אין לקוטו פון א יוד צו ער קען געבען פת – אז זייער ספק איז נאר גווען אויף געבען ברויט – אבער צו פארדינגען וועלען זיי מודה זיין צים ר"ן, רשב"א אין ריטב"א אז שכירו ולקיטו קען פארדינגען

פון הגהות הגר"א קען מען מדייק זיין אזוי ווי דער מהלך – ווייל דער גר"א זאגט אין סימן

שפ״ב סעיף י״א אז דאס וואס דער מחבר זאגט דארטען אז מקען דינגען פין א ווייב אדער פין שכירו ולקיטו פין א בע״ב א גוי בע״כ – דאס איז לויט דער רא״ש (ווי דער ערשטער דיעה אין מחבר שס״ז) וואס לויט דער רא״ש קען א ווייב געבען ברויט בע״כ – קען זי אויך פאר דינגען בע״כ

קימט אויס אז דער גר״א – איז נישט מחלק צווישען א גוי מיט א יוד ווי דער מ״א אין סימן שס״ז איז מחלק – וואס לויט דער מ״א קען דער מחבר אויס קימען אפילו לויט דעם רמב״ם – אין מקען זאגען אז דער רמב״ם איז מודה ביי א גוי אז זיין ווייב קען פאר דינגען בע״כ – אזוי ווי דער א״ר אין סימן שס״ז אות ד׳ זאגט (אין לויט דער מ״א קימט אויס אז סאיז נישט קיין חילוק צווישען געבען ברויט מיט פאר דינגען ביי ביידע קען נישט א שכירו ולקיטו פין א יוד געבען אדער פארדינגען בע״כ ווי איך האב אויבען דף ל״ו געשריבען)

דארף מען פארשטיין ווי אזוי זאגט דער גר״א אז דער מחבר קימט אויס אזוי ווי דער רא״ש – דער רא״ש (ציזאמען מיט תוס׳) איז דאך דער וואס איז מסתפק צי א שכירו ולקיטו פין א יוד קען געבען ברויט – אויב אזוי ווי אזוי זאגט דער גר״א אז דאס וואס דער מחבר זאגט אז א ווייב, אדער זיין שכירו ולקיטו קען פארדינגען בע״כ קימט אויס אזוי ווי דער רא״ש?

אלא מאי איז א ראיה אז דער גר״א וועט לערנען אז תוס׳ אין דער רא״ש זענען נאר מסופק אויף געבען ברויט – אבער פארדינגען וואס דאס איז גרינגער ווי דער רא״ש זאגט – אויף דעם וועלען זיי נישט מסופק זיין – אזוי ווי מיר האבען פריער מחלק גוועהן

אין אפילו אז דער מהלך איז קעגען מ״א – האב מיר נאך אלץ גענוג סמך זיך סומך צי זיין – קודם האבען מיר דעם וודאי פין רשב״א, ריטב״א, אין חידושי הר״ן – קעגען דעם תוס׳, רא״ש, אין רמב״ם׳ס ספק – ווי איך האב אויבען געשריבען – נאך האבען מיר א מהלך קעגען דעם חומרא פין מ״א – דעם גר״א׳ס מהלך ווי איך האב יעצט געשריבען – ועל כולם האבן מיר א ראיה פין אלע אחרונים וואס זענען מתיר צי דינגען פין ממשלה (זיי האבען נישט ציגלייגט א תנאי אז דאס איז דווקא ווען דער ממשלה קען מסלק זיין) דערמאנט אויבען דף י״א – זעהט אויס קעגען מ״א

נאך קען מען מוסיף זיין – דער ב״י אין סימן שצ״א זאגט בשם זיין פעטער מהר״ר יצחק קארו אז מקען דינגען פין א בן מלך אדער פין א שומר החומת – כאטשיק אז פין רשב״א קימט אויס אז דער מלך אליינס (וואס קען נאר האלטען חפצים אין א מלחמה צייט אין ער קען נישט מסלק זיין) איז נישט מער ווי שכירו אין לקוטו – אויב אזוי איז דאך דער זין פין מלך אדער דער שומר החומת פין מלך ״שכירו דשכירו״ – אין ווי טרעפט מען אז שכירו דשכירו זאל העלפען? – ענפערט מהר״ר יצחק קארו – אז א מלך וואס קען האלטען חפצים אין א מלחמה צייט איז נישט נאר אזוי ווי שכירו ולקיטו – נאר ער הייסט ווי א **בעל הבית** – במילא קען מען דינגען פין א בן מלך אדער פין א שומר החומות ווייל זיי הייסען **אזוי ווי שכירו ולקיטו פין מלך** – איי דער רשב״א זאגט דאך אז דער מלך איז נישט מער ווי שכירו אין לקוטו? – אויף דעם ענפערט ער – אז דער רשב״א מיינט נאר צי זאגען לדוגמא בעלמא ד. ה.

אזוי ווי מיר טרעפען אז שכירו ולקיטו כאטשיק זיי זענען נישט קיין בעל הבתים קען מען דינגען פין זיי – די זעלבע זאך וועט זיין – דינגען פין א מלך וואס קען האלטען חפצים אין א מלחמה צייט – אבער באמת איז א מלך אזוי ווי א **בעל בית** עכת"ל

לויט דעם מהר"ר יצחק קארו דארף אויסקימען אז מען זאל קענען דינגען פין א מלך וואס האט נאר רשות צי האלטען חפצים – אפילו דעם רשות פין א יוד – ווייל ער האט נישט קיין הלכה ווי שכירו ולקיטו – **נאר ווי א בעל בית**
אויך וועט אויסקימען אז מוועט קענען דינגען פין שכירו ולקיטו פין מלך (אפילו זיי האבן נישט קיין רשות צי האלטען חפצים אין יענעמס רשות) ווייל דער בן מלך אדער דער שומר החומות האבן אן א הלכה ווי שכירו ולקיטו פין מלך (אין נישט שכירו ולקיטו פין יוד – אזוי שטייט בפירוש אין ב"י דארטען) – איז לויט דעם וועט מען קענען דינגען פין א בן מלך אדער פין שומרי החומת א יוד'ס רשות – אפילו לויט דעם מ"א ווייל סהייסט אז מען דינגט א גוי'ס רשות (ווייל דער בע"ב איז דער מלך) פין דעם גוי'ס שכירו ולקיטו

מקען פארענפערען דעם סתירת הב"י

אויך קען מען פארענפערען דעם סתירת הב"י ד.ה. לכאורה איז שווער – אז אין ב"י שפ"ב זעהט אויס אז דער ב"י האט אנגענימען אז שכירו אין לקוטו פין א יוד קען נישט פארדינגען – אז דער דין פין שכירו ולקיטו איז נישט געזאגט געווארען ביי א יוד (זעה אויבען דף ל"ט) אין לעומת זה אין ב"י שצ"א זעהט זיך אויס אז שכירו ולקיטו קען פארדינגען א יוד'ס רשות ווי עס ווערט דערמאנט אויבען

איך טראכט אז מקען אפשר נעמען א מהלך צי זאגען אז מזעהט אז דער ב"י האט נישט געוואלט אהננעמען פאר א דבר ברור – אז מקען נישט דינגען א יוד'ס רשות פין א שכירו ולקיטו – ווייל אין זיין ש"ע האט ער דאס נישט געשריבען – דער מהלך האב איך געטראפען אין סופרות – דער מהר"ם גאלאנטי אין סימן קכ"ד ענפערט פאר דעם שואל דער ר"ש מנרבונה – אז דער ב"י האט נישט אזוי אפ'גפסק'ענט אין ש"ע – אויך דער בית דוד סימן כ"ו נעמט אהן אזא מהלך לגבי קוצו של יוד – ער זאגט דארטען אז דער מחבר האט נישט אזוי אפ'גפסק'ענט אין ש"ע

נאך קען מען זאגן מיט דעם מהלך פין מהר"ם גאלאנטי – דער מהר"ם גאלאנטי שרייבט דארטען – אז ווען ער איז גוועהן 22 יאהר אלט – האט עהם דער ב"י גגעבען רשות דן צי זיין דיני גט'ן אין דיני קדושין – האט ער גפרעגט דעם ב"י אז אין שו"ע איז גפסק'נט אז דאס ווארט "בנפשייכי" – אין א גט קימט מיט צוויי יוד'ן – אין דא אין שטאט שרייבט מען "בנפשיכי" אין א יעדען גט – נאר מיט איין יוד (סאיז א מחלוקת פין רש"י מיט דעם רא"ש) – האט עהם דער ב"י גענפערט – הס (שטיל) שלא להזכיר (מען זאל דאס נישט דערמאנען) זאל מען ווייטער שרייבן אזוי ווי מען פירט זיך ביז יעצט (שלא להוציא לעז על גיטין הראשונים) – פירט אויס דער מהר"ם גאלאנטי אז מיר פירען זיך היפך פין וואס סשטייט אין שו"ע

דאס הייסט – אז דאס וואס דער ב"י האט געשריבען אין זיין חיבר – האט ער נישט גרעט

במקום מנהג – לויט דעם קען מען זייער גיט פארענפערן דעם סתירת הב"י – דאס הייסט אז דאס וואס דער ב"י האט נוטה גוועהן (דער ב"י האט נאר אזוי נוטה גוועהן – אבער ער האט נישט אזוי אפגפסק'נט אין זיין שו"ע – ווי איך האב פריער געשריבען) אין סימן שפ"ב אז מקען נישט דינגן א יוד'ס רשות פין א שכירו ולקיטו – אזוי איז גוועהן זיין נטיה שלא במקום מנהג – אבער ער האט נישט גהאט קיין שווערעקייטן במקום מנהג – וועגען דעם איז גיט וואס ער האט געשריבען אין סימן שצ"א – דארטען האט ער גארנישט גפסק'נט ער האט נאר געשריבען דעם מנהג ספרד (דער מנהג ספרד איז אויך אריבער צי אינז בני אשכנז – שוין א פאהר הינדערט יאהר) אז מען פירט זיך צי דינגען פין אומן המלך – ווייל דארטען ווי עס איז דא א מנהג צי דינגן א יוד'ס רשות פין א שכירו ולקיטו – איז זיכער אז מקען אהנעמען אזוי ווי דער מנהג – וואס איז מוסכם לויט דעם רשב"א, ריטב"א, אין לויט דעם חידושי הר"ן ווי איך האב אויבען געשריבען

א צווייטע מהלך צי פארענפערען דעם סתירת הב"י

מקען זאגען אז דאס וואס דער ב"י שרייבט אין סימן שפ"ב ד"ה מ"ש וזה תקנתם שאחד מבני החצר יתקרב אליו וכו' אז וועגן דעם העלפט דער שכירות ווייל דירת עכו"ם אינה דירה – מיינט נישט דער ב"י צי זאגען וועגן דעם העלפט צי דינגען פין זיין שכירו ולקיטו – ווייל זיין דירה איז נישט קיין דירה – נאר דער ב"י מיינט צי זאגען – וועגען דעם העלפט צי בארגן דעם רשות אויף צי האלטען חפצים אין מיט דעם ווערט מען שוין אזוי ווי א שכירו ולקיטו – ווייל דירת עכו"ם אינה דירה – **אבער דינגען ממש – העלפט שכירו ולקיטו אפילו ביי א יוד'ס רשות**

אין דאס וואס דער ב"י זאגט דארטען מען האט עהם מתיר גוועהן צי דינגן פין שכירו ווייל מיט דעם איז מען מקיים דער תקנת חכמים ווייל סקען זיין אז דער שכירו וועט עהם נישט וועלן פארדינגן – מיינט דער ב"י גארנישט צי זאגן אז נאר ביי א גוי העלפט שכירו – דער ב"י מיינט נאר צי זאגן – אז לכאורה וואלט דינגן ביי א גוי – נישט גהאלפען ד. ה. אז אפילו ביי א יוד העלפט דינגן פין א שכירו ולקיטו – אבער ביי א גוי העלפט עס נישט – וויבאלד דאס גאנצע וואס א גוי אסר'ט איז נאר ווייל די חכמים האבן גוואלט מען זאל זיך מרחק זיין פין א גוי האבן זיי גמאכט שווערע קייטן – קען מען דאך זאגן אז דינגן פין א שכירו העלפט נישט ווייל עס איז נישט דא אין דעם קיין שווערעקייט – אויף דעם ענפערט דער ב"י אז עס איז יא דא א שווערעקייט וכו'

כאטשיק אז דער גאנצער לימוד אז דער ממשלה איז נישט ערגער פין שכירו ולקיטו – איז דאך ווייל זיי קענען האלטען חפצים אין יענעם'ס רשות זענען זיי דאך נישט ערגער פין שכירו ולקיטו – אין מיר זאגן דאך יעצט אז קענען האלטען חפצים מאכט ווי שכירו ולקיטו – נאר אין א גויס רשות אבער נישט אין א יוד'ס רשות

מ"מ איז נאך אלץ דא א חילוק צווישען בארגן א פלאטץ אויף צי לייגן א חפץ – מיט דער ממשלה – ווען א מענטש בארגט א פלאטץ צי לייגן א חפץ – האט ער נישט גבארגט דעם

גאנצען דירה – ער האט נאר גבארגט איין שטיקל פלאטץ – פין דעסטען דאך זאגען מיר אז סאיז אזוי ווי ער האט גבארגט דעם גאנצען דירה – ווי ססטייט דארטען אין ב״י – דאס זאגט מען נאר ביי א גוי׳ס דירה – אנדערש איז דער ממשלה זיי קענען האלטען חפצים אין יעדען חלק פין די דירה – זענען זיי ווי שכירו ולקיטו אפילו אין א יוד׳ס רשות

נאך א חילוק איז דא צווישען א פריוואטען מענטש וואס בארגט – אין צווישען דער ממשלה: א פריוואטע מענטש קען בארגען דאס פלאטץ נאר מדעת פין דעם שואל – אנדערש איז דער ממשלה זיי קענען בארגען דאס פלאטץ בע״כ – וועגן דעם העלפט צי דינגן ביי זיי אפילו דעם יוד׳ס רשות – דוגמא לדבר זה איז דער שיטה פין דעם בית יוסף׳ס פעטער וואס ווערט גברענגט אויבען – וואס ער האלט אז ממשלה הייסט ווי א בעה״ב – כאטשיק מלערענט דאס ארויס פין שכירו ולקיטו – זאגט מען אז ממשלה איז נישט נאר א שכירו ולקיטו – נאר אזוי ווי א בעה״ב – לויט דעם קען מען זאגן אז אפילו לויט דעם ריב״ש וואס האלט אז ממשלה איז נאר ווי שכירו ולקיטו – קען מען נאך אלץ זאגען אז זיי זענען בעסער פין א פריוואטע מענטש וואס בארגט א פלאטץ – אין פין זיי קען מען דינגן אפילו א יוד׳ס רשות

##ביידע מהלכים אויף צי פארענפערען דעם סתירת הב״י דארף מען האבען

דער מהרי״ט סימן צ״ד ווערט אראפגברענגט אויבען דף מ״א וואס זאגט אז דער ב״י האט אפגפסק׳ענט אין סימן שצ״א אז מקען דינגן פין ממשלה - קען נישט האלטען ווי דער ערשטער תירוץ - איז כדי סזאל נישט זיין לויט עהם קיין סתירה פין ב״י שפ״ב מיט דער ב״י שצ״א וועט דער מהרי״ט דארפען לערנען פשט אין ב״י שפ״ב ווי דער צווייטען מהלך

ווייטער דער ש״ע הרב סימן שפ״ב סעיף י״ד - וואס שרייבט וועגען דעם קען מען דינגן פין ״שכירו ולקיטו״ אין אפילו בע״כ - ווייל דירת עכו״ם אינה דירה - וועט נישט קענען גיין ווי דער צווייטע מהלך - איז לויט דעם שו״ע הרב - וועט מען מיזען פארענפערן דעם סתירת הב״י אזוי ווי דער ערשטער מהלך

דער רשב״א וואס איז מתיר ביי א זכות גמור - מזכה צי זיין בע״כ:

בתנאי אז ווען דער מעשה וואלט געקימען צי בי״ד וואלט בי״ד עהם געצווינגען (ד. מ. מזכה צי זיין א גט שחרור פאר אן עבד בע״כ - ווייל בי״ד וואלט עהם געצווינגען ארויס צי גיין) - דארף נישט זיין אז סאיז למעשה דא א בי״ד - סאיז גענוג ליצויר אויב סוואלט דא גווען א בי״ד וואלט בי״ד עהם געצווינגען

דער בעל התשובה דף י״ט. ד״ה ועכ״פ (דער ערשטע עמוד פין דער תשובה) – שרייבט אז אפילו איך וועל זאגען אז ביי אוסר אליין׳ס קען בי״ד צווינגען – דאס איז נאר בי״ד א יחיד אבער איין בי״ד קען נישט צווינגן א צווייטע בי״ד (נא – אויב אזוי פארוואס צווינגט איר?)

בפרט לויט ווי דער עצי אלמוגים איז מסביר פארוואס בי״ד קען צווינגען – ווייל מצוה לשמוע דברי חכמים כעין ווי די חכמים האבן געזאגט כופין אותו עד שיאמר רוצה אני (ד. מ. מען טיט עהם צווינגן ביז ער זאגט אז ער וויל) – איז אויב סאיז דא צוויי בי״ד׳ס איז נישט שייך

צי זאגען פאר זיי מצוה לשמוע דברי חכמים ווייל פאר זיי איז א מצוה צי הערן זייערע חכמים

בעסער מסביר צי זיין די ווערטער פין בעל התשובה – ווייל ער האלט אז עס דארף זיין למעשה אז בי"ד וואס קען צווינגען אזוי ווי איך אויבען דף ל"ה געשריבען אין אזוי קימט אויס פין עהם אין נאך א פלאטץ – אין דף כ"ט ד"ה וע"ע בשו"ת אבנ"ז – שרייבט ער אז דער "קצות השלחן רעט זיך אויף א אופן וואס בי"ד קען צווינגען"

אבער באמת איז עס נישט אזוי – **דער רשב"א אליין'ס רעט אויך נישט באופן וואס מקען צווינגען** דער רשב"א רעט זיך ווען דער עבד איז נישט דא - **מזאל עהם קענען צווינגען** – סאיז נישט מער ווי א **גילו מילתא בעלמא** (איך בין נישט זיכער אז ספאסט דא דער ווארט "גילו מילתא בעלמא" מ"מ ניטץ איך דאס ווארט – ווייל איך טראכט – אז אזוי וועט מען בעסער פארשטיין וואס איך זאג) – אז דארטען ווי דער הלכה זאגט אז מקען צווינגען איז דא א כח מען זאל קענען מזכה זיין בע"כ

במילא וועט זיין דער זעלבע זאך – **בזמנינו וואס בי"ד איז נישט ידה תקופה** (אזוי שטייט אויך דארטען אין ובחרתה בחיים – זעה אויך אויבען דף י"ד ראיות אז אפילו רבים קענען נישט מעכב זיין) – זיי קענען נישט צווינגען אפילו א יחיד אין מכ"ש ר' פישל – כאטשיק **אז קטנו עבה ממתנם** - קען ער זיי נישט צווינגען ווייל זיי האלטען אז זייער שיקול הדעת איז בעסער פין זיינס

אבער באמת אויב סוואלט גוועהן ידו תקיפה מטעם הממשלה וואלט זיין בי"ד יא געקענט צווינגען זייער בי"ד – לויט דער הלכה – **ווייל זיין בי"ד האלט דאך אז זייערע חששות איז הבל** (איך האב גהערט בשם ר' פישל ער האט זיך אויסגעדריקט "די רבנים קענען זאגען אז א אשה דארף זיך צי דעקן ביז דא ביז דא [ער האט אהנגעוויזען אויף זיין האנט] **אבער** זיי קענען זיך נישט שלאגען מיטען ש"ע") – **ואין לדיין אלא מה שעיניו רואות** – סאיז נישט שייך צי זאגן פאר בי"ד מיר ווילען אננעמען אינזער רבי'ס חשש – סאיז נישט דא קיין חילוק צי א בעל בית זאגט דאס פאר בי"ד צי א רב זאגט דאס פאר בי"ד – א מורה הוראה וואס קען נישט מברר זיין ע"פ תורה אז מטאר נישט מאכן אן עירוב אין וויליאמסבורג – האט אן הלכה לגבי דעם – ווי א תלמיד שלא הגיע להוראה אין אפילו אויב זיי זענען דריי רבנים אדער מער - **האבן זיי אן הלכה ווי א בי"ד של הדיוטת**

בפירוש געפינען מיר אין שו"ת רא"ש כלל כ"א סימן ח' אז א גרעסערע קען צווינגען א קלענערען – אין נאך מער דער רא"ש איז מגדיר דעם מעכב פין צי מאכען אן עירוב – **אלץ א משוגענער** – כאטשיק ער איז גוועהן א מורה הוראה בישראל אין די צייט פין רא"ש (אין ער האט געהאט אן ערענסטער חשש – ווי עס ווערט גברענגט אין בית אפרים סימן כ"ו) – פין דאס וואס דער רא"ש שרייבט "ווען ער וואלט גוועהן אין דער צייט פין די סנהדרין וואלט מען עהם **גהארגעט"** – (אלץ זקן ממרא) – **קען מען לכאורה מדייק זיין אז ער איז**

גוועזן גרויס – ווייל צי ווערען נידון אלץ זקן ממרא דארף מען זיין מופלא שבבי"ד – ווי די גמרא זאגט אין סנהדרין דף פ"ז.

וועט מען וועלען דוחה זיין אז דער הפלגה צווישען דער רא"ש אין דעם ר' יעקב בר ר' משה איז גוועהן א סאך גרעסער פין דער הפלגה צווישען ר' פישעל אין די רבנים מנגדי העירוב

קען מען צריך דוחה זיין אין זאגען – אז סאיז גוועהן קלענער ווייל ר' יעקב ב"ר משה איז כאטשיק גוועהן הגיע להוראה (אין ער האט גאסר'ט מכח הלכה) דאגען די רבנים – ווי איך האב פריער געשריבען

פין דעם רא"ש דארטען קימט אויס אז סאיז א חוב קדוש ארויס צי גיין קעגען די רבנים מנגדי עירוב ווי דער רא"ש שרייבט דארטען "ודבר זה צריך חיזוק

שלא יבא כל שוטה חסר דעת לבטל תורת משה רבינו ע"ה"

אין דער רא"ש פירט אויס "כי אנו חייבין למסור נפשותינו על תורת האלקים ולבער עושי הרעה מקרבינו"

כאטשיק אז דעם רא"ש דארטען האט געשטערט נאך א זאך – סהאט געשטערט פארען רא"ש – אויב סאיז נישט דא קיין עירוב – טראגט מען באיסר – אין די רבנים קענען טענה'ן אז דער חשש איז נישט דא אין וויליאמסבורג (באמת פין דאס וואס די גמרא זאגט אין מסכתא ביצה אנהייב דעם צווייטען פרק דף ט"ז: "תחילת הוראת האי צורבא מרבנן לקולקולא" זעהט אויס נישט אזוי – מ"מ שרייב איך לשיטתם פין די רבנים) – מכל מקום דאס וואס דער רא"ש שרייבט "וועו ער וואלט גוועהן אין דער צייט פין די סנהדרין וואלט מען עהם גהארגעט" – איז נישט ווייל סקימט ארויס א מכשול אויב סאיז נישט דא קיין עירוב – אויף דעם איז נישט דא קיין חיוב מיתה – **דער חיוב מיתה איז אלץ זקן ממרא ווי עס שטייט דארטען אין רא"ש**

בענינינו האבען זיך די רבנים באנארישט דריי מאהל !
ערשטענס ווייל זיי האבען זיך נישט כופה גוועהן אינטער ר' פישעל

צווייטענס אפילו אויב זיי האבען זיך נישט כופה גוועהן אינטער עהם – האבען זיי נישט געדארף טיהן מעשיות עהם כופה צי זיין אינטער זיי

דריטענס - זענען זיי דען יא כפוף אינטער זייער רבי'ן? - זיי שרייבען דאך אליינס אז ווי לאנג דער רבי האט גלעבט איז נישט גוועהן קיין אין עירוב אויפען גאס - אויב אזוי וואס האקען זיי א טשיינעק?

אין אפילו מיר וועלען זיי נאכגעבען - אז ר' פישל וואלט זיי נישט געקענט צווינגען - איז דער היתר פין רשב"א נאך אלץ גילטיג - ווייל אויב מיר וואלטען היינט געהאט למשל אזא גאון ווי דער חת"ס זענען זיי דאך מודה אז ער וואלט זיי געקענט צווינגען

אין נאך מער אפילו דער הלכה וואלט גוועהן אז דאס וואס בי"ד קען צווינגען איז נאר א מאליגע בי"ד - וואס האבן גהאט סמוכה (אבער אין שו"ת חזון נחום סימן מ"ב שטייט נישט אזוי - אין אזוי קימט אויס פין משמעות פין שו"ע אז אפילו אינזערע בי"ד קען אויך צווינגען) - וואלט זיך דער היתר פין רשב"א נישט גטוישט - ווי איך האב פריער געשריבען - אז סאיז נישט מער ווי א גילו מלתא בעלמא

דער מ"ב בשם הא"ר - אז דארטען ווי עס איז אוסר אפילו באינו רגיל - קען בי"ד נעמן פת בע"כ - איז זייער א שטארקע יסוד מקען עס נישט אוועקריקען - סאיז נישט דא קיין ראיה פין עצי אלמוגים אנדערש - בכל אופן איז דער משנה ברורה א מכריע:

דער בעל התשובה שרייבט דף י"ט. (די ערשטע עמוד פין דער תשובה) ד"ה ועכ"פ – אז דער עצי אלמוגים איז קעגן דעם מ"ב בשם הא"ר – ווייל דער עצי אלמוגים שרייבט אז ביי אוסר אליינס – קען זיין וועט דער רא"ש נישט מודה צים רמב"ם אין ער וועט האלטען אז בי"ד קען נישט צווינגן – במילא נעמט דער בעל התשובה אהן אזוי ווי דער עצי העלמוגים

באמת שרייבט דער עצי אלמוגים אנדערש – ער כאפט אן דעם שטריק פין דער אנדערע זייט – וואס לויט דעם איז דער משמעות גאנץ אנדערש – ער שרייבט אז סקען זיין אז דער רא"ש איז מודה צים רמב"ם אפילו ביי אוסר אליינס – עכ"פ ביי רגיל וואס איז אזוי ווי א מיצר שהחזיקו בו רבים וואס דער גמרא זאגט אויף דעם אז מטאר עס נישט מקלקל זיין (ב"ב דף י"ב שו"ע חו"מ סימן שע"ז) עכת"ל

דאס הייסט אז ער איז נוטה צים דעת פין א"ר – אז דער רא"ש איז מודה צים רמב"ם אז ביי אוסר אליינס – קען בי"ד צווינגען – אין אפילו לויט זיין צד אז דער רא"ש איז נישט מודה – זאגט ער דאך נישט אז דער הלכה וועט זיין אזוי ווי דער רא"ש – סאיז דאך א סברה צי זאגן אז דער הלכה וועט זיין ווי דער רמב"ם ווייל דער רמב"ם האט דאך מיט זיך א ירושלמי אזוי ווי דער מ"מ זאגט – דער ירושלמי לייג דאך נישט צי – דער תנאי אז עס דארף אויך זיין רגיל – לויט דעם איז דאך א שטארקע סברה צי זאגן אז דער ספק פין עצי אלמוגים **וועט נישט מוצא זיין פין דעם וודאי פין א"ר**

סאיז גאנץ שיכל'דיג צי זאגען אז דער משנה ברורה וואס דער ספר עצי אלמוגים איז גוועהן אפען פאר עהם (ער ברענגט עהם אראפ א פאהר מאהל) – האט אויך גזעהן דעם עצי אלמוגים – אין אעפ"כ האט ער מכריע גוועהן אזוי ווי דער א"ר

נאך קען מען מצרף זיין להיתרא ביי אוסר אפילו סאיז נישט רגיל – אפילו אהן דעם וואס מיר נעמען אהן ווי דער א"ר – ווייל סשטייט דאך אין חושן משפט סימן קס"ב סעיף א' **"בני מבוי כופין זה את זה לעשות לחי וקורה למבוי"**

ביי א מבוי קענען די בני מבוי כופה זיין צי מאכען א לחי אדער א קורה זיי דארפען גארנישט

קיין בי״ד ווי דער נוב״י תניינא חו״מ סימן ט״ל שרייבט – דער רמב״ם אין שו״ע לייגן נישט צי קיין תנאי אז סדארף זיין רגיל ד. ה. אז אפילו באינו רגיל קען די בני מבוי כופה זיין ווי דער מרכבת המשנה פ״ה מהלכות ערובין ה״ה שרייבט

דארף מען פארשטיין וואס איז דער חילוק פין מאכען א לחי אין א קורה וואס דארטען קען די בני מבוי כופה זיין אהן א בי״ד אפילו באינו רגיל – דאגען ביי זיכו הפת קען די בני מבוי נאר כופה זיין ביי רגיל – אין ביי אינו רגיל האבן מיר נאך א קלער צי דער רא״ש וועט מודה זיין צי דעם ראיה פין רמב״ם פין ירושלמי אז בי״ד קען כופה זיין?

דער ערשטער חילוק צווישען זיי איז רש״י׳ס חילוק ערובין דף פ: ד״ה שאני התם דליכא מחיצות – לויט רש״י רעט זיך נישט ״בני מבוי כופין זה את זה לעשות לחי וקורה למבוי״ לגבי מאכען אן עירוב מען זאל מעגען מטלטל זיין אין שבת – אויף דעם צווינגט מען נישט (ביי אינו רגיל אהן קיין בי״ד) מען רעט פין מאכען א שמירה פאר דעם בני מבוי – פאר דעהם קען מען צווינגען

דער ריטב״א פרעגט זייער שטארק אויף רש״י – ווי אזוי וועט דער מבוי ווערען אפגעהיטען מיט א לחי אדער א קורה? – להלכה איז זיכער אז מען דארף נישט חושש זיין אויף רשי״ס פשט – ווייל אויב די פוסקים האלטען ווי רש״י – וואלט דער רמב״ם אין דער שו״ע געדארפט ארויס שרייבן אז ״בני מבוי כופין זה את זה לעשות לחי וקורה למבוי ״ רעט מען וועגען שמירה אין נישט וועגען מטלטל זיין אין שבת – אין אויב זיי האבן נישט ארויסגעשריבען – איז זיכער אז זיי רעדען פין מטלטל זיין אין שבת – וואס דאס איז דער פשטות – דער דרישה אין אויך אין זיין פירוש מאירת עיניים אופען ש״ע – שרייבט ארויס בפירוש אז מען רעט פין טלטל אין שבת

דער צווייטער חילוק צווישען בני מבוי וכו׳ אין זיכו הפת – איז תוספות׳ס חילוק דארטען אין ד״ה ״שאני הכא דאיכא מחיצות״ – אז צי מאכן א לחי אדער א קורה צווינגט מען – אנדערש איז אבער זיכו הפת וואס דאס האט צי ציטיהן מיט קניינים וואס דארטען דארף זיין דעת – וועט מען נישט צווינגען (דאס איז לויט די גרסא ״שאני הכא דאיכא מחיצות״)

דער דריטער חילוק צווישען בני מבוי וכו׳ אין זיכו הפת – איז אויך תוספות׳ס חילוק דארטען – לויט די גרסא שאני התם דליכא מחיצות (וואס דאס איז אינזער גרסא) – אז דארטען ווי עס איז נישט דא קיין שום מחיצה וועט מען כופה זיין צי מאכען א לחי אדער א קורה – אבער דארטען ווי עס איז דא א מחיצה סאיז נאר נישט דא קיין זיכו הפת וואס דער הלכה איז אז מען מעג טראגען אין מבוי (אהן קיין זיכו הפת) – מטאר נאר נישט אריינטראגען פין הויז צים מבוי ד.ה. כלים ששבתו בחצר אדער אין מבוי – מעג מען טראגען אין חצר אדער אין מבוי (מען מעג אויך טראגען פין חצר צים מבוי זעה שו״ע שע״ב סעיף א׳ אויך אין ביאה״ל דארטען) – דארטען איז דער עירוב נישט אזוי וויכטיג ווייל אין דעם רשות אליינס מעג מען דאך טראגן – וועט מען נישט צווינגען אהן א בי״ד ביי אינו רגיל

עכ״פ לויט אינזער גירסא זעהט מען אז דארטען ווי דער עירוב איז גאר וויכטיג קען מען

כופה זיין – **פאר זיכו הפת אפילו באינו רגיל** (כאטשיק סהאט ציטיהן מיט קניינים וואס דארף האבען דעת)

איך פארשטיי נישט וואס פאר א ניצען האט מען געהאט בזמן הגמרא פין אן עירוב וואס מען האט געמעגט טראגן אין דעם מבוי – אין פין הויז צים חצר אדער צי דער מבוי האט מען נישט געטארט – איך מיין אבער אז דער מציאות פין זמן הגמרא האט זיך געטוישט – היינטיגע צייטן אהן קיין זיכו הפת האט אן עירוב נישט קיין ווערט – מיר האלטען נישט קיין חפצים אין חצר – **ביי אינז איז זיכו הפת אזוי וויכטיג ווי א לחי אין קורה בזמן הגמרא**

וויפעל יודען גייען שבת מיט אפענע שאלין – סהענגט נאר אויף דער מאנטעל סווארעמט גארנישט סאיז בכלל נישט קיין דרך מלבוש אין אהן דעם עירוב זענען זיי נעבעך מחללי שבתים – אין וויליאמסבורג טיט זיך א פארפלייצאינג פין טראגן טאשטיכלעך אויפען האלץ וואס איז נישט אויסגהאלטען – **לכתחילה** – איך גדענק ווען סהאט זיך גהאנדעלט וועגן דעם עירוב אין בארא פארק – (וואס הרב מנשה קליין האט געמאכט) איז געשטאנען א בריוו פין ר׳ פישל טעמים פארוואס מען דארף אן עירוב – אין איינע פין די טעמים איז גוועהן דער "טאשטיכל" – וויפעל יודען גייען מיט א שטעקען אין דער גאס שבת – דער מ"א זאגט אין ש"א סעיף י"ז אז אויב דער זקן גייט אין שטיב אהן א שטעקען ער נעמט דער שטעקען נאר אין גאס פאר אן אהנליינער ווייל ער איז שוואך – טאהר מען נישט – אין דער **היתר פין ט"ז** – אז אפילו ער קען גיין אהן א שטעקען ער האט נאר מורא אז ער וועט אראפאלען – מעג ער גיין מיט א שטעקען – איז נישט אויסגעמאכט – דער א"ר איז מפקפק אויף דעם ! – אויך ברעגט דארטען דער משנה ברורה אין שער הציון אז דער שואל ומשיב לערענט אז דער ט"ז רעט זיך מיט אן עירוב – אין וויפעל יודען וואס האבען יא גמעגט גיין מיט א שטעקען – נאר זיי זענען גוועהן ציטערדיק לדבר השם – אדער זיי האבען להלכה נישט געטארט גיין מיט א שטעקען אין האבען געטיהן ווי דער הלכה – האבען זיי דאך געהאט צער אין שבת – **אויך דארף מען אן עירוב פאר די הצלה לייט ווי איך האב געשריבען אין דף ק׳** – אין ספר שמחים לשמרו מהדורה ז׳ פין הרב משה מאנדעל איז דא איבער **300** טעמים פארוואס מען דארף אן עירוב

היוצא לנו ביי אינז איז זיכו הפת אזוי וויכטיג ווי א לחי אין א קורה בזמן הגמרא – דארף אויסקימען אז מען זאל קענען כופה זיין **אפילו אהן א בי"ד אפילו באינו רגיל** ווי דער הלכה איז ביי לחי אין קורה – במילא האבן מיר נאך א צירוף מקיל צי זיין מזכה צי זיין **בע"כ** עכ"פ דורך א בי"ד אפילו באינו רגיל

וועט מען פרעגען דער היתר איז דאך נאר געדרינגען לויט דעם צווייטען תירוץ פין תוס׳ אבער לויט דעם ערשטען תירוץ פין תוספות לויט דעם גרסא פין שאני הכא דאיכא מחיצות קימט דאך אויס – אז פאר זיכו הפת צווינגט מען נישט?

דער טענה קען מען ענפערען פשוט – אויב מיר פארלאזען זיך ביי תפילין וואס איז א דאורייתא אויף אינזער גרסא פין לטוטפת אין מיר זענען נישט חושש אויף ר"ת גירסא אז לטטפת האט נישט קיין וי"ו (וואס וועט מען ענפעריך ווייל אינזער גירסא איז רוב – אויב אזוי

קען מען א ראיה ברענגען פון ר"ת וואס ער האט נישט חושש געוועהן צו אינזער גירסא) – אויך זענען מיר נישט חושש ביי ס"ת אויף דער תימנער מסורה אין מיר מאכען א ברכה אויף אינזער מסורה – אפילו לויט די ראשונים וואס האלטען אז מען טאר נישט מאכען א ברכה אויף א פסול'ה ס"ת (וועט מדחה זיין ווייל אינזערע גירסא איז רוב – קען מען ווייטער מחזק זיין דעם דחייה אזוי ווי פריער) – פארוואס זאלען מיר זיך נישט קענען פארלאזן ביי עירוב וואס **דער גמרא זאגט ביי איהר ווי מען קען מקיל זיין זאל מען מקיל זיין** – זאלען מיר זיך נישט קענען פארלאזן אויף אינזער גירסא? – אין נאך מער אפילו ביי דבר שבערוה זאגט די גמרא מיר האבן נישט גהערט! (דארפען מיר נישט חושש זיין – ד. ה. אפילו נאכען הערן) – עהטץ וואס האטץ גהערט זייטץ חושש (קדושין דף י"ג.) – זאלען מיר דארפען חושש זיין אויף א גירסא וואס מיר האבן נישט געהערט?
ועל כולם ניטץ איך דאס נאר צו א סניף וואס איז שוין מותר – ווי דער מ"ב בשם א"ר פסק'ענט וואס איך האב אויבען אראפגעברענגט

באמת איז דא נאך א היתר - דער עצי אלמוגים'ס היתר – וואס

איז מחדש אין סימן שצ"א וויבאלד מען צאהלט מסים אין אויב מען וועט נישט באצאהלען וועט דער ממשלה צו נעמען דעם הויז במילא איז דער הויז משועבד צים ממשלה ווי מיר טרעפען אין דער גמרא דער סברא אפילו ביי א דאורייתא זאך ווי ירושת בכור – אין מכ"ש ביי א דרבנן – ער זאגט דארטען אז דער סברא העלפט **אפילו אויף א יוד'ס רשות**

דער בעל התשובה איז אבער מדייק – ער האט דאך אויבען געזאגט אז די אלע קולות העלפט נאר אויף א גוי'ס רשות וואס זיין דירה איז נישט קיין דירה אבער נישט אויף א יוד'ס רשות – אויף א יוד'ס רשות קען מען נישט ניטצען קיין קולות והא ראיה ווייל אויב יא – **קען מען דאך מבטל זיין דאס גאנצע עירוב הפת** – ווייל מקען דאך דינגען עכת"ל
איך לערען פשט אין דעם עצי אלמוגים – אז ער איז יעצט חוזר (אדער עכ"פ איז ער יעצט אזוי נוטה) פון וואס ער האט אויבען געשריבען אין למסקנה האלט ער (אדער ער איז נוטה) אז עס העלפט אפילו אויף א יוד'ס רשות – ווייל זיין פריעדיגע **ראיה איז נישט מכרעת**

כדי מבאר צו זיין פארוואס זיין ראיה איז נישט מכרעת וועל איך צו ברענגען די ווערטער פון גינת ורדים דארטען – וואס ער זאגט – **עס איז דא צוויי מהלכים אין אפדינגן דער רשות פון ממשלה !**
איין מהלך – אז דער וואס קויפט דעם רשות – דינגט פאר זיך – אז נאר ער איז קונה דעם רשות ד.ה. סווערט פארדינגען נאר פאר עהם אליינס
דער צווייטע מהלך – דער וואס דינגט – איז קונה דער שכירות פארן גאנצען ציבור ד.ה. סווערט פארדינגען פארן גאנצען ציבור

לויט דעם ערשטען מהלך – איז דאך פשוט פארוואס מקען נישט מבטל זיין דעם עירובי הפת – ווייל מיט דינגען וועט דאך נאר דער קויפער אליינס מעגען טראגן ווי דער ריב"ש אין סימן תכ"ז וואס גייט אזוי ווי דער ערשטער מהלך – זאגט ער ווערט אראפגברענגט אויבען דף ו'

אין לויט דער צווייטער מהלך איז זיין ראיה אויך נישט מכרעת ווייל מקען נישט פרעגן א"כ ביטלת תורת עירוב – ווייל תוס' דף ס"ד. ד"ה א"כ ביטלת תורת עירוב זאגט – אז דארטען ווי ער האט איבערגלאזט א חדר וואס ער האט נישט מבטל גווען (תוס' רעט פין ביטול די זעלבע ווער זיין אויב מען האט געדינגען) גייט נישט אהן דער טענה פין א"כ ביטלת תורת עירוב – ווייל דארטען בין איך נישט גוזר אז ער וועט אויפהערין צימאכען אן עירוב – אין ער וועט זיך פארלאזען אויף ביטול אליינס – ווייל מיט א עירוב וועט עהם זיין בעסער – ווייל מיט א עירוב וועט ער קענען טראגן אין יעדען חדר אפילו אין דעם חדר וואס ער האט נישט מבטל גווען

לויט דעם קען מען זאגען אז ווען מען דינגט פין ממשלה – איז נישט דא דער טענה פין א"כ ביטלת תורת עירוב – ווייל מען קען זאגען אז סאיז דא א שיור מען האט נישט אין זין אפצידינגען די רשותים פין די שומרי תורה (זעה מהר"ם שיק סימן קע"ט) – אין א פאל וואס סאיז דא מעכבים – האט מען אין זינען נאר נישט אפצידינגען דעם רשות פין די משתתפים

נוסף לזה קימט דאך אויס פין דער גמרא דארטען (ווי די גמרא ענפערט "דמערבי") – אז דארטען ווי מען מאכט אן עירוב – איז נישט דא דער טענה פין א"כ ביטלת תורת עירוב

וועט מען זאגן אז דער עצי אלמוגים מיינט צי פרעגען פארוואס האבען די חז"ל געזאגט מזאל מאכען אן עירוב אין נישט מען זאל דינגען פין ממשלה – דאס איז אויך נישט קיין קשיא – ווייל ביי א א סאך פעלער קען מען נישט דינגען אדער סאיז נישט פראקטיש צי דינגען – למשל אויב דער שר העיר האט נישט קיין רעכטען צי האלטען חפצים אין יענעמס רשות אין מכ"ש אז ער קען נישט מסלק זיין, אדער ער וויל נישט פארדינגען, (גוועונטלעך איז דער שר העיר א גוי – אין א גוי וויל נישט פארדינגען – ווי די גמרא זאגט אין אנהייב פרק הדר) אדער דער שר העיר וואוינט צי ווייט אין עס איז שווער אנציקימען צי עהם

ווען א מענטש וויל נאר מאכען אן עירוב אין א חצר פין יודען בעלי שכל, טוב המזג – סאיז נישט דא דארטען קיין מעכב – איז א וודאי א סאך גרינגער צי מאכן אן עירוב דארך פת אין נישט צי דינגען פין ממשלה – וועגען דעם האבן די חכמים מתקן גווען עירובי הפת צי פארגרינגערן

נוסיף לזה – סאיז בכלל נישט שייך צי פרעגען פארוואס האבען די חכמים מתקן גווען זיכוי הפת אין זיך נישט פארלאזט אויף דינגען פין ממשלה – ווייל דער גאנצען דינגען האבען זיי נאר געמאכט כדי מען זאל זיך דערווייטערין פין גוים האבען זיי געהייסען דינגען – אין דער גוי וועט נישט וועלען פארדינגען זיין רשות וועט דאס געבען פארן יוד שוועריקייטן – וועט דער יוד נישט גיין וואוינען ציזאמען מיט א גוי – אזוי שטייט אין פרק הדר

לויט דעם איז נישט שייך צי פרעגען פארוואס האבען די חכמים מתקן גווען עירובי הפת אין זיי האבען זיך נישט פארלאזט אויפען דינגען פין ממשלה אדער פין אדון פין שטאט – ווייל זיי האבען נישט געוואלט די זאלסט גיין דינגען – דערווייטער דיך פין דעם גוי – אז די קענסט זיך משתתף זיין מיט פת – זיי זיך משתתף אין האב נישט קיין שייכת מיטען גוי

(לויט דעם ובחרתא בחיים סימן קכ"ו דארף מען נישט דעם גאנצען אריכות – ווייל ער האלט דארטען אז אפילו מדינגט די רשותים פין ממשלה דארף מען נאך אלץ עירובי הפת זעה דארטען)

אין נאך מער אפילו מיר זאלען אנעמען אז דער עצי אלמוגים האלט אז די אלע קולות זענען נאר ביי א גוי'ס רשות – אין נישט אויף א יוד'ס רשות – איז אויך נישט דער הלכה אזוי – ווייל דער גינת ורדים אין די אנדערע אחרונים וואס איך האב דערמאנט אויבען דף י"א קריגען זיך אויף עהם – אויך דער נשמת חיים סימן ל' אין ל"א נעמט אהן דעם עצי אלמוגים'ס היתר אפילו אויף א יוד'ס רשות (דער דברי חיים אין דער שואיל ומשיב נעמען אויך אהן דעם עצי אלמוגים'ס היתר אבער ביי זיי שטייט נישט ארויס סזאל העלפען אויף א יוד'ס רשות – אנדערש איז אבער דער נשמת חיים וואס ער שרייבט יא ארויס אז עס העלפט)

אין דאס וואס דער בעל התשובה האט זיך אנגעכאפט אויף דעם לשון פין דעם עצי אלמוגים "אז דער רשות איז משועבד פאר א דבר קטן" – לוט דעם זאגט דער בעל התשובה אז דא אין אמעריקע איז נישט דער הויז משועבד פאר א דבר קטן – דאס איז נישט קיין טענה – ווייל דא אין אמעריקע איז טאקע דער הויז נישט משועבד פאר א דבר קטן אבער עס איז משועבד פאר א דבר גדול – ווייל די מסים זענען זייער גרויס

אויך שרייבט דארטען דער בעל התשובה אז דארטען **ווי דער יוד איז מוחה** – וועט אוודאי נישט העלפען מיט א שכירות רעועה אפילו מיר וועלען אהן נעמען אז דער עצי אלמוגים איז מתיר אפילו אויף א יוד'ס רשות – דיע ווערטער האבן נישט קיין שום הבנה – ווייל אויב מיר זאגען אז דער קרקע איז משועבד צים ממשלה איז דאך נישט שייך צי זאגען אז דער ממשלה מעג נעמען נאר מיט רשות אין אהן רשות טארן זיי נישט פארדינגען – ווייל אויב סאיז משועבד פאר זיי מכח מכס – מעגען זיי נעמען בע"כ !

איך האב געטראפען אז אין ספר תירוש ויצהר סימן ע"ג אויך ר' יונתן שטייף אין זיין ספר שו"ת סימן ס"ח זענען זיך סומך אויף דעם עצי אלמוגים'ס היתר

לאור הנ"ל איז נישט דא קיין סמך - צי זייער ערער אופן עירוב

סוואלט גוועהן קליגער אין מער אויסגהאלטען ווען זיי וואלטען שטיל געבליבען - הלואי זאל זייער עירוב זיין האלב אזוי כשר ווי אינזערע - זיי האבען נישט דעם רשב"א אין נישט דעם מאירו וואס ווערט אויבען דף י"ב, אין דף ט"ז אראפגברענגט

אפילו ביי רגיל קענען זיי נישט מזכה זיין בע"כ - ווייל ער קען זיך נישט משתתף זיין מיט זיי ווייל אויב יא ווערט ער גאסר'ט מיט זיין גרויסע עירוב ווי עס שטייט אין ביאה"ל סימן שס"ו "ד"ה מברך וכו'" סווערט אראפ גברענגט אין ספר קצות השלחן סימן ק"ה בדי השלחן ס"ק כ"ו (מקען אבער נישט זאגן אויב זיי האבען געמאכט א קליינע עירוב ווערן זיי גאסר'ט פין דעם גרויסע עירוב ווי דער ביאה"ל זאגט – אין אויב זיי ווערן גאסר'ט – אסר'ן זיי אינז צריק – ווייל דער טעם פארוואס מווערט גאסר'ט פין דעם גרויסען עירוב דורך מאכען א קליינעם עירוב – איז ווייל ער הייסט א "חולק עירובו" – לויט דעם קען מען זאגן אז סאיז נישט דא קיין גרעסערע אפטיילען זיך פין עירוב –

ווי דער וואס זאגט אז ער וויל זיך נישט מצרף זיין צים עירוב ! – אזוי שטייט אין ביה"ל סוף סימן שס"ז (חולק עירובי האט דער זעלבען פסול ווי מקפיד על עירובו רש"י ערובין דף מ"ט) – איז אויב די פוסקים זאגען לויט דעם רשב"א אין אויך ווי איך מבאר גוועהן לויט דעם מאירו אז מקען מזכה זיין בע"כ – לויט דעם קען מען זאגען אז מק"ו אסר'ן זיי נישט – מאדעך וועך זיי זאגען אז זיי ווילען זיך נישט משתתף זיין וואס דאס איז דער גרעסטע מקפיד על עירובו – אסר'ן זיי נישט – מכ"ש ווען זיי מאכען א קליינע עירוב וואס דאס איז קלענער פין מקפיד על עירובו – איז א וודאי אז זיי אסר'ן נישט)

נאך קען מען זאגען אז זייער עירוב איז גארנישט ווערט אין זייער ברכה - איז לבטלה - ווייל זיי האבען דאך בע"כ זוכה גוועהן אין דעם עירוב לויט דעם רשב"א אין דעם מאירו וואס איך האב געשריבען אויבען דף י"ב, אין דף ט"ז

מקען אבער זאגען אז דאס וואס זייער מעשה איז בטל דאס איז נאר אויב מען וועט נישט אנעמען דעם ערשטען היתר וואס איך האב געשריבען אויבען דף ו' וואס דאס איז דער שבות יעקב (זעה אין מ"ב דרשו סימן שצ"א אויף מ"ב ס"ק י"ח 10#) - דער שקליא וטריא אין דעם ענין האב איך געשריבען אויבען דף ל"ו - אין מוועט אויך נישט אנעמען דעם עצי אלמוגים'ס היתר וואס ווערט געברענגט אויבען דף נ"ב וואס ער איז מחדש וויבאלד מצאלט מסים אין אויב מוועט נישט צאלען וועט דער ממשלה צינעמען דעם רשות במילא איז דעם רשות משועבד צי זיי

ווייל טאמער וועט מען אנעמען די היתרם פין אפדינגן דעם רשות - ווערט דאך בטל דער היתר פין רשב"א אין מאירו ווייל סאיז דאך שוין מער נישט דא קיין אוסר - ווייל מיר דינגען דאך דעם רשות - איז דאך נישט שייך צי זאגען אויב סוואלט גוועהן א בי"ד וואלט בי"ד זיי געצווינגען צי געבען ברויט - ווייל בי"ד וואלט זיי נישט געצווינגען - ווייל זיי אסר'ן אינז גארנישט

אין אזוי ווי מיר קענען אפדינגן דעם רשות קענען זיי אויך אפדינגן דעם רשות !
מ"מ איז דאס נישט קיין סמך פאר זיי - ווייל זיי שרייען דאך אז מקען נישט אפדינגן דעם רשות איז אויב זיי מיינען אז עס איז אסור - אפילו אז אין אמת'ן איז עס איז מותר - דארפען זיי נאך אלץ א כפרה ווייל סאיז דאך נישט בעסער פין חשוב לאכול בשר חזיר ועלה בידו בשר תלה - וואס דארף א כפרה

אין בכלל ווייס איך נישט צי זיי קענען הלכות עירוב - צי זיי ווייסען אז מען דארף אפדינגן דעם רשות פין ממשלה - דער סיבה וואס האט מיר גברענגט צי מסתפק זיין - איז על פי מעשה שהיה - בערך 12 יאהר צריק נאך פאר סאיז גוועהן דער עירוב אין וויליאמסבורג - גיי איך אויף דער גאס - קים איך אהן צי א רב וואס האלט אין מיטען מאכען אן עירוב מען זאל קענען טראגען אויף דער גאס ארייך צי דער סיכה - פרעגט מיר דער רב צי איך האב געלערינט הלכות עירובין? ניין איז גוועהן מיין ענפער ! איז דער רב ממשיך וואס זיין שאלה איז - צי ער דארף אפדינגן דעם רשות פין א פליס מאן ? ענפער איך עהם אז איך ווייס נישט פין לערנען - אבער מכח מנהג ווייס איך אז מקויפט אפ דעם רשות - ביני לביני גייט אריבער א גרויסע רב פין דיע וואס האלטען אז מען מעג מאכען א ברכה אויף דיע קליינע עירובין'ס - פרעגט דער רב עהם

דער אויבען דערמאנטע שאלה - ענפערט ער
- אז עס איז דא א תשובה אין תשורת ש"י - אז מען דארף נישט אפדינגן דעם רשות
- היינט ווען איך האב שוין אסאך מעיין געווען אין הלכות עירוב אין איך האב אסאך געקיקט אין תשורת ש"י - פין אויבען אויף איז נישט דא אזא תשובה אין תשורת ש"י - אין דאס וואס דער תשורת ש"י שרייבט אין תשובה סימן שט"ו וואס ער ברענגט אראפ בשם דעם בי"ש סימן נ"ד - האט נישט קיין שייכת צי וויליאמסבורג וואס גויס וואוינען אויסגעמישט (דאס הייסט זיי וואוינען פין ביידע זייטען פין דעם יוד - אין צי וועליכע זייט זיי וועלען מדחה זיי דעם גוי - וועט דער גוי אסר'ן פין דעם אנדערע זייט - אין בית שלמה דארטען שטייט ארויס בפירוש אז ער רעט ווען דער גוי וואוינט נישט אויסגמישט) - בין איך יעצט מסופק צי זיי קענען הלכות עירובין - **אפשר מאכען זיי עירובין'ס אהן אפדינגן דעם רשות פין ממשלה אין לויט דעם טראכט איך - אפשר איז זייער עירוב נישט מער ווערט פין א רעטעך?** אין אפשר איז עס נאך ווייניגער ווערט פין א רעטעך - ווייל אויף א רעטעך קען מען כאטש מאכען א ברכה משא"כ אויף זייער עירובין'ס קען מען אפילו א ברכה נישט מאכען

נאך א סמך קען מען זאגען אז זייער קליינען עירובין'ס זאל זיין כשר באופן ווי זייער קליינער עירוב נעמט נישט אריין א חלק ווי מיר גייען – אין סנעמט אויך נישט אריין דער גאס ווי גוים גייען (דער ערשטער סמך איז אויב זיי קויפען אפ דעם רשות פין ממשלה ווי איך האב פריער געשריבען) – **אויב זיי זענען מבטל דעם רשות פאר אינז** (אזוי ווי רב לייטנער האט געטיהן ווערט גברענגט ווייטער דף ק"א) **דעמאלט האבען מיר נישט דעם רשב"א אין דעם מאירו זיך סומך צי זיין ווייל זיי זענען נישט מער קיין אוסרים** (אין אנדערע ווערטער געזאגט – זייער מחאה טיט זיי מער שאטן ווי עס שאט פאר אינז)

סאיז אבער דא א צד צי זאגן אז זייער עירובין'ס איז גארנישט ווערט אפילו אויב זיי זענען מבטל זייער רשות אין אפילו אויב מיר וועלן אנעמען די היתרם פין קויפען דעם רשות פין ממשלה אין מיר וועלען אויך אנעמען דעם היתר פין עצי אלמוגים – וואס לויט דעם אסר'ן זיי גארנישט – **אעפ"כ** איז נאך אלץ דא א צד אז – דער היתר פין רשב"א פין זכות גמור – איז נאך אלץ דא – ווייל סאיז דא א צד צי זאגען אז אויב סוואלט גוועהן א בי"ד וואס האט געהאט א כח צי צווינגען וואלט זיי דער בי"ד געצווינגען צי מאכען אן עירוב אויף דער גאנצער שטאט – אפילו ווען זיי אסר'ן גארנישט – "כדי לקיים תורת משה" ווי דער רא"ש וואס ווערט ציגברענגט אויבען דף מ"ז – זאגט

אין דאס וואס דער בעל התשובה ברענגט אראפ דעם דברי מלכיאל ח"ג סימן י"ח אין די השמטות אז אין א גרויסע שטאט ווי סאיז דא 600,000 מענטשען אפילו זיי גייען נישט אויף איין גאס – איז א חשש ר"ה אין מקען נישט מאכען דארטען אן עירוב – איז נישט קיין טענה ווייל **דער דברי מלכיאל אין ח"ד סימן ג' איז חוזר** - ער זאגט דארטען אז מקען יא מאכן אן עירוב

אין דאס איז ר׳ פישעל׳ס שיטה בענין ר״ה - ווי איך האב גהערט פין ר׳ נחום יצחק גרויז מחבר פין ספר גן יצחק (דארטען איז ער מבאר פארוואס איז ב. פ. נישט קיין ר״ה אין מקען מאכען אן עירוב) ר׳ פישל האט עהם געזאגט דריי זאכען

א) א ר״ה הייסט נאר אז 600,000 מענטשען גייען אויף איין גאס
ב) נאר אויב דער גאס איז גראד - ד. ה. בעדפארד איז נישט קיין ר״ה - סהאקט זיך אפ ביי פלעטבוש עוויניא - איז מען נישט מצרף די צוויי חלקים
ג) מען איז נישט מצרף די מענטשען וואס פארען אין קארס

כמה פעמים הערט מען משיג זיין אויף דעם עירוב ״ווי אזוי קען מען מאכען אן עירוב אין וויליאמסבורג סאיז דאך א שאלה פין רשות הרבים – סאיז דאך דא צוויי לאנגע גאסען ״ווייט עווניא״ מיט ״בעדפארט עווניא״

אז מען איז זיך מתבונן – זעהט מען אז סאיז נאר פטפוטי מילי בעלמא – ווייל וויפעל מענטשען האט גאנץ ברוקלין – 2,300,664 מענטשען אזוי שרייבט דער ספר גן יצחק אין סימן א׳ אזוי שרייבט אויך דער קונטרס עירוב פין קענסינגטאן דף ל׳ – איך האב געזעהן אין קובץ פין וועד העירוב ב. פ. דף 525 דאס אראפברענגען פין שטאט באמטע

יעצט לאמיר זיך מתבונן זיין אפילו מיר זאלען צו געבען צו די קנאפע 3 מיליאן סזאל זיין גאנצע 3 מיליאן אין מיר זאלען דאס נאך דאפעלען סזאל זיין 6 מיליאן אין מיר זאלען אנעמען אלע חומרות ד. ה. א גאס וואס האקט זיך אפ הייסט נאך אלץ איין גאס - לויט דעם איז גאנץ ווייט אין גאנץ בעדפארט איין גאס אין מיר זאלען אויך אהן נעמען דער חומרה פין מצרף זיין צים סכום פין 600,000 - די מענטשען וואס פארען אין קארס אויך דיע וואס פארן אין באסעס - איז דען מעגלעך צו זאגען אז אויף ווייט אדער בעדפארט געפינען זיך א צענטעל פין גאנץ ברוקלין וואס דאס וועט זיין לויט אינזער ברייטער חשבון 600,000 מענטשען? - פארשטייט איר דאך אליינס אז דאס איז פטפוטי מילי בעלמא אין סאיז נישט מעגלעך צו זאגען אז אויף ווייט אדער בעדפארט געפינען זיך 600,000 מענטשען א צענטיל אדער א פופטעל פין גאנץ ברוקלין

אזוי האב איך גהאלטען ביז איך האב מעיין גוועהן אין דעם אינהאלט פין דער אויבערשטער אינפארמאציע - איך האב אבער גבעטען איינעם וואס פארשטייט אין דעם - ער זאל מיר טרעפען דעם מקור - אויך אויף וועליכען יאהר סאיז גזאגט גווארען - אפשר איז שוין היינט ברוקלין אסאך גרעסער

האט ער מיר מברר גוועהן אז דעם אויבערשטען מספר איז גזאגט גווערען אויף יאהר 1989 אין יעדעס יאהר ווערט דער מספר אין ברוקלין גרעסער

דאס אליינס האט מיר נאכנישט גשטערט - ווייל דער מספר פין יאהר צו יאהר איז די העכערינג נישט צו גרויס - יאהר 2009 איז גוועהן דער מספר 2,567,098

איך בין אבער גוואהרגווארען - אז דער מספר איז נישט וויפעל מענטשען סגייען אין ברוקלין - סאיז נאר די סענזעס (census) דאס הייסט דער ציילינג וויפעל מענטשען סוואוינען אין ברוקלין -

לויט דעם האבען מיר נישט קיין ראיה אז סגייען נישט קיין 600,000 אויף קיין איין גאס אין ברוקלין - ווייל סקען דאך זיין אז אין ברוקלין גייט א סאך מער מענטשען פין וויפעל סוואינען דארטען

פין דעסטוועגען - איז זיכער אז סגייען נישט קיין 600,000 אויף קיין איין גאס אין וויליאמסבורג אזוי האב איך גזעהן געשריבען פין ר׳ יונתן שטייף

אפילו אויף די גרויסע גשרים אין מענהעטן - שרייבט ר׳ משה אין אגרות משה חלק א׳ תשובה קל״ט ענף ד׳ דף רל״ח ד״ה אבל - אז לויט דעם חשבון פארען נישט דארטען קיין 600,000 קארס

אויך ברענגט דער קובץ וועד העירוב אין בארא פארק דף 518,519 א ציילינג פין די טרעפיק דעפארטמענט אז אפילו אויף אשען פארקוועי ווי די קארען שטראמען דארטען - פארען ווייניגער פין 30,000 קארס א טאג - איז דאך מכש״כ אז אויף בעדפארט אדער אויף ווייט עוויניא גייט נישט מער פין 30,000 מענטשאן א טאג

ה) פארוואס איז וויליאמסבורג נישט קיין רשות הרבים

לכאורה איז דא צוויי שאלות צי פרעגן

א) ווער בין איך מברר צי זיין צי וויליאמסבורג איז א רשות הרבים צי סאיז א רשות היחוד?

ב) פארוואס דארף מען דאס מברר זיין יעדער קרי בר רב ווייסט אז מען טראגט אין וויליאמסבורג מיט אן עירוב צי איז דאס סוכות צי איז דאס אינמיטען יאהר אין דיע פרשידענע געסלעך וואס האבען אן עירוב – אין אפילו דער הייליגע ראדני סטריט האט דאך יאהרען לאנג געהאט אן עירוב? (דער ספר חי אנכי לעולם דף נ״ח ס״ק ס״ח – לאכט אפ פין דעם ספר ילקוט מכתבים וואס איז מחלק פין א סטריט ביז אן עוועניא – אז דער חילוק איז נישט דערמאנט אין קיין איין פוסק)

באמת פארענפערט דער צווייטע שאלה דעם ערשטען שאלה ד.ה. וויבאלד יעדער ווייסט אז וויליאמסבורג איז נישט קיין רשות הרבים – מעג איך שוין אויך קימען מבאר זיין פארוואס טאקע איז וויליאמסבורג נישט קיין רשות הרבים

(באמת ליגט דא נאך עפעס – ווי לאנג איך האב נישט געהאט קיין קלארע ביאור פארוואס וויליאמסבורג איז נישט קיין רה״ר – בין איך גוועהן וואקלדיג מיט מיין ארויסטרעטן קעגן די רבני מנגדי העירוב – איך האב געהאט א צד צי זאגן סאיז מיר געניג וואס איך פארלאז זיך אויף ר׳ פישל – אז איך טראג לכתחילה אפילו יו״כ שחל בשבת – אבער איך דארף נישט ארויס גיין מיט א מחאה קעגן די מוחים – אפילו אז מיט דעם חומרה פין זיכו הפת האבען זיי גערעט נארעש קייטען – אבער די חומרה פין רה״ר איז אפשר אן ערענסטער פראבלעם – כאטשיק סזעהט נישט אויס אז די טענה פין רה״ר איז געקימען פין אמת׳קייט – ווייל מטראגט דאך אין וויליאמסבורג מיט די קליינע עירובין׳ס ברשות הרבנים מנגדי העירוב – אבער דאך – דברי תורה אין מקבלים טומאה, אויך קבל אמת ממי שאומרה – סאיז נישט קיין חילוק ווער סהאט געזאגט דער דברי תורה, אויך איז נישט קיין חילוק ווי אזוי ער האט דאס געזאגט – סיי סאיז גוועהן מיט א כוונה רצויה סיי ער האט דאס

געזאגט וועגן פאליטיק – אויב עס איז **אמת** – דארף מען עס אהנגעמען – איז יעצט מיט דעם וואס איך האב מבאר גוועהן פארוואס וויליאמסבורג איז נישט קיין רה"ר – איז מיין קונטרס געווארען מחוזק ביי מיר)

סשטעלט זיך אבער א פראגע אויב יעדער ווייסט אז וויליאמסבורג איז נישט קיין רשות הרבים ווי אזוי קימט דער העזה פין דעם מגיד צי דארשענען אז יעדער 100 יאהר ווערט נתעורר דעם חילול שבת – אין בפרט ווען דער עירוב איז נתייסד געווארען פין דעם גרעסטן פין שטאט **הגאון ר' פישל הערשקאוויטץ** אין מיט עהם זענען מיטגעשטאנען נאך חשובע רבנים – אויך אין ב. פ. האט מען געמאכט אן ערב מיט איבער 30 חשובע רבנים גחתם'עט בעד העירוב

צי זאגען אז פאר 100 יאהר צריק איז געשעהן א חילול שבת איז אויך אן העזה ווייל רב סיגעל וואס האט געמאכט אן עירוב תרס"ג (–תרס"ו) אין מענהעטען – איז געווען א גאון מופלג אין די גדולי ישראל מהרש"ם אין אנדערע גדולים זענען מיטגעשטאנען מיט עהם זעה זיין חיבור עירוב והוצאה (סאיז דא אויף דעם בייגלייגטען CD)

דער מגיד האט געזאגט איך וויל נישט דא ארויסזאגען זיין נאמען – רב סיגעל'ס נאמען האט ער געמעגט ארויסזאגען – **"סאטמער קען עהם נישט אין זיי האבען גארנישט קעגען עהם"** – מסתמא האט ער געמיינט הרב מענדל כשר – אויב אזוי האט ער זיך טועה געוועהן מיט דעם חשבון ווייל דעמאלט קימט שוין אויס לדעתו אז יעדער פיפציג יאהר קימט ארויס דער חילול שבת

צי זאגען אז הרב מענדל כשר'ס עירוב איז חילול שבת איז אויך אן העזה – זעהט'ץ נאר זיין חיבור דברי מנחם קונטרס תיקון עירובין במנהטען – (סאיז דא אויף דעם בייגלייגטען CD)

בפרט אז אויף דעם עירוב איז דאך גוועהן געחתמ'עט אסאך גדולי ישראל זעה דארטען דף י' (דער שאצער רבי איז גוועהן משגיח אויף דעם עירוב אויך האט ער מחבר גוועה א קונטרס מיטן נאמן תיקון עירובין במנהטען) (דער קונטרס איז דא אויף דעם בייגלייגטען CD)

איך וויל נישט מכריע זיין אין דעם ענין פין רשות הרבים:

מיין ציל איז נישט מכריע צי זיין דער הלכה – פארשטייט זיך אז עס איז נישט שייך דאס צי טיהן פאר איינעם וואס האט נישט געלערינט מסכתא עירובין אין נישט הלכות עירובין – מיין ציל איז נאר צי פארשטיין וואס איז אינזער סמך צי מאכען אן עירוב (היות מען הערט אזוי פיל שרייען "רה"ר, רה"ר") אין צי מסדר זיין אין צי צייכענען די שיטות בקיצור – נישט צי דארפען אראפברענגען דעם גאנצען ענין פין דעם ספר וואס איך ברענג אראפ – היות איך * געב דאך מיט א (CD) וואס דארטען וועט מען קענען טרעפען רוב ספרים וואס איך צייכען צי

אין שו"ע סימן שמ"ה סעיף ז' איז דא א מחלוקת וואס איז דער תנאי סזאל הייסען א רשה"ר

* אזוי איז גוועהן מיין כוונה פין אנפאנג – אבער יעצט ביים ארויסגעבען דעם ספר – וועגן טעכנישע סיבות – האב איך לעת עתה – נישט ארויסגגעבען דעם סי די

דער ערשטער דעה אין מחבר האלט אז א גאס וואס איז ברייט זעכצען אמה אפילו סגייען נישט דארטען קיין 600,000 מענטשען – איז א רשות הרבים

דער צווייטע דעה האלט א רשות הרבים איז נאר אז עס גייט דארטען 600,000 מענטשען דער כלל איז – ווען דער מחבר ברענגט אראפ צוויי דיעות – האלט ער אז דער עיקר הלכה איז אזוי ווי דער ערשטער דיעה – מ״מ זאגט דער מגן אברהם (דער מ״א דערמאנט נישט דעם כלל) אז דא מיינט נישט דער מחבר צי פסקענען ווי דער ערשטער דיעה – ווייל סאיז דא א ריאה פין סימן ש״ג אין פין אסאך פלעצער אז דער מחבר פסק׳ענט ווי דער צווייטע דיעה (ווייל דער מחבר זאגט דארטען לויט איין צד אז נשים מעגן גיין מיט תכשיטים ווייל סאיז נישט דא היינט קיין רה״ר)

דער פרי מגדים לייגט צי אז ווען איז דער כלל אז דער מחבר האלט ווי דער ערשטער דעה – דארטען ווי ססטייט אין דער ערשטער דעה **מפורש** קעגען דעם צווייטען דעה אבער דארטען ווי ססטייט נישט מפורש ווי למשל דא – אז אין דער ערשטער דעה שטייט נישט מפורש אז א מקום ווי סאיז ברייט ט״ז אמה איז א ר״ה אפילו ווי סגייט נישט קיין 600,000 מענטשען – איז נישט מוכרח אז דער מחבר האט אהנגענימען ווי דער ערשטער דעה

נאך זאגט דער מגן אברהם **אז רוב ראשונים האלטען ווי דער צווייטע דיעה** אין אזוי זאגט אויך דער ט״ז ד. ה. אז כדי עס זאל זיין א ר״ה דארף זיין אז 600,000 מענטשען זאלען דארטען גיין

דער משכנות יעקב סימן ק״כ קריגט אויף דעם ט״ז אין מגן אברהם – ער האט זיך אריינגעלאזט אין ציילען אין לויט זיין ציילען האט ער געטראפען אז רוב ראשונים האלטען ווי דער ערשטער דיעה – אין בנוגע דעם פסק פין מחבר פרעגט ער אויף דעם מגן אברהם – אז ער איז דאך קעגען דעם כלל וואס זאגט אז דער מחבר האלט ווי דער ערשטער דעה

דער מ״ב גייט מיט דער מהלך פין משכ״י (אבער נישט אין גאנצען ווי דער משכנות יעקב – ווייל דער משכנות יעקב איז דאך בפועל מוחה אויף די מנהג פין די שטעט – דאגען דער מ״ב איז נישט מוחה אויף דער מנהג פין די שטעט) אין לויט דעם פירט אויס דער מ״ב – מוחה צי זיין אויף דער מנהג פין די שטעט צי מאכען אן עירוב – כאטשיק די געסער זענען ברייטער פין זעכצען אמה – קען מען נישט ווייל דער שיטה וואס האלט אז עס דארף זיין 600,000 מענטשען איז אויך נישט קיין שיטת יחידאי – ער רעכענט אויס 12 ראשונים וואס האלטען אזוי – אבער א בעל נפש דארף מחמיר זיין ווייל כנגדם איז דא אזוי פיל ראשונים וואס זענען מחמיר

די אחרונים זאגען אבער (בית אבי תניינא סימן ה׳ ענף ב׳, תולדות שמואל חלק ג׳ מצוה ל״ב אב ל״ט סימן פ״ו אות ח׳, אבן ישראל פין הרב פישר חלק ח׳ סימן ל״ו, אין הרב עובדי׳ יוסף יב״ע ח״ט סימן ל״ג) אז דער מ״ב האט נישט גזעהן דעם בית אפרים סימן כ״ו וואס זאגט אז רוב ראשונים האלטען ווי דער צווייטע דיעה פין מחבר – ער רעכענט דארטען אויס מער פין 20 ראשונים וואס האלטען אזוי – ווייל טאמער וואלט דער מ״ב גזעהן דעם בית אפרים וואלט

ער געטראפען נאך א סאך ראשונים אויף דער קולה׳דיקע זייט

תוס׳ עירובין דף ו׳ ברענגט אראפ – אז דער בעל הלכות גדולות האלט ווי רש״י אז סדארף זיין 600,000 מענטשען – פרעגט אויף דעם דער משכנות יעקב אז אין אינזער הלכות גדולות שטייט עס נישט – ענפערט דער ב״א דף מ״ג אז דאס וואס תוס׳ איז מעיד בשם ה״ג איז פאר אינז באגלייבט – אזוי ווי מיר טרעפען ר׳ מנחם עזרי׳ (רמ״ע מפני) שרייבט צי איינעם אין סימן ל״ב – אז די קענסט נישט ברענען אויף דעם וואס דער מרדכי ברענגט בשם הלכות גדולות – אין סשטייט נישט אין אינזער הלכות גדולות – ווייל סאיז מצוי צי פעלען אין אינזער הלכות גדולות – איז אויב דער מרדכי ברענגט בשם הלכות גדולות – איז דער מרדכי באגלייבט – זאגט אויף דעם דער משכנות יעקב דארטען דף קכ״ד – אז דער תוספות יו״ט ענפערט צים ב״ח וואס ברענגט אראפ מהר״ם מ״ץ בשם הלכות גדולות – אז חדש איז נישט נוהג ביי א גוי אין חו״ל – זאגט דער תוס׳ יו״ט איך האב עס געזיכט אין הלכות גדולות אין איך האב עס נישט געפינען – אבער הרב מגדל כשר אין דברי מנחם קונטרס תיקון עירובין במנהטען דף מ״ד האט געטראפען דעם הלכות גדולות – **כתב אספמיא** וואס דארטען שטייט עס יא בשם ר׳ יהודה גאון אויך אין ספר העתים סימן ר״ח שטייט עס

נאך ברענגט דארטען דער תיקון עירובין במנהטען – פיהר **גאונים** וואס זאגען אז כדי סזאל זיין א רשות הרבים דארף דארטען זיין 600,000 מענטשען

באמת איז מיר קודם שווער גווען – וואס פאר א ריווח האט מען אז מען טרעפט ״גאונים״ וואס האלטען אז א רה״ר איז נאר ווען סגייען דארטען 600,000 מענטשען – **דער ריטב״א איז דאך מער נאמן** – אין דער ריטב״א שרייבט עירובין דף נ״ט (ווערט אראבגרענגט אין ביא״ה שמ״ה) – **אז רוב ״גאונים״ האלטען אז עס דארף נישט זיין 600,000 מענטשען**

איך האב אבער געטראפען אין דברי מנחם קונטרס תיקון עירובין במנהטען דף נ׳ – וואס זאגט אז סקען זיין אז דער ריטב״א האט נישט געטראפען אנדערע גאונים וואס מיר ווייסען נישט פין זיי – וואס זיי האלטען אז מען דארף נישט קיין 600,000 מענטשען – ער מיינט נאר דעם רמב״ן, רשב״א, אין אנדערע ראשונים – אין זיי ריפט ער אהן גאונים ווי מען טרעפט אזוי אין ראשונים – ער ברענגט זיך א ראיה פין דער הקדמה פין רמב״ם סוף הקדמה שרייבט דער רמב״ם הם הנקראים גאונים וכו׳ כל גאוני ישראל מיום שחברה הגמרה ועד זמן זה

זעהט מען פין רמב״ם אז אין זיין צייט איז נישט גווען דער תואר גאון ביז צים רב האי גאון – אזוי ווי סאיז היינט – אין אפילו א ראשון האט מען אנגעריפען גאון

נאך קען מען זאגען אפילו אויב – דער ריטב״א זאל מיינען גאונים ממש – קען מען א ראיה ברענגען קעגן דעם ריטב״א – פין דעם וואס תוס׳ ברענגט אראפ דעם בעל ה״ג – אויך דער בעל ה״ג אין דער ספר העיתים ברענגען רב יהודה גאון זעהט מען פין זיי – אז זיי האבען נישט געהאלטען אז רוב גאונים האלטען אנדערש – ווייל אויב יא – פארוואס שווייגען זיי אין זיי דערמאנען גארנישט וועגן דעם – פין רמב״ן איז דא א ראיה מוכרחת אזוי צי זאגען – ווייל דער רמב״ן עירובין דף נ״ט. פרעגט אויף רש״י ווי אזוי קען רש״י זאגען אז עס דארף

זיין דארטען 600,000 מענטשען – אז אין ש״ס איז דאס בכלל נישט דערמאנט אין קיין איין פלאץ – זאגט ווייטער דער רמב״ן אבער אין הלכות גדולות איז עס יא דערמאנט – פירט אויס דער רמב״ן איז דער זאך תלוי באילנות גדולות עכת״ל – זעהט מען קלאר אז דער רמב״ן האט נישט געהאלטען אז רוב גאונים זענען קעגען רש״י – ווייל אויב יא וואלט ער זיכער זיי אראפגברענגט צי פארשטארקערען זיין קשיא אויף רש״י

דער בית אפרים גייט אויך מיט דער מהלך פין מ״א אז דער מחבר האט אנגענימען ווי דער צווייטער דיעה – ובענין דער קשיא פין משכנות יעקב אז דער מ״א איז נגד דער כלל וואס זאגט אז דער מחבר האט געמיינט צי פסק׳ענען ווי דער ערשטער דעה (דער כלל איז געברענגט אין חלקת מחוקק אבן העזר סימן א׳) זאגט דער ב״א אז דער כלל איז נישט מוסכם ביי יעדעם – דער כנסת הגדולה ברענגט ... אז פין ב״ח יו״ד סימן ק״א זעהט אויס אז ער האלט נישט ווי דער כלל – פירט אויס דער כנה״ג אז ווען סאיז דא א הוכחה אז דער מחבר פסק׳ענט ווי די י״א – דעמאלט איז נישט געזאגט געווארען דער כלל

איז דער ב״א מסביר אז סאיז זיכער אז דער כנה״ג מיינט נישט צי זאגען – ווען סאיז דא אן הוכחה גמורה (דעמאלט דארף מען נישט צי לאזען הערן) ער מיינט נאר צי זאגען אפילו סאיז נאר דא אן הוכחה קצת ! – לפי זה פירט אויס דער ב״א אז עכ״פ א הוכחה קצת אזוי ווי דער דעת י״א האבן מיר פאר זיכער – פין סימן ש״ג – דאס הייסט אפילו מען וועט מדחה זיין די ראיה פין סימן ש״ג אראפגברענגט אויבען – אין מוועט זאגען אז אין סימן ש״ג מיינט דער מחבר נאר צי זאגען א לימוד זכות אין נישט ווייל ער האלט אזוי – אין אזוי זענען די אחרונים מדחה דער ראיה פין מ״א (אזוי שרייבט דער באור הלכה סימן שמ״ה ס״ז ד״ה שאין ששים רבוא וכו׳)

– אבער אן הוכחה קצת וועט נאך בלייבען – ווייל מען זעהט עכ״פ פין סימן ש״ג – אז דער מחבר האט נישט אינגאנצען אפגעפסק׳ענט ווי דער ערשטער דיעה – ווייל עכ״פ פאר א לימוד זכות ניצט ער דעם צווייטען דיעה – אין דארטען ווי עס איז דא אן הוכחה קצת איז דער כלל נישט געזאגט געווארען

נאך זאגט דער ב״א אז דארטען ווי דער ערשטער דיעה איז דער רמב״ם, רשב״א אדער אנדערע חכמי ספרד – דארטען ברענגט דער מחבר דעם ערשטער דיעה סתם אין דער צווייטע וי״א – נישט ווייל ער האט לדעתו מכריע גוועהן ווי דער ערשטער דיעה נאר ווייל אין זיין מקום פירט מען זיך ווי דער חכמי ספרד – מען זעהט אז דער רמ״א אין הקדמה שרייבט אז ער האט געשריבען זיינע הגהות צי לאזען הערן די פסקים פין חכמי אשכנז אין צרפת וואס מיר פירען זיך אזוי ווי זיי – אויך ווייל זיי זענען בתראי (ד.מ. ער ברענגט חכמי בתראי) – במילא איז דער זעלבע זאך לויט דער מחבר – ער ברענגט דער ערשטער דיעה סתם ווייל אין זיין מקום פירט מען זיך ווי די חכמי ספרד

ברענגט זיך דער ב״א א ראיה ווייל דער כלל קימט פין שו״ת מנחם עזריה (רמ״ע מפנו) – אין דער מנחם עזריה פרעגט אויב דער מחבר האלט ווי דער ערשטער דיעה פארוואס האט ער בכלל געשריבען דעם דעת י״א? – ענפערט ער – כדי ליתן כבוד לבעליהם ווייל זיי זענען

אויך גוועהן גרויסע אין סאיז דא מקומות וואס מען פירט זיך אזוי! – במילא האלט דער ב״א אז דער זעלבע זאך איז אמת אויף דער ערשטער דיעה – אז דארטען ווי דער ערשטער דיעה איז חכמי ספרד – איז נישט מוכרח אז דער מחבר האט אזוי אפגעפסק׳ענט מדעתו הרחבה – נאר כדי ליתן כבוד לבעליהן וואס זיי זענען מקומו אין במקומו פירט מען זיך אזוי ווי זיי – מען זעהט דאך אז דער רמ״א האט אנגענימען אין סימן שנ״ז אז עס איז נישט דא קיין רה״ר – אזוי ווי רש״י וואס איז גוועהן פין חכמי אשכנז (צרפת)

פירט אויס דער ב״א האבען מיר גארנישט וואס מפקפק צי זיין ווייל דער מחבר האט אהנגענימען ווי די ראשונים לקולה בפרט אז **רוב ראשונים** זענען מקיל **ובפרט אז דער רמ״א** האט מכריע גוועהן לקולה ווי דער ט״ז זאגט – נאך זאגט דער בית אפרים דארטען דף מ״ט: – **אז מיר זענען די אייניקלעך אין תלמידים פין די חכמי אשכנז וצרפת – אין** מיר האבען אנגענימען אזוי ווי זיי אפילו ווען זיי זענען **נישט קיין רוב** אין כל שכן ווען זיי זענען רוב

פארוואס מיר נעמען אהן ווי דער בית אפרים אין מיר זענען נישט חושש אויף דער משכנות יעקב? – קען מען זאגן פיר טעמים א) דער משכנות יעקב קריגט מיט דעם ט״ז אין מ״א – דער ב״א גייט מיט דעם ט״ז אין מ״א ב) דער משכנות יעקב גייט קעגען מנהג העולם אין ספר אום אני חומה ברענגן זיי אראפ פין ר׳ מנשה קליין – אז ר׳ משה פיינשטיין האט עהם געזאגט אז אפילו אין קארלין ווי דער משכנות יעקב איז גוועהן רב – איז גוועהן אן עירוב קעגן זייער רב׳ס פסק – דער ב״א גייט מיט דעם מנהג העולם ג) מיר פארשטייען בעסער אזוי ווי דער ב״א ווייל ער וואזט אויף – אז רוב ראשונים האלטען – אז כדי סזאל זיין א ר״ה דארף דארט זיין 600,000 מענטשען ד) דער משכנות יעקב איז גוועהן אזוי גרויס ווי א אנדערע אחרון, אנדערש איז גוועהן דער ב״א – ער איז גוועהן דער גרעסטער אין זיין דור – אין מהרש״ם ... איז אויך אזוי משמע – ווייל ער ריפט אהן דעם משכנות יעקב מיט דעם טיטל ״רב השואל״ אין נישט ״בר פלוגתיה״ – איך האב גהערט פין ר׳ פישל ווען ער האט נאכגזאגט אן הלכה פין מטה אפרים – האט ער זיך אויסגדריקט – ער איז גוועהן דער גרעסטער אין זיין דור (זעה אויך דף ע״ב)

דער תולדות שמואל ח״ג מצוה ל״ב אב ל״ט (ער גייט דארטען אויף דער סדר פין די ל״ט אב מלאכות) **דף קס״ד אות ח׳ ברענגט א סך פין 60 שיטות** (פין גאונים, ראשונים, אחרונים, אין אחרוני אחרונים) **וואס האלטען אז כדי סזאל זיין א רה״ר דארף ס׳ רבוא גיין דארטען - אין נאר 18 שיטות וואס האלטען אז סדארף נישט - אז ס׳ רבוא זאל גיין דארטען - פירט אויס דער תולדות שמואל - אז מיר האבען מתירם - 3 מאהל אזוי פיל ווי די אוסרים** (דער לשון פין תולות שמואל איז כפלי כפלים – איך האב משנה גוועהן פין זיין לשון – ווייל זיין לשון איז נישט מדויק – כפלי כפלים איז 72)

זעה אויך אין ספר מאז ומקדם דף מ״ו וואס צייכענט צי מער פין 40 שיטות לקולה (פין

גאונים ציזאמען מיט ראשונים)

ביז דא איז אלעס גלייך – מיר פארשטייען זייער גיט דעם היתר צי מאכען אן עירוב אין וויליאמסבורג – קיין איין גאס האט נישט קיין 600,000 מענטשען **אפילו מען זאל רעכענען די מענטשען וועליכע פארען אין קארס אויף אין באסעס האבען מיר נישט דעם צאהל**

אבער מיר דארפן דן זיין וועגען ר׳ משה׳ס חומרא - אבער פאר מיר זענען דן וועגען דעם - דארפען מיר וויסען צי מען מעג שרייבען קעגען ר׳ משה׳ן

הרב אליעזר קיוויאט ר״מ פין אלכסנדר אין זיין בריוו קעגען מונקאטשער רבי׳ס תשובה – שרייבט ער דארטען ווער סקריגט אויף ר׳ משה איז כאילו חולק על השכינה

באמת איז ר׳ משה אליינס עם דוחה ווייל ר׳ משה שרייבט אין אגרות משה או״ח א׳ סימן ק״ט אז מען מעג חולק זיין אויף א גדול – אויך אז מען מעג חולק זיין אויף עהם

איך האב געזעהן אראפברענגען בשם דעם בעל התניא – אז חז״ל האבען געבענשט ר׳ אליעזר בן הורקנס (בלשון סגי נהור) **ווייל ער האט זיך נישט געבויגען צים רוב !** – כאטשיק דער משנה זאגט אין אבות פרק ב׳ אז אויב אלע חכמים וואלטען גוועהן אויף איין זייט פין דער וואגשאהל אין ר׳ אליעזר בן הורקנס אויף דער אנדערע זייט **וואלט ר׳ אליעזר איבער געוואויגען – ווייל סוף כל סוף איז רוב מכריע! עכת״ד**

דארף מען דאך פארשטיין – מיר געפינען דאך אז גרויסקייט איז עכ״פ אזוי ווי רוב – פין דעם וואס תוס׳ פרעגט ווי אזוי האט דער בת קול געקענט מכריע זיין הלכה כבית הלל – הא אין משגיחן בבת קול? ענפערט תוס׳ ווייל בית הלל זענען גוועהן רוב – נאר בית שמאי זענען גוועהן חריפי טפי – זעהט מען אז פאר דעם בת קול וואס מען האט מען זיך געמעגט סומך זיין אויף די בית שמאי כאטשיק בית הלל איז גוועהן רוב – ווייל בית שמאי זענען גוועהן חריפי טפי – אין וועגען דעם האט גדארפט קימען דער בת קול – ווי תוס׳ זאגט אין ערובין דף ו: – אויב אזוי איז שווער פארוואס האט ר׳ אליעזר נישט גטאהרט חולק זיין אויף די חכמים ער וואלט דאך זיי אלע מכריע גוועהן ווי די משנה אין אבות זאגט ?

מיז מען זאגען – אז דאס וואס איך זאג אז חריפות (גרויסקייט – ר׳ אליעזר בן הורקנס גרויסקייט איז גוועהן בקיאות נישט חריפות – ווי ר״ע בר טנורא זאגט דארטען) איז אזוי ווי רוב דאס איז נאר א רוב וואס איז ליתא קמן וואס דאס איז נישט קיין עכטע רוב ווי דער מהרלב״ח שרייבט אין קונטרס הסמיכות ווערט אראפגעברענגט ווייטער דף צ״ז – אבער דארטען ווי עס איז דא א רובא דאיתא קמן אין מען האט זיך אווענעצט אפצי׳פסק׳ענען דעם דין אין מען איז גגאנגען נאך רוב – איז נישט דא קיין טענה פין גרויסקייט – **אחרי רבים להטות זאגט דער תורה**

לענינינו טראכט איך מיט מיין קליין שכל – אז אויב כל חכמי ישראל וואלטען גוועהן אויף איין זייט פין דעם וואגשאהל אין ר׳ משה אויף דער אנדערע זייט – וואלט ר׳ משה זיי מכריע גוועהן – אעפ״כ האט דער תורה געזאגט אחרי רבים להטות (איך מיין נישט כולל צי זיין ר׳ הערש פסח פראנק – וואס ווערט דערמאנט דארטען אויף יענעם דף – דער דברי מנחם שרייבט

דארטען אז ער איז דער זקן אין דער גרעסטער בעל הוראה פין אינזער צייט – איך ווייס נישט ווער עס איז גוועזן גרעסער ר׳ משה צי ר׳ הערש פסח – ר׳ הערש פסח האב איך כולל גוועהן אין דעם וואס איך שרייב ווייטער – אז סאיז דאך גוועהן פריעדיגע רבנים וואס האבען חולק גוועהן אויף ר׳ משה) – אין מזעהט אין דברי מנחם אין קונטרס תיקון עירובין במנהעטען דף י׳ ווי 14 רבנים האבען גחתם׳עט פארען עירוב אין מענהעטען – אין נאך פיר רבנים וואס האבען שוין דעמלט נישט גלעבט – האבען גגעבען זייער הסכמה בחייהם – מהם גדולי הדור ומהם רבנים וואס האבען דורך געלערינט הלכות עירוב לאורך ולרוחב

כאטשיק אז פין מענהעטען איז נישט קיין ראיה ווייל זי איז ארומגענימען מיט וואסער (אין די גדידי הים זענען הויך 10 טפחים אויך זענען זיי עשיות בידי אדם) וואס דאס איז גוועהן זייער מחיצות – ר׳ משה אליינס שרייבט אין אגרות משה חלק א׳ סימן קל״ט אין אנפאנג סימן – אז די גדידי הים וואס נעמט ארום מענהעטען – איז מחיצות גמורות – אבער זי האט דאך אויך געהאט 18 בריקען (זעה אין תקון עירובין פין דעם שאצער רבי דף מ״ה – ער איז דארטען מבאר יעדען גשר באזינדער) וואס זענען גוועזן אינטער דעם עירוב – וואס זיי זענען נישט גוועזן ארום גענימען מיט די מחיצות הים – אין די 18 רבנים האבען דאס אויך מתיר גוועהן – במילא קען מען פין זיי א ראיה ברענגען אויף וויליאמסבורג

איך מיין נישט צי זאגען אז עס איז גוועהן נמנו וגמרו – ווייל כמה פין די חותמים זענען אפשר נישט גוועהן ביי דער אסיפה פין אגודת רבנים – אין אויב זיי זענען יא גוועהן אפשר האבען זיי נישט גרעט דארטען אין אויב זיי האבען יא גרעט מסתמא האט מען נישט ביי דער אסיפה דורך געטיהן דער הלכה לאורך ולרוחב (נוסף לזה מסתמא הייסט עס נישט קיין נמנו וגמרו אפילו אויב די פערצען רבנים וואלטען אויסגפירט זייער מסקנא נאך שקליא וטריה – ווייל אויסער זיי איז דאך גוועהן נאך גדולי ישראל וואס האבען זיך נישט משתתף גוועהן אין דער מחלוקת)

סמיז אזוי זיין ווייל אויב סוואלט גוועהן נמנו וגמרו וואלט דאך ר׳ משה געמיזט צריקציען אין מודה צי זיין צים רוב – **עכ״פ איז נישט שייך צי זאגען אז מען מיז אנעמען ווי ר׳ משה** (דער בעל התניא וואס איז דערמאנט אויבען רעט זיך אויך נישט ווען עס איז גווען נמנו וגמרו אין אעפ״כ זאגט ער אז רוב איז שטערקער – באמת פאר דעם בת קול – האט מען אויך גמעגט אננעמען אזוי ווי בית הלל – כאטשיק ב״ש איז גוועהן חריפי טפי) – ר׳ משה אליינס שרייבט צי הגאון הרמ״ב פירוטינסקי (דברי מנחם קיצור קונטרס עירובין במנהטן דף שכ״ג) – **״אויב די רבנים האבען געזעהן וואס איך האלט אין אעפ״כ זענען זיי חולק – האבען זיי דער רעכט צי מאכן אן עירוב״** כעין זה שרייבט ער אויך אין אגרות משה או״ח ח״ד סימן פ״ט

באמת איז עס נישט נאר די 18 רבנים וואס זענען חולק אויף ר׳ משה – סאיז דאך גוועהן פריעדיקע רבנים וואס האבען חולק גוועהן אויף ר׳ משה׳ס מהלך – **איז ווער קען זאגען אז מען מיז אנעמען אזוי ווי ר׳ משה?**

נאך דער הקדמה קען איך שוין גיין מבאר זיין דעם ענין - סזאל זיין א כבוד פארביידע - פאר אינז אין פאר ר׳ משה

פאר אינז: - מען זאל נישט זאגען - ר׳ משה ברענגט ראשונים אין מיר רעכענען זיך נישט ווייל מיר האבען אחרונים

פאר ר׳ משה: - מען זאל נישט זאגען אז ר׳ משה האט זיך אויסגעטראכט א חומרא

וואס איז ר׳ משה׳ס שיטה?

600,000 מענטשען זענען דארטען ״מצוי״

ר׳ משה אין אגרות משה או״ח א׳ סימן קל״ט ענף ה׳ ברענגט אראפ רש״י אין מסכתא עירובין דף ו. – וואס רש״י זאגט דארטען אז א ר״ה איז – **״עיר״** וואס איז ברייט 16 אמה אין 600,000 מענטשען זענען דארטען **״מצוי״** – איז ר׳ משה מדייק – רש״י זאגט נישט אז עס גייען 600,000 מענטשען אויף איין גאס אזוי ווי דער לשון פין **ש״ע אין שמ״ה סעיף ז׳** (דער מחבר כאפט אהן דער לשון ״עוברים בו״) – זעהט זיך אויס אז די 600,000 מענטשען דארף נישט זיין אויף איין גאס – נאר אלע מענטשען פין שטאט זענען זיך מצטרף צים חשבון

איז וואס איז אינזער תירוץ אויף דעם?

איך וועל מקדים זיין מיט דער מ״ב אין סימן שמ״ה סעיף ז׳ ס״ק כ״ד וואס פרעגט אויף דעם מחבר וואס ער מצריך 600,000 מענטשען זאלען **דארטען אדורך גיין יעדען טאג** – ער פרעגט ״איך האב געזיכט אין די ראשונים אין איך האב נישט געטראפען פין די אלע בעלי השיטה (אז מען דארף האבען 600,000 מענטשען) אז זאלען באדארפען אז 600,000 מענטשען זאלען דארטען אדורך גיין **יעדען טאג**

דער מ״ב האט נאר גלייגט א נרגא אויף דעם פרט וואס איז מצריך 600,000 מענטשען זאלען דארך גיין א יעדען טאג – אבער אויף דעם אז עס דארף זיין אויף ״איין גאס״ לייגט ער נישט קיין שום נרגא – ר׳ משה אבער גייט ווייטער אין ער לייגט א נרגא אז עס דארף נישט זיין אויף איין גאס סאיז גענוג אויב די 600,000 מענטשען זענען אין איין שטאט

אבער דער ספר דברי מנחם קונטרס תיקון עירובין בעיר מנהעטען דף נ׳ איז מעיר אויף דעם מ״ב אז אין רמב״ן מסכת שבת דף נ״ז אויך אין ר״ן וואס דער ב״י ברענגט אויך אין ספר בעל התרומה אויך אין בעל הלכות גדולות כתב אספמיא וואס דארטען שטייט יא דער תנאי אז מען דארף האבען 600,000 מענטשען זאלען גיין דארטען **יעדען טאג** (זיי כאפען אהן דער לשון ״עוברים בו״) - דער טענה שטייט אויך אין ספר אום אני חומה דף ע״ב ער ברענגט אויך דעם רבנו ירוחם וואס זאגט דעם זעלבען לשון

דער טענה איז אויך אויף ר׳ משה – אבער ר׳ משה איז **מדייק** פין דעם וואס תוס׳ אין מסכת שבת דף ס״ד זאגט – **אין מבואות שלנו רחבות ט״ז אמה ולא ס׳ רבוא בוקעין בו** – איז אויב סדארף זיין 600,000 אויף יעדער גאס וואלט גדארפט שטיין בוקעין בהן א לשון רבים – אין ווייל סשטייט א לשון יחיד איז א ראיה אז עס גייט ארויף אויף דעם **עיר** – ווי רש״י זאגט

"עיר" – אין עיר איז א לשון יחיד

גייט ר' משה ווייטער – כאטשיק אז פין ספר התרומה קען מען נישט מדייק זיין א ראיה צי ברענגען אז ער גייט ארויף אויף א "עיר" – (אין ספר התרומה שטייט נאר ולא שלטי בהו ששים רבוא) קען מען אפשר זאגען אז פין תוס' איז א ראיה צים ספר התרומה – אז דער ספר התרומה מיינט אויך אזוי ווי תוס' (דער בעל התרומה איז דער זעלבע בעל התוס' פין תוס' דף ס"ד – "רבנו ברוך")

אין מיט דעם מהלך איז ר' משה מסביר דעם ש"ע - אז דאס וואס דער ש"ע זאגט ס' רבוא עוברים בו מיינט מען אויסער דעם שטאט - דארטען דארף זיין דעם גאנצען מספר אויף איין גאס - אבער אינעווייניג אין שטאט איז גענוג אויב סאיז דא דעם מספר אין דעם גאנצען שטאט סדארף נישט זיין ס' רבוא אויף איין גאס

ר' משה'ס דיוק פין תוס' – איז מיר שווער – ווייל מקען דאך דאס מדחה זיין אויף צוויי וועגן – **פארוואס תוס' כאפט אהן א לשון יחיד**

א) תוס' מיינט צי זאגען אז אויף דעם רחוב הראשי (אזוי ווי עס דעמאלט גוועהן דער סדר) גייט נישט אריבער קיין ס' רבוא.

ב) תוס' גייט ארויף אויף יעדער גאס בפרטית – אין אויף דעם איז שייך אנציכאפען א לשון יחיד – מונקאטשער רבי אין זיין תשובה (דער תשובה איז דא אויף דעם בייגלייגטען CD) פרעגט אויך אז ער פארשטייט נישט ר' משה'ס דיוק – נאך פרעגט ער דארטען – אז דער רמב"ן ווען ער ברענגט פין ספר התרומה (אז סדארף זיין ס' רבוא) ברענגט ער דעם לשון בוקעין "בהן" אין אויף דעם איז שוין נישט דא ר' משה'ס דיוק

א דוגמא צי דעם – טרעפין מיר אין מסכתא קדושין אין צווייטן פרק דף נ"א – אין דער ה"א האט די גמרא גלערינט – אז דער ווארט "גדולות" גייט ארויף בפרטות אויף יעדער משפחה – האט די גמרא געפרעגט – אז אויב סרעט זיך אז די כתי בנות מיינט – אז סאיז נאר דא אין יעדע כת "איין" גרויסע אין "איין" קליינער טאכטער – וואלט דאך גדארפט שטיין – אין "הגדולה" בכלל – אין נישט אין "הגדולות" בכלל – ענפער די גמרא אז סגייט ארויף בכללות אויף די כתי בנות פין די גאנצע וועלט – איז אפילו אויב יעדער האט נאר איין גרויסע אין איין קליינע קען מען נאך אלץ זאגען "גדולות" – לענינייינו קען מען זאגען אז תוס' גייט ארויף בפרטות

דער דברי מנחם קונטרס תיקון עירובין במנהטען דף מ"ו, אין דף מ"ז וויל מאכען א מחלוקת פין גאונים אין ראשונים – אז רש"י אין אויך דיע גאונים וואס זאגען "ס' רבוא מצוין" וועלען האלטען אז סאיז גענוג אז אין דעם שטאט איז דא דעם מספר – אבער דיע ראשונים וואס זאגען עוברים שם וועלען באדארפען דעם מספר אויף איין גאס – אויך דיע ראשונים וואס זאגען אז בזמנינו איז נישט דא קיין ר"ה – זעהט אויך אויס פין זיי אז מען איז נישט מצרף דעם גאנצען שטאט אויף דעם סכום – ווייל מסתמא איז בזמן הראשונים אויך גוועזן ס' רבוא אין די גרויסע שטעט אין אעפ"כ זאגן זיי אז עס איז נישט דא קיין ר"ה

לי הדל איז מיר שווער ר׳ משה׳ס מהלך – ווייל פין אויבען אויף זעהט אויס אז די ד׳ רשוית רעט מען פין איין פלאטץ – איז פינקט אזוי ווי ביי די ג׳ אנדערע רשוית רעט מען פין איין פלאטץ איז די זעלבע ביי ר״ה – אין נאך מער ביי ר״ה אליינס – **ביי דעם פרט פין ט״ז אמה דארף דאך דאס זיין אויף איין גאס – זעהט זיך אויס אז דער זעלבער זאך איז אויך – אויף דעם פרט פין ס׳ רבוא – אז דאס איז אויך אויף איין גאס**

- בפשטות מיינט רש״י צי זאגען - אויב סאיז מצוי אין שטאט דעם סכום במילא גייט דעם סכום אויף דעם רחוב הראשי - ווייל אזוי איז אמאהל געווען סאיז געווען א הויפט גאס וואס אלע זענען דארטען גגאנגען

אויב רש״י האט גוואלט מחדש זיין אז די ט״ז אמה לערינט זיך ארויס פין מחנה לויה וואס סהאט געמיזט האבען דעם ברייט פאר די עגלות ווי די גמרא זאגט אין מסכתא שבת דף צ״ט – אין דעם פרט פין ס׳ רבוא לערענט מען ארויס פין די דגלי מדבר – אין מען זאגט אז סהאט גהאט א דין ווי א שטאט אין פינקט אזוי ווי יענע שטאט האט גהאט ס׳ רבוא אין סאיז גוועהן א ר״ה – דאס זעלבע איז ביי יעדע שטאט וואס האט ס׳ רבוא איז א ר״ה (ווי ר׳ משה זאגט) – **וואלט רש״י דאס גדארפט ארויס זאגען מיט מער ״באק ציין״**

אין אפילו מוועט שוין מסכים זיין אז דאס איז רש״י׳ס שיטה – אבער ווי אזוי קען מען דאס אריינקוועטשען אין תוס׳ – אפילו מוועט שוין אהנעמען ר׳ משה׳ס דיוק אין תוס׳ – אז תוס׳ זאגט נישט בוקעין ״בהן״ נאר בוקעין ״בו״ דערמאנט אויבען – אבער סוף כל סוף – תוס׳ אין שבת דף ס״ד דערמאנט דאך נישט דאס ווארט **״עיר״** מזאל קענען אריינקוועטשען **אין תוס׳ אזא באמבע חידוש** אז דער גאנצע שטאט איז זיך מצרף צים מספר אין דער ווארט בוקעין ״בו״ גייט ארויף אויף ״עיר״

אין די זעלבע איז מיט די גאונים וואס דער דברי מנחם ברענגט אראפ – זיי דערמאנען דאך נישט דעם ווארט ״עיר״ – במילא איז נישט שייך צי זאגען – אז ווען זיי זאגען אז א ר״ה איז נאר אין א פלאטץ וואס גייען אריבער 600,000 מענטשען – אדער זיי זאגען אז א ר״ה איז נאר א פלאטץ וואס סאיז מצוי 600,000 מענטשען – סזאל מיינען א שטאט

אין אפילו די גאונים וואס דערמאנען יא דאס ווארט ״עיר״ – ווי ער ברענגט דארטען פין ספר חמדה גנוזה סימן ע׳ וואס זאגט בשם ר׳ שלום גאון ״מדינות ועיירות שאין בהם ס״ר – אויך פין תשובת הגאונים סימן ר״ט בשם רב נטרוניא גאון וואס זאגט ״והלכתא מדינות ועיירות שאין בם ס״ר וכו׳ אין נעשית רה״ר״ – איז שווער אריינצילערנען אז זיי זאלען מיינען אז דער שטאט איז מצרף דעם סכום פין 600,000 מענטשען – (ווי דער יציאת השבת סימן ג׳ לערינט סזעט זיך אויס ווי מען לייגט אריין א פיל אין א לאך פין א נאדעל – ווייל לכאורה טרעפט מען נישט אין קיין איין ראשון – אז ער זאל זאגן אז דער סכום פין 600,000 לערענט מען ארויס פין דיגלי מדבר אין נישט פין מחנה לוויה – פין דעם פלאטץ ווי מען לערענט ארויס די ט״ז אמה –

בפשטות לערענט מען ארויסביידע פין איין פלאטץ)

נוסיף לזה אז וויבאלד אז פין כמה ראשונים זעהט מען אז דער סכום פין 600,000 מענטשען דארף זיין אויף איין גאס – ווי עס איז אויבען דעמאנט – איז שווער צי זאגען אז סאיז דא א מחלוקת הראשונים אין דעם – ווייל אויב יא וואלטען די ראשונים געדארפט דאס ארויסברענגען אז סאיז דא א מחלוקת צי די סכום דארף זיין אויף איין גאס צי עס איז גענוג אז עס איז דא דער סכום אין דעם גאנצען שטאט – **איז פין די ראשונים א ראיה – צי רש"י'ס שיטה אין אויך צי די גאונים וואס כאפן אן דעםווארט "עיר" אדער "עיירות" אז זיי מיינען אויך נאר אזוי ווי אנדערע ראשונים – וואס דאס מיינט אויף איין גאס**

אפילו אז מוועט זאגען אז אין דעם פרט אז דער גאנצער סכום פין 600,000 מענטשען זאל דארפען דארך גיין יעדען טאג – איז דא א מחלוקת הראשונים – ווי דער מ"ב פרעגט – דערמאנט אויבען – אין **בית אפרים** זעהט אויס בפירוש אז ער האט גלערינט כעין דער מהלך פין מ"ב – ווי ער שרייבט דארטען דף מ"ו סוף ד"ה ונפלאתי – אז לויט רש"י דארף זיין א דרך סלולה (אויסגפלאסטערט) פאר דעם ס' רובא וואס געפינט זיך דארטען בקירוב מקום אין מענטשען גייען דארטען הין אין צריק ביז עס איז מעגלעך אז אין איין טאג זאל אדורך גיין דער גאנצען סכום (600,000 מענטשען) אויף יענעם וועג – אין וויבאלד עס איז נישט שכיח אזא זאך – איז עס א פשיטות אז לויט רש"י אין בזה רשות הרבים דאס איז דער תמצית הלשון פין דעם בית אפרים

– דאס זעלבע איז אין וויליאמסבורג סאיז נישט מעגלעך אפילו איין מאהל אין א גאנצען יאהר אז 600,000 מענטשען זאלען א דורך גיין אין איין גאס – זעה אויבען דף נ"ז אין נ"ח – סהאט מיר איינער פערציילט אז ער האט געהערט אויף די ראדיא אז וויניגער פין 40,000 מענטשען זענען געלאפען אויף די מעריטאן (איינמאהל א יאהר לויפט מען אויף בעדפארט עוויניא) 36,000 אדער 39,000 איך געדענק נישט פינקלעך וויפעל – לויט דעם ציזאמען מיט די קיקער'ס האבען מיר נאך אין דעם טאג אויף בעדפארד עוויניא – אסאך וויניגער פין 600,000 מענטשען

(מקען אפשר מוסיף זיין – אז אפילו אויב דער מציאות וואלט גוועהן אז אין וויליאמסבורג וואלט איינמאהל א יעדען יאהר גגאנגען 600,000 מענטשען אויף איין גאס וועגן עפעס א סיבה וואס וואלט גברענגט דערצי – וואלט דאס נאך אלץ נישט גוועהן קיין רה"ר – לא מיבעאי לויט די ראשונים וואס זאגען דעם לשון "600,000 מענטשען גייען אריבער יעדען טאג" לויט זיי וואלט עס זיכער נישט געווארען קיין רה"ר דורך איינמאהל גיין – אין אפילו די ראשונים וואס לייגן נישט צי דאס ווארט "יעדען טאג" זיי זאגען נאר 600,000 מענטשען גייען אריבער דארטען – וואלט דאס נאך אלץ נישט גוועהן קיין רה"ר ווייל מיט איין טאג ווערט עס נישט גרעכענט ווי א פלאטץ וואס גייען דארטען 600,000 מענטשען – אין אפילו לויט דעם בית אפרים'ס פשט קען מען אפשר זאגען אז עס איז נאך אלץ נישט קיין רה"ר – ווייל א גאנץ יאהר חוץ יענעם טאג איז עס נישט עלול אז 600,000 מענטשען זאלען דארטען דארך גיין)

כאטשיק דער בית אפרים זאגט בפירוש אז כדי סזאל הייסען א רשות הרבים איז גענוג וואס סאיז דא דארטען אין געגענט 600,000 מענטשען אז סזאל זיין מעגלעך אז זיי זאלען אדורך גיין דער גאס אין איין טאג – **איז מוכרח צי זאגען אז דאס זאגט ער נאר לויט רש״י וואס כאפט אהן דעם לשון ״מצוי״** – ווייל ער רעט דאך לויט רש״י – ער גייט זיך קריגען מיט דעם משכנות יעקב וואס זאגט אז לויט דער ריטב״א אליבא דרש״י (דער משכנות יעקב זאגט בפירוש – אז דאס איז נאר לויט רש״י – ער פרעגט דארטען דף ק״ז פין רש״י אויף די אנדערע ראשונים – ער שרייבט דארטען ותימה גדולה על כמה פוסקים ראשונים וכו׳ דבעינן דוקא ס׳ רבוא כאחד בוקעין בו – ולכן כתבו שאין לנו כלל רשות הרבים וכו׳ ואין מדבריו ז״ל (פין רש״י) שום משמעות קולה) איז גענוג אז עס זאל זיין א וועג וואס איז מיוחד לרבים סדארף נישט זיין קיין מציאות סזאל זיין עלול אז דער סכום פין 600,000 מענטשען זאל אפשר אדורך גיין אין איין טאג – אויף דעם קימט דער ב״א – צי זאגען אז סדארף זיין לכל הפחות סזאל זיין עלול אז דער סכום פין 600,000 מענטשען זאל אפשר אדורך גיין אין איין טאג

סאיז נישט מעגלעך צי זאגען אז דער בית אפרים זאל דאס זאגען לויט די ראשונים וואס זאגען אז עס דארף אדורך גיין 600,000 מענטשען יעדען טאג – סאיז אויך נישט מעגלעך אז דער בית אפרים זאל דאס זאגען אפילו לויט די ראשונים וואס כאפען נישט אהן דעם לשון פין אדורך גיין יעדען טאג – זיי זאגען נאר אז א רשות הרבים איז א פלאטץ וואס גייט אריבער 600,000 מענטשען

היוצא לנו אז מיר האבען א מחלוקת הראשונים (לויט דער ריטב״א) וואס דארף זיין כדי סזאל זיין א ר״ה – צי דארפען דארט גיין אויף יענעם גאס יעדען טאג 600,000 מענטשען (צי עס איז גענוג אז 600,000 מענטשען גייען אפילו סאיז נישט יעדען טאג) צי עס איז גענוג אז עס זאל זיין עלול פאר 600,000 מענטשען אדורך צוגיין אין איין טאג אעפ״כ קען מען נישט זאגען אזוי ווי עס איז שוין דא א מחלוקת – אויף דעם פרט אז דער גאנצער סכום פין 600,000 מענטשען זאל דארפען דארך גיין יעדען טאג – דאס זעלבע איז דא א מחלוקת צי די 600,000 מענטשען דארפען דארך גיין איין גאס **צי עס איז גענוג אז זיי גייען דורך איין שטאט** – מקען נישט אזוי זאגען סאיז נישט גלייך – **דער מחלוקת איז מבואר – אין דער איז נישט מבואר** – די ראשונים וואלטען גדארפט ארויסברענגען דער מחלוקת אין אויב זיי ברענגען נישט ארויס – זעהט מען אז סאיז נישט דא קיין מחלוקת אין דעם – ואפישי פלוגתא לא מפישינן

נאך זעהט מען פין ריטב״א סיי לויט ווי דער משכנות יעקב לערענט פשט אין סיי לויט ווי דער בית אפרים לערענט – זעהט מען – אז דער סכום פין 600,000 מענטשען – רעט מען פין איין גאס – אין נישט פין איין שטאט – ד.ה. דער משכנות יעקב לערענט סדארף זיי מוכן ומוזמן אז עס זאל קענען דארך גיין דארטען (איין גאס) 600,000 מענטשען (אפילו אז עס איז זיכער אז עס גייט קיינמאהל נישט דארטען 600,000 מענטשען) – אין דער ב״א לערענט אז עס דארף זיין א דרך סלולה (אויסגפלאסטערט) פאר דעם ס׳ רובא וואס געפינט זיך דארטען בקירוב מקום אין מענטשען גייען דארטען הין אין צריק ביז עס איז מעגלעך אז אין איין טאג

זאל אדורך גיין דער גאנצען סכום (600,000 מענטשען) אויף יענעם וועג (יענער גאס) אויך טראכט איך אז דער גאנצע זאך וואס דער בית אפרים זאגט - אז נישט 600,000 מענטשען דארפען דארך גיין - נאר סדארף זיין אז סזאל דארטען זיין מצוי 600,000 מענטשען אז סזאל זיין מעגלעך אז 600,000 מענטשען זאלען קענען דארך גיין אין איין טאג - דאס איז נאר לויט ווי דער ריטב״א לערינט אריין אין רש״י אבער נישט לויט ווי דער ר״ן אנפאנג פרק במה האשה לערענט פשט אין רש״י - וואס דער ר״ן זאגט דארטען - רש״י איז מצריך אז 600,000 מענטשען זאלען דארטען אדורך גיין יעדען טאג אזוי זאגט רש״י אויף א סאך פלעצער עכת״ל

אין לויט דעם ר״ן – איז נישט דא קיין מחלוקת צווישען רש״י אין די אנדערע ראשונים – צי סאיז געניג מצוי – צי די 600,000 מענטשען דארפען אדורך גיין – יעדער לערענט אז זיי דארפען אדורך גיין - לפי זה קען בכלל נישט זאגען - אז סאיז דא א מחלוקת צווישען רש״י אין אנדערע ראשונים צי די 600,000 מענטשען דארפען דארך גיין איין גאס צי עס איז געניג אז זיי גייען דורך איין שטאט

אויך וואס ר׳ משה קוועטשט אריין אין דעם מחבר אז עס איז דא א חילוק צווישען אין שטאט אין אויסער די שטאט - איז זייער שווער - סאיז א גרויסע דוחק - ווייל אין שו״ע שטייט דאך גארנישט וועגען דעם

אויך פין דעם וואס דער רמ״א אין סימן שנ״ז האט אנגענימען אז בזמנינו איז נישט דא קיין ר״ה – איז אראיה אז מען איז נישט מצרף 600,000 מענטשען אין א שטאט – ווייל אויב יא וואלט דאך יא גווען א ר״ה בזמנו פינקט אזוי ווי בזמנינו

היוצא לנו – אז מיר לערנען – אזוי ווי מען האט געלערינט פאר **ר׳ משה׳ן** – ווי ר׳ משה אליינס שרייבט דארטען (א׳ קל״ט) אז ער האט א **נייע פשט** אין דעם ס׳ רבוא – כאטשיק סאיז דא נאך פוסקים וואס האבן חושש גווען אז מענהעטען איז א רשות הרבים אפילו סגייען נישט קיין ס׳ רבוא אויף איין גאס – דאס זענען דער דער כתר תורה דף ס׳. (רב הערמן) אין דער הלכתא רבתא לשבתא (רב יהודה דוד בערנשטיין) – (אבער מיט רב יהודה דוד בערנשטיין – בין איך מסופק – מיין ספק איז מכח וואס אין דף כ״ז שרייבט ער דארטען ״קימט אויס אז א פאהר מיליאן גייען אויף איין פלאטץ – אוסער דעם אסר׳ט דער גאס בראדוועי לכל הדעות״ – זעהט לכאורה אויס אז זיין חומרה איז גווען ווייל ער האט גמיינט אז אין מענהעטען גייט ס׳ רבוא אויף איין גאס) – **נאך אלץ האט ר׳ משה רעכט וואס ער זאגט אז ער האט א נייע פשט – ווייל פין אויבען אויף האבען דיע מחמירם גארנישט גברענגט קיין סמכות צו זייער חומרה – אבער ר׳ משה לויט זיין פשט האט ער א גרויסע ראיה צו זיין חומרה**

כמה פעמים ביי זייערע דרשות - האבן רבנים מנגדי העירוב אויסגרעכענט א גאנצע חבל פוסקים וואס האלטען אז גאסן פין גרויסע שטעט זענען א ר״ה - די רבנים זענען נאכגאנגען שיפולי דגלימא פין דעם ספר יציאת השבת אין דעם ספר איזהו רשות הרבים וואס דארטען ווערט אויסגרעכענט די פוסקים (זעה אין ספר איזהו רשות הרבים דף צ״ט)

אבער באמת איז נישט שייך צו זאגן אז די פוסקים האבן געשאסען צוויי פייגלען מיט איין קויל אין

מען זאל אפילו נישט הערען דעם קול פין דעם שאס - דאס הייסט אז מען קען נישט זאגען אז די פוסקים האבן מחדש גוועהן צוויי חידושים מיט איין מאהל אין זיי זאלען גארנישט רעדען וועגן די חידושים - במילא קען מען נישט זאגן אויפען טשיבינער רב אדער אויף די אנדערע פוסקים וואס האבן געזאגט אז נ"י אדער לונדן איז א ר"ה - אז זיי האבן גמיינט צי זאגן אפילו עס גייען נישט קיין 600,000 מענטשען אויף איין גאס אין די געסער זענען נישט מכוון איז עס נאך אלץ א ר"ה - ווייל מדארף נישט אז עס זאל גיין 600,000 מענטשען אויף איין גאס - סאיז גענוג אויב דער סכום איז אין איין שטאט ווי ר' משה האלט - אויך דארף מען נישט קיין מכוון - ווייל מכוון דארף זיין נאר אין א שטאט ווי עס דא א חומה - ווי דער ספר יציאת השבת אין דער ספר איזהו רשות הרבים האלטען (ווי עס איז דערמאנט ווייטער אין דעם צווייטען היתר)

סאיז זיכער אז דאס וואס די פוסקים האבן געשריבען אז נ"י אדער לונדן איז א ר"ה - ווייל זיי האבן גמיינט אז סגייט מער פין 600,000 מענטשען אויף איין גאס (אויך האבן זיי אפשר גמיינט אז דער גאס איז מכוון פין איין עק ביז דער צווייטע עק ד.ה זיכער האבן זיי גוויסט אז די גאסען זענען נישט מכוון - אבער אז עס איז נישט דא אפילו איין גאס מכוון - האבן זיי נישט גוויסט - עכ"פ האבן זיי נישט געוויסט אויף זיכער אז עס איז נישט מכוון - במילא האבן זיי נישט גקענט מקיל זיין וועגן אינו מכוון - אויך קען זיין אז זיי האבן געהאלטען אז אויף דעם היתר פין מכוון אליינס קען מען זיך נישט סומך זיין - אזוי ווי איך שרייב ווייטער אין דעם צווייטען היתר - אבער פאר א צירוף היתר איז עס יא גיט ווי איך שרייב ווייטער)

א ראיה צי דעם – איז דער הלכתא רבתא לשבתא ווערט אויוועץ אראפגברענגט וואס ער שרייבט אז מיליאנע מענטשען גייען אויף איין פלאטץ – אויך שרייבט דער ספר תירוש ויצהר סימן ע"ג אז מיליאנע מענטשען גייען אויף דער שאסיי וואס פירט פין ווארשא צי פעטערבערג – כאטשיק אז היינט ווייסען מיר אז סגייט נישט אזוי פיל מענטשען אויף איין גאס – ווי איך האב אויוועץ דף נ"ח גברענגט פין ר' משה פיינשטיין אז אפילו אויף די גרויסע גשרים אין מענהעטן פארט נישט קיין 600,000 מענטשען אויך שרייבט ר' משה אין אגרות משה או"ח חלק ה' סימן כ"ח סיעף ט"ז דף ק' אז א סאך וויניגער מענטשען פין וואס דער תירוש ויצהר שרייבט זענען גגאנגען אויף דעם שאסיי וואס פירט פין ווארשא צי פעטערבערג

נאך ברענגט דער ספר איזהו רשות הרבים דף קל"ח א ראיה פין **ריטב"א**, **ר"ן בשם הרא"ה**, **רמב"ן**, **מאירו**, **אין פין מרדכי אז מדארף נישט ס' רבוא בפועיל**

באמת איז ער נישט גרעכט מיט די אלע ראיות:

לויט דעם ריטב"א דארף כאטשיק זיין סזאל זיין עלול אז ס' רבוא גייען דארטען – אבער אויב מווייסט פאר זיכער אז ס' רבוא גייען נישט דארטען איז עס נישט קיין רשוה"ר – ווי איך האב אויבען גברענגט פין דעם בית אפרים

דער סיבה פאר וואס ביי אונז איז אפילו נישט קיין צד ספק חושש צי זיין – אז דער פשט אין ריטב"א איז אפשר אזוי ווי דער משכנות יעקב – קען מען זאגען ווייל דער בית אפרים פרעגט זייער שטארק אויף דעם משכנות יעקב ער דריקט זיך אויס מיט דעם לשון "אפילו

דער משכנות יעקב וועט זיין מוכן ומוזמן א גאנצען טאג וועט מען נאך אלץ נישט קענען מוצא זיין פין דער פשטות פין רש"י" ד.ה. כאטשיק אז אין ריטב"א אליינס – זעהט אויס מעהר אזוי ווי דער משכנות יעקב – ווייל אין ריטב"א שטייט דאך נישט קיין איין ווארט אז 600,000 מענטשין זאלען דארפען דורך גיין – אבער דער ריטב"א רעט דאך לויט רש"י – אין רש"י קען מען נישט ארייגלערנען אזי ווי דער משכנות יעקב זאגט

דער פשט אין ר"ן בשם הרא"ה איז אזוי ווי דער תקות זכריה שרוג א' שרייבט – אז אין מדבר וואס סאיז גווען ס' רבוא אויף איין וועג – ווערט שוין דער גאנצער מדבר א רשוה"ר – אפילו די אנדערע וועגן וואס ס' רבוא זענען נישט דארטען גגאנגען – אזוי שרייבט אויך דער אשל אברהם פין בוטשאטש סימן שמ"ה – אויב סאיז דא ס' רבוא אויף איין גאס – איז זיך דער רשות הרבים מתפצל צי אלע געסער וואס זענען מכוון

פין רמב"ן איז פשוט אז עס איז נישט קיין ראיה

אין מאירו עירובין דף ב. לערן איך פשט פינקט פארקערט – דער מאירו זאגט דארטען אז מען דארף נישט אז די גאנצע ס' רבוא **זאל זיין ציזאמען** – סדארף נאר זיין א דרך מצוי פאר די ס' רבוא אין זיי זאלן זיין רגיל לעבור שם ד.ה. אז גאנצע ס' רבוא זאל זיין רגיל לעבור שם – **אפילו זיי זענען נישט ציזאמען** – צי דאס איז אין א שטרעקע פין א מייל, פינעף מייל, אדער אפשר אפילו הינדערט מייל

וועסט די מיר פרעגען פין מחנה לויה – וואס איז נאר גווען 12 מיל לאנג אין 16 איילען ברייט – וועל איך ענפערען – ווער זאגט אז עס איז נישט גווען מער פין 12 מיל? – איז דער תירוץ אויף דעם – רבה בר בר חנה זאגט דאס אין מסכתא עירובין דף נ"ה: – איז דער תשובה אויף דעם – מקען נישט ארויס לערנען פין דעם וואס נאר רבה בר בר חנה האט געזעהן – קיינער אנדערש האט נישט געזעהן – אין סשטייט נישט אין פסוק – פינקט אזוי ווי – מקען נישט ארויס לערנען אז א ר"ה איז לכל הפחות צויי מאהל 600,000 מענטשען - **אזוי ווי סאיז גווען ביים משכן - הא ראיה ווייל ס' רבוא איז גווען אהן עירוב רב, אהן פרויען, אהן מיידלעך, אין אהן קינדער - אלע ציזאמען איז זיכער גווען לכל הפחות צויי מאהל 600,000 מענטשען** (אין אפשר 5 מאהל 600,000) - **מ"מ קען מען נישט ארויסלערנען - אז כדי סזאל זיין א רה"ר דארף זיין צויי מאהל 600,000** – וויבאלד אין פסוק שטייט נאר 600,000 מענטשען ווי תוס' זאגט אין עירובין דף ו.

אין די זעלבע איז מיט די מאהס פין די ברייט – מקען נישט ארויס לערנען פין ווי אזוי עס איז גווען ביים משכן – אפשר איז דארט גווען בדרך נס אז עס איז גווען מיעט מחזיק את המרובה – אדער קען זיין אז מחנה לוויה איז גווען **500 אמה ברייט** – פין רש"י דארטען דף צ"ט. זעהט אויס – אז עס איז גווען מער פין 16 אמה ברייט – ווייל צוויי קרשים מיט נאך א אמה – פאר די צוויי זייטען – איז שוין 21 אמה – סאיז נישט מסתבר צי זאגען אז למעלה פין יוד איז גווען 21 אמה אין למטה איז נאר גווען 16 אמה – נאר מיר קענען נישט ארויס לערנען מער פין 16 אמה – ווייל אזוי פיל האט עכ"פ גדארף זיין למטה מי' – ווי רש"י

זאגט דארטען – די זעלבע קען מען זאגען אז סהאט געהאט לכל הפחות 500 אמה ברייט – סזאל זיין ברווח – אין עניות במקום עשירות – נאר מקען נישט ארויסלערנען מעהר פין 16 אמה

אין די ראשונים שטייט נישט אז די ס׳ רבוא דארפען דארך גיין דעם גאנצען גאס (וואס דער ספר איזהו רשות הרבים סימן ד׳ פרק ה׳ איז מאריך אין דעם אז במציאת קען דאס נישט זיין) – דאס וואס זיי שרייבען עוברים בו – מיינט צי זאגען אז ער גייט אויף יענער גאס אפילו ער גייט נאר א שטיקל גאס הייסט ער שוין אויך אן עובר בו

אין דאס וואס דער ספר איזהו רשות הרבים דף קע״ט ס״ק ג׳ שרייבט אז דער מהלך וועט נישט שטימען מיט רש״י – ווייל רש״י שרייבט אז עס דארף נאר זיין אן ״עיר״ וואס איז מצוי ס׳ רבוא אבער נישט אז בפועיל גייען אריבער ס׳ רבוא

איז גארנישט קיין טענה – ווייל דער ר״ן זאגט דאך אין אנפאנג פרק במה האשה אז רש״י איז מצריך אז ס׳ רבוא זאלען דארך גיין יעדען טאג

אין אפילו לויט דעם ריטב״א – לערענט דאך דער בית אפרים אז עס דארף כאטשיק זיין אז עס איז עלול אז ס׳ רבוא גייען דארטען – אויבען ווערן זיי אראפגברענגט

ובענין זיין ראיה פין מרדכי (הגהות שנמצאו במרדכי דף פ״ג:) – וואס דער מרדכי זאגט אז רש״י כאפט אן ס׳ רבוא נאר וועגען רבותא פין ירושלים – נישט ווייל סדארף זיין ס׳ רבוא – אויף דעם שרייבט דער בית אפרים דף מ״ד: – אז דער מרדכי שרייבט אזוי – ווייל ער האט נאר געהאט רש״י ערובין ו: גבי ירושלים

זעה אויך קונטרס העירוב פין קעטינגסאן סוף קונטרס – ער ברענגט דארטען אראפ מעהר פין 100 פוסקים וואס האבען מתיר גוועהן צי מאכען אן עירוב אין נו יארק – פין מהרש״ם ביז פוסקי זמנני (סווערט אויך גברענגט אין עירוב השכונתי דף 83 community Eiruv)

דער מהרש״ם האט נישט גוואוינט אין קיין מדבר – ער האט גאנץ גיט געוויסט אז ״נו יארק״ איז א שטאט וואס וואוינט מער פין 600,000 מענטשען - אין אעפ״כ איז דאס נישט גוועהן ביי עהם קיין צד צי אסר׳ן - אין נאך מער ווען רב הערמן אין גפארן פין אמעריקע קיין גאליציע צים מהרש״ם (ווי עס ווערט גברענגט אין הקדמה פין זיין ספר כתר תורה) **צי ברענגן אן איסר אויפען עירוב ער איז דארטען אפגעזעסען זעקס חדשים אין נאך אלץ נישט מצליח גוועהן צי ברענגן אן איסר אויפען עירוב מצד סוואוינען דא מער פין 600,000 מענטשען**

זעה אויך אין די הוספות ותיקונים אויף דעם גן יצחק דף א׳ וואס ער איז מדייק פין לשונות פין פוסקים - אז עס דארף זיין ס׳ רבוא אויף איין גאס

רוב פוסקים וואס ווערן גברענגט דארטען (אין קונטרס העירוב פין קעטינגסאן) **זענען גוועהן**

אדער זענען יעצט פוסקים וואס זענען מחשיב ר׳ משה׳ס פסק זיי האבען מסתמא נישט חולק גוועהן אויף עהם פאר זיי האבען שטארק מעיין גוועהן אין זיין ספר (דא רעד איך פין דיע פוסקים וואס האבן געפסק׳נט נאך דעם וואס דער אגרות משה איז שוין גוועהן געדריקט)

היוצא לנו אז א שטאט וואס האט 600,000 מענטשען אפילו אויב דער שטאט איז אזוי ווי א קעסטעל – די גאסען גייען גלייך – אין אויף די פיר זייטען פין שטאט גייט אויף יעדע גאס 60,000 מענטשען – אין אינוויינינג פין שטאט איז דא נאך זעקס גאסען וואס אויף יעדע גאס גייט דעם זעלבען מספר – אין די זעקס גאסען גייען אריין מכוון אין די גאסען וואס גייט אויסער די שטאט – איז עס נישט קיין ר״ה כאטשיק די גאסען זענען מכוון – ווייל סדארף גיין אויף איין גאס 600,000 מענטשען – אין נישט 600,000 מענטשען וואס זענען מצורף פין 10 גאסען

האבען מיר שוין איין היתר פארוואס וויליאמסבורג איז נישט קיין ר״ה - ווייל עס איז נישט דא אין איר קיין איין גאס וואס 600,000 מענטשען גייען דארטען אין איין טאג

א צווייטע היתר קען מען זאגען - די גאסען זענען נישט מכוון:

ר׳ משה׳ס מקור אז עס דארף נישט זיין מכוון - מפולשין אליינ׳ס מאכט א רשות הרבים

באמת איז שווער – אפילו אז ר׳ משה האט גלערענט אז אלע מענטשען פין שטאט זענען זיך מצטרף – דאס איז רעכט אויב די געסער זענען מפולש אין מכוון ווי עס שטייט אין מ״א סימן שמ״ה סיעף ז׳ – אבער פארוואס איז ער מחמיר סזאל זיך מצרף זיין – אפילו אויף אינזערע געסער וואס זענען נישט מכוון?

דער תמייה פארענפערט ר׳ משה אליינס דארטען אין ח״א סימן ק״מ – ער שרייבט דארטען איך האב נישט געשריבען וועגען דעם היתר פין מכוון **ווייל איך בין נבוך אין דעם** – ווער זאגט אז ביי דיגלי מדבר איז גוועהן מכוון – כאטשיק אז אין רמב״ן שטייט אזוי – פין ווי ווייסט ער דאס אהן א ראיה פין די גמרא?

אין חלק ח׳ או״ח חלק ה׳ סימן כ״ח אות ו׳ **איז ער זיך בעסער מתבטא** – ער שרייבט דארטען פין אלע ראשונים וואס הרב מנשה קליין ברענגט – האב איך נישט געזעהן אז זיי זאלען שרייבען שערים מכוונין – זיי שרייבען נאר מפולשין – וואס דאס קען מיינען אז סזאל זיין אפען אדורך אין אדורך סזאל נישט קיין הסגר - **אבער סאיז נישט מוכרח סזאל מיינען מכוון** – חוץ דער או״ז אין אויך דער מ״א שרייבט אזוי ווייל ער האט געזעהן אזוי אין רמב״ן

אין אות ז׳ שרייבט ער דארטען – אפילו אויב מוועט זאגען אז רש״י האלט אויך אזוי – זענען זיי נאר מיעוטם קעגען רוב ראשונים וואס זאגען נאר ״מפולשין״ סאיז מסתבר צי זאגען אז זיי קריגען – **וועגען דעם איז שווער מקיל צי זיין!**

וואס איז ר׳ משה׳ס מקור אז מכוון דארף זיין נאר ווי עס איז דא מחיצות

אין אות ז׳ איז ער מבאר שיטת רש״י אין ערובין דף ו׳ – ווי אזוי מען זעהט פין רש״י אז

דווקא ביי מוקף חומה דארף זיין "מכוון"– רש"י זאגט דארטען ד"ה ר"ה וכו' ועיר שמצוין בה ששים ריבוא ואין בה חומה (או) שהיה ר"ה שלה מכוון משער לשער שיהא מפולש דומה לדגלי מדבר ע"כ – איז אויב מען נעמט אן אז דער ווארט "או" איז פארינגעלט איז גארנישט קיין ראיה ווייל דעמאלט רעט רש"י א גאנצע צייט ביי אינה מוקף חומה אין אעפ"כ זאגט דארטען רש"י "מכוון" – אויב אבער מען איז יא גורס אין רש"י "או" דעמאלט איז דער פשט אדער עס איז יא דא א חומה (סאיז דא ראשונים וואס זאגען ארויס בפירוש או שיש בו חומה אין אזוי איז דער לשון פין שו"ע סעיף ז) אין אויף דעם גייט ארויף דער ענין פין מכוון – אין ביי אין בו חומה קען מען זאגען אז עס דארף בכלל נישט זיין מכוון

ברענגט זיך ר' משה א ראיה אז מען איז יא גורס "או" ווייל מען זעהט אז דער רא"ש ברענגט די גירסא "או" (דער יציאת השבת אין דער ספר איזהו רשות הרבים לייגן צי – אז אסאך ראשונים זענען גורס "או") – לויט דעם איז עהם מסתבר צי זאגן אז דער ענין פין מכוון דארף זיין נאר ביי א חומה

וואס איז דער סברה מחלק צי זיין אין מכוון - צי עס איז דא א חומה צי נישט – זאגט ער דארטען וויבאלד די יודן זענען גוועהן אין מדבר זענען זיי גוועהן ארום גענימען מיט וואלקענעס וואס דאס איז גוועהן שטערקער פין מחיצות – אין ווען זיי האבען גוואלט ארויסגיין האבען זיי געקענט – האט דאס געהייסען אזוי ווי זיי גייען ארויס פין די טירען – אין וועגען דעם האט דאס גהייסען אזוי ווי די טירען זענען מכוון איינס קעגן דעם אנדערען אין זיי זענען אפען (ווייל ער האט דאך געקענט ארויסגיין פין ווי ער האט גוואלט) אין וועגען דעם האט דאס געהייסען א ר"ה אפילו סהאט געהאט מחיצות (ווייל ער האט דאך געקענט ארויסגיין פין ווי ער האט גוואלט) במילא לערענט מען ארויס אז א שטאט וואס איז ארום גענימען מיט חומה ווערט א ר"ה ווען די פתחים זענען מכוון – אבער א שטאט וואס האט נישט קיין חומה קען מען נישט ארוס לערנען (דעם דין מכוון) פין דיגלי מדבר וואס האט יא געהאט א חומה עכת"ל

דאס וואס ר' משה שרייבט אז די עננים האבען געהאט א דין פין מחיצות – איז קעגען דעם ראבי"ה סימן שע"ט וואס זאגט אז אין מדבר איז נישט גוועהן קיין חומה – אבער אין אנדערע ראשונים טרעפין מיר יא אז די וואלקענעס האבען געהאט א דין פין מחיצות (אין דברי מנחם דף נ"ד האט אן אריכות אין דעם ענין) דער קשיא אויף די ראשונים וואס זאגען אז די עננים האבען געהאט א דין פין מחיצות – איז פשוט – אויב אזוי ווי אזוי איז עס גוועהן א ר"ה – דער תנאי פין ר"ה איז – אז עס זאל נישט זיין קיין מחיצות? אבער ר' משה פארענפערט דאס – וויבאלד מען האט געקענט ארויס גיין פין ווי מען האט געוואלט – הייסט עס אזוי ווי עס איז אפען אין דער פתח איז מכוון איינס קעגען דעם אנדערין ווי איך האב יעצט געשריבען

אבער באמת איז ווייטער שווער וואס האט ר' משה אויפגטיהן מיט זיינע מחיצות – דער גאנצע זאך פארוואס די ראשונים זאגען אז עס איז גוועהן מחיצות – ווייל זיי ווילען פארענפערן די קשיא – ווי אזוי האבן די יודן גמעגט אהיים גיין פין קבלת התורה – סאיז דאך אסור מכח תחום שבת – אויף דעם ענפערען זיי – סאיז גוועהן מחיצות
אבער לויט ווי ר' משה זאגט – האבן דאך די מחיצות גארנישט אויפגעטיהן – איז דאך

הדרא קושיא לדוכתיה – ווי אזוי האבן די יודן גמעגט אהיים גיין – סאיז דאך אסור מכח תחום שבת

אויך איז ר' משה'ס מהלך זייער שווער – ווי אזי זאגט ער וויבאלד מען האט געקענט ארויס גיין ווען מען האט געוואלט הייסט עס אזוי ווי עס איז **אפען** – דאס איז נגד הסברא – לויט דער סברא וואלט מען געדארפט זאגען – אז עס הייסט אזוי ווי טירען וואס **זענען פארמאכט אין נישט פארשלאסען** – וואס דאס הייסט לכאורה א מחיצה – עד כאן קריגען זיך נישט אריין די ראשונים אויף א ר"ה סזאל קענען הייסען א רה"י – וואס איינער זאגט אז די טירען דארפען זיין פארשלאסען ביינאכט אין איינער זאגט סאיז גענוג ראי לנעול – דאס איז נאר אז די טירען זענען אפען – אעפ"כ זאגט מען אויב מען פארמאכט עס ביינאכט – **הייסט עס א רה"י אפילו אויף בייטאג וואס עס איז אפען** – אין דער אנדערער זאגט אפילו אויב עס איז נאר ראי לנעול הייסט עס א רה"י – אבער בשעת די טירען זענען פארמאכט אפילו זיי זענען נישט פארשלאסען (אין זיי זענען נישט ראי לנעול) האלט לכאורה קיינער נישט אז עס הייסט א ר"ה –

מיר לערנען פשט אין רש"י אז סיי סאיז דא א חומה אין סיי סאיז נישט דא

קיין חומה דארף זיין מכוון אזוי ווי די דיגלי מדבר וואס האט נישט געהאט קיין חומה ווי דער ראבי"ה זאגט - אין מיר האבען נישט קיין שום סברה מחלק צו זיין צי סהאט א חומה צי סהאט נישט קיין חומה

נאך א סברה קען מען זאגן מחלק צו זיין אין מכוון - צי עס איז דא א

חומה צו נישט – דער ספר דברי מנחם דף כ"ד ברענגט דעם שוע"ה – **וואס דער שוע"ה זאגט אויב דער רה"ר איז מכוון האט ער נאר צוויי מחיצות** (פון די צוויי זייטען פון חומה) וועגען דעם איז עס א רה"ר אין אזוי ברענגט ער אויך פון ספר מים רבים סימן ל"ח

דא האט ער גברענגט א ראיה לסתור – אין די ליטווישע (ספר יציאות השבת אויך דער ספר איזהו רה"ר) האבען דא געטראפען א צד מנצח זיין – פון דעם שוע"ה אין דעם ספר מים רבים זעט אויס אז במקום וואס סאיז נישט דא קיין חומה דארף מען נישט אז גאסען זאלען זיין מכוון – **אז דער גאנצע ענין פון מכוון איז נישט ווייל מען לערענט דאס ארויס פון דיגלי מדבר** – נאר ווייל סזאל בלייבען א רה"ר כאטשיק סאיז דא א חומה – במילא איז עס נאר ביי א חומה וואס דעמאלט אויב עס איז ניש מכוון – איז דא דריי מחיצות – אבער דארטען ווי עס איז נישט דא קיין חומה איז עס א רה"ר אפילו אויב עס איז נישט מכוון

באמת ווייס איך נישט ווי אזוי צו פארענפערין דעם דיוק וואס קימט אויס פון שו"ע הרב (אבער אין ספר מים רבים בין איך גארנישט מסופק – ער זאגט בפירוש אז עס דארף נישט זיין מכוון ווערט ווייטער אראפגברענגט) – אבער פון רש"י קימט נישט אזוי אויס – רש"י עירובין דף ו. זאגט דאך אז דער טעם פארוואס סדארף זיין מכוון – איז ווייל מען לערינט ארויס פון דיגלי מדבר – וואס דארט איז גוועהן מכוון

פון דעם מאירי שבת דף ו. וואס ווערט ווייטער אראפגברענגט זעהט מען אויך אז דער ענין

פין מכוון איז נישט סזאל נישט זיין קיין דריי מחיצות ווי עס איז דערמאנט פריער – נאר סזאל זיין מעגלעך פאר רבים צי גיין אן קיין קרומקייטן ווי דער מאירו שרייבט דארטען

מיר זעהט אויס – אז דער טעם פין מאירי – מיט דער טעם פין רש״י אין אנדערע ראשונים וואס זאגן אז סדארף זיין מכוון סזאל זיין דומה צי דיגלי מדבר – אזביידע זענען איין טעם

ד.ה. דער מאירי וואס זאגט ״מזאל קענען גיין ביושר בלי שום עיקום״ דארף נאך אלץ אהן קימען צי דיגלי מדבר – ווייל אויב ביי דיגלי מדבר וואלט מען נישט גקענט גיין ״ביושר בלי שום עיקום״ אין אעפ״כ איז עס גוועהן א רה״ר – וואלט דאס זעלבע גוועהן ביי אונז

די ראשונים וואס זאגן – אז מכוון דארף זיין סזאל זיין דומה צי דיגלי מדבר – דארפען נאך אלץ אנקימען צי דער טעם ״מזאל קענען גיין ביושר בלי שום עיקום״ ווייל עפעס וואס האט נישט צי טיהן מיט באקוועמליכקייט פארן רבים צי גיין – לערענט מען נישט ארויס פין דיגלי מדבר – דרך משל אין מדבר איז דער ערד גוועהן זאמד מיט עמוד ענן – ביי אונז איז דער ערד סעמענט מיט פעך – אין מדבר איז גוועהן עמוד האש – ביי אונז איז דא לעקטער

אבער לכאורה קען מען אבער פרעגען אז אויב ביי א מקום חומה דארף זיין מכוון – ווייל אויב נישט איז דא דריי מחיצות ווי דער שו״ע הרב אין דער ספר מים רבים זאגען – אויב אזוי פארוואס זאגט רש״י – סדארף זיין מכוון ווייל מען לערענט דאס ארויס פין דיגלי מדבר – אהן דעם לימוד פין דיגלי מדבר – דארף דאך זיין מכוון – ווייל אויב נישט איז דא דריי מחיצות?

דער קשיא קען מען פארענפערען – אז רש״י מיינט צי זאגען אז א ר״ה דארף זיין מכוון – אין אויב סאיז נישט מכוון דרך משל אז אפילו אויף דער גאס גייט 300,000 מענטשען אין נאכדעם דרייט זיך איין דער גאס אין אויף דעם איינגדרייטען חלק גייט אויך 300,000 מענטשען – **בין איך נישט מצרף ביידע חלקים** – אין סהייסט נישט קיין רשוה״ר (לכאורה דארף מען זאגן נאך מעהר – אז אפילו אויף יעדע חלק גאס גייט 600,000 מענטשען – איז עס נאך אלץ נישט קיין רשוה״ר – ווייל דער גאס איז נישט מכוון פין אנהייב גאס ביז סוף גאס) – אפילו אז יעדע חלק איז **אפען אדורך אין אדורך** (אין אויף יעדע חלק איז נאר דא צוויי מחיצות) – אין דאס וואס מען דרייט זיך איין – איז ווייל דער געפלאסטערדער וועג דרייט זיך איין – אין אויב מועט גיין גלייך וועט מען טרעטען אין גראז, זאמד, בלאטע, אדער דערנער – איז עס נאך אלץ נישט קיין רשו״ה ווייל דער וועג איז נישט מכוון משער לשער

דער ספר גן יצחק ברענגט דארטען דף ט׳ אות ד׳ – אז אין רשב״א, ריטב״א, מאירו, אין אר״ז שטייט אז אפילו ווי עס איז נישט דא קיין חומה – כדי עס זאל זיין א רה״ר דארף זיין מכוון – לויט דעם איז מסתבר צי זאגען אז די ראשונים וואס האבען געשריבען מפולש - האבען אויך געמיינט מכוון - אין מכש״כ דיע ראשונים וואס האבען געשריבען מפולש משער לשער - איז א וודאי מסתבר צי זאגן אז זיי האבען געמיינט מכוון

איך וועל זיך נישט מטריח זיין אראפציברענגען די לשונות פין די ראשונים – זייערע לשונות קען מען טרעפען סיי אין ספר גן יצחק (זעה דארטען סימן ב׳ דף ה׳) אין סיי אין ספר איזהו

רשות הרבים

ר' משה פרעגט פין ווי נעמען דאס די ראשונים אז אין מדבר איז גוועהן מכוון אהן א ראיה פין די גמרא – במילא האלט ער אז דיע ראשונים זענען א מיעט – אין רוב ראשונים קריגען אויף דעם ווי עס איז אויבען דערמאנט – אויף דעם זאגט דער דברי מנחם דף י"ט אז מיר געפינען דעם רמב"ן וואס כאטשיק ער האלט אז ס' רבוא דארף נישט זיין ווייל מקען נישט ארויסלערנען פין דיגלי מדבר נאר וואס שטייט אין די גמרא – אדער מכוון דארף יא זיין – **זעט מען פין רמב"ן אז מכוון איז מוכרח אין דער רמב"ן האט גלערענט אז דאס וואס די גמרא זאגט מבואות המפולשין מיינט מכוונין**

וואס איז טאקע דער הכרח אז די דיגלי מדבר איז גוועהן מכוון – זאגט דארטען דער דברי מנחם – ווייל סשטייט אז דער עמוד ענן האט גלייך געמאכט אלע בערג – דאס הייסט דרך משל אויב א מענטש האט א גלייכען ליידיגע שטח פין י"ב מיל אויף י"ב מיל – אין ער וויל אויף איר באויען א שטאט – וואלט ער געמאכט די גאסען מכוון – ווייל אזוי איז שענער אין פראקטישער

לפי זה אז מיר האבען נישט קיין שווערקייט – פין ווי די ראשונים האבען גענימען אז עס דארף זיין מכוון – איז אינז מסתבר צי זאגען אז די **ראשונים וואס האבען געשריבען מפולש - האבען אויך געמיינט מכוון**

דער ספר איזהו רשה"ר אין דער מבוא איז מדייק פין רש"י – אז אמאהל כאפט רש"י אן "מפולשין" – אין אמאהל "מכוון" – ער וואזט אהן אין פרק א' אז דארטען ווי עס רעדט זיך ביי א חומה שטייט "מכוון" אין דארטען ווי עס רעדט זיך ביי אין בו חומה שטייט "מפולשין"

פין אויבען אויף – האט ער א שטארקע דיוק אין סאיז א שטארקע ראיה צי זיין מהלך – אבער סאיז דא אויך א שווערקייט צי זיין דיוק – ווייל אין דף ל"ג: ברענגט ער – רש"י ערובין דף ו: ד"ה אבולי דמחוא "שערי העיר מכוונים זה שנגד זה" – אין תוס' זאגט עירובין דף כ"ו. ד"ה בבי תורה "אז מחוזה איז א עיר שיש בה חומה" זעהט מען אז מחוזה איז א שטאט וואס האט א חומה – איז זייער גיט וואס רש"י זאגט מכוונים זה כנגד זה – **אבער באמת** איז פין תוס' נישט קיין ראיה אויף רש"י'ס שיטה – **ווייל תוס' ברענגט דארטען אז רש"י האלט אז מחוזה האט נישט קיין חומה - אין אעפ"כ זאגט רש"י "שערי העיר מכוונים זה שנגד זה"**

איך טראכט צי פארענפערען זיין דיוק על דרך זה – "מכוון" קען מען זאגען נאר אויף א דבר מסיום – דער שער איז מכוון אקעגען דעם אנדערע שער – נישט קיין חילוק צי עס איז דא חומה אדער נישט– אבער ווען מען רעט דארטען ווי עס נישט דא קיין חומה אין עס איז אויך נישט דא קיין שער – סאיז ליידיג סאיז נאר דא לופט – איז נישט שייך צי זאגען אז דער ליידיגע פלאטץ איז מכוון קעגען דעם אנדערע – דארטען ניצט מען דעםווארט "מפולש" אז דער עק רה"ר איז מפולש קעגען דעם אנדער עק ד.ה. עס איז "הויל" פין איין זייט צי דער אנדער זייט

נאך זאגט דער ספר הנ"ל אז דערווארט "מפולש" טייטשט דער ערוך "אפען" ד.ה. אז דער ווארט מפולש איז בכלל נישט כולל "מכוון"

אבער באמת זעהט מען אין דער גמרא עירובין דף ו. אז מפולש מיינט אויך "מכוון" – וויבאלד דער גמרא ברענגט א מחלוקת פין רב אין שמואל – צי א מבוא עקום איז תורתו כמפולש או כסתום – איז אויב אין ווארט "מפולש" איז גארנישט נכלל "מכוון" – איז דאך נישט שייך צי זאגן תורתו כמפולש ווייל א מבוא עקום איז דאך אויך מפולש – דער גמרא וואלט גדארפט זאגן תורתו כפתוח או כסתום אלא מאי איז א ראיה אז "מפולש" איז אויך כולל מכוון – איך האב געטראפען אז הרב בנציון וואזנער בעל המכשיר פין פלעטבושער עירוב אין קונטרס אור ישראל קובץ י"ט ברענגט אויך די ראיה

דער גן יצחק דף י' אות ו' ברענגט אזוי פין די אחרונים - צמח צדק בפירוש המשניות שבת פ"א, מהרש"ם חלק ג' סימן קפ"ח, תפארת ישראל, תירוש ויצהר סימן ע"ג, תיו יהושיע, אין בריוו פין ר' שלמה דוד כהנא בנוגע דער עירוב אין שטאט ווארשע (דער בריוו ווערט אראפגברענגט אין דברי מנחם דף מ"ב) **אויך פין ויען יוסף - אז כדי סזאל זיין א רה"ר דארף זיין מכוון**

איך וויל מוסיף זיין נאך א פוסק וואס זאגט אזוי – ר' שלמה זלמן אין זיין ספר מנחת שלמה תנינא סימן ל"ט

זיי אלע רעדען זיכער אפילו ביי א פלאטץ ווי עס איז נישט דא קיין חומה – ווייל אזוי זענען דאך אלע זייערע שטעט גוועהן

לעומת דעם גן יצחק – האב איך געזעהן אז דער ספר יציאת שבת סוף סימן א' איז מדייק פין מהרש"ם – אז ער זאגט נאר מפולש משער לשער – ער זאגט נישט מכוון – זעהט מען אז ער האלט אז סדארף נישט זיין מכוון (כאטשיק אז עס איז מער נוטה אז דער מהרש"ם האט געמיינט מכוון – אבער קיין שטארקע ראיה האבן מיר נישט פין מהרש"ם אז עס דארף זיין מכוון)

אויך האב איך געזעהן אין ספר איזהו רשות הרבים דף מ' אין הג"ה – שרייבט ער דארטען אז דער צ"צ וואס איז פריער דערמאנט – פין אנפאנג זעהט אויס אז ער האלט נישט אזוי ווי עהם (ווייל ער שרייבט דארטען אז עס דארף זיין מכוון) – אבער צים סוף זאגט ער יא אזוי ווי זיין מהלך ווייל ער שרייבט דארטען "מוקפת חומה שאני" ד.ה. אז נאר ביי מוקף חומה דארף זיין מכוון

באמת איז דער צ"צ נישט מכריע – קודם ברענגט ער – אז פין רש"י זעהט אויס אז עס דארף זיין מכוון – אין פין ב"י סימן שמ"ה איז נאך מער משמע אזוי – נאך דעם ברענגט ער דעם שו"ת מים רבים סימן ל"ז (אויף דער תשובה איז גחתמ'ט ר' שבתי נאווי) וואס זאגט אז מדארף נישט מכוון – אין צים סוף זאגט ער "וי"ל מוקף חומה שאני וצ"ע
אפילו אז מיר ווען נישט אהנעמען אזוי ווי ר' שלמה כהנא אין זיין בריוו דערמאנט אויבען – וואס אין דעם בריוו איז מבואר אז ער האלט אז דער היתר פין מכוון איז שטערקער פין דעם היתר ס' רבוא – ווייל אויף ס' רבוא – איז א מחלוקת – אין אויף דעם היתר מכוון – איז נישט דא קיין מחלוקת

אין מיר וועלען יא מפקפק זיין אויף דער היתר פין מכוון – אזוי ווי ר׳ משה שרייבט דערמאנט אויבען ״איך בין נבוך אין דעם וכו׳ רוב ראשונים דערמאנען נישט מכוון״ – מיר וועלען נישט מפקפק זיין מטעמו – נאר וועגן דעם טעם פין דעם שוע״ה הרב, אין פין דעם ספר מים רבים סימן ל״ח דערמאנט אויבען – אז נאר ביי מוקף חומה דארף זיין מכוון – ווייל אויב עס נישט מכוון איז דא דריי מחיצות

אבער וויניגער פין א ספק היתר – איז עס זיכער נישט – ווי דער צ״צ פירט אויס ״וצ״ע״ – ווייל סוף כל סוף קימט אזוי אויס פין רש״י, אין פין אנדערע ראשונים וואס דערמאנען ״מכוון״ – **ר׳ שבתי נאווי׳ס פשט זעצט זיך נישט גיט אריין אין רש״י**

דער ריטב״א שבת דף ו. שרייבט – אז רש״י האלט אז עס דארף זיין מכוון – דער יציאת השבת דף כ״ב האט א שווערקייט מיט דעם ריטב״א – ע״כ שרייבט ער – אז דער ריטב״א האט גהאט אן אנדערע גירסא אין רש״י – פאר אינז איז דער ריטב״א א ראיה

אין דאס וואס דער ריטב״א שרייבט ״אבל **לא** הסכימו לזה כל המפרשים״ – מיינט אז רוב ראשונים האלטען אזוי – אבער נישט אלע ראשונים – עכ״פ מיינט עס אז לכל הפחות האלב ראשונים האלטען אזוי – **אין נישט אזוי ווי דער יציאת שבת דארטען** – וואס ברענגט אראפ א פשט פין א כולל יונגער מאן – **אז עס סמיינט אז אלע ראשונים זענען חולק** – אויב דער ריטב״א וואלט גוואלט שרייבען – אז אלע ראשונים זענען חולק – וואלט דער ריטב״א געשריבען ״אבל **כל** המפרשים לא הסכימו לזה״

לפי זה קען מען עכ״פ מצרף זיין דער היתר פין מכוון – פאר א גרויסען סניף צים ערשטען היתר

ווייטער דף פ״ב ווי איך האב געשריבען דעם פינעפטען היתר – האב איך אראבגברענגט פין משנה ברורה א ס״ס – יעצט האבן מיר א דריטן ספק – ווייל די געסער זענען נישט מכוון

האבען מיר א צווייטע היתר פארוואס וויליאמסבורג איז נישט קיין ר״ה – ווייל די גאסען זענען נישט מכוון

א דריטע היתר קען מען זאגען

דאס איז דער חזון איש׳ס היתר – אין שטאט וואס מען איז ארום גענימען מיט הייזער איז מן התורה א רה״י – ווייל די הייזער ארום אין ארום האבען אן הלכה ווי מחיצות – אפילו סזאל גיין 600,000 מענטשען אויף איין גאס אין די געסער זענען מכוון
כאטשיק די הייזער זענען נישט מחובר – נאך אלץ איז עומד מרובה על הפרוץ – וואס מן התורה איז א גיטע מחיצה

אין דאס וואס רבים גייען אריבער די גאס איז נישט מבטל די מחיצות ווייל מיר פסק׳ענען אזוי ווי די רבנן אז רבים זענען נישט מבטל קיין מחיצות - אזוי פסק׳ענען רוב אחרונים ווי די דרבנן זיי

זענען ציגעצייכענט אין גן יצחק דף ל״ד אות ו׳

ר׳ משה אין ר׳ אהרן קאטלער האבען נישט געהאלטען פין חזון איש׳ס היתר אבער ר׳ יונתן שטייף אין זיין שו״ת סימן ס״ח האט יא געהאלטען פין דעם היתר, (ער ברענגט נישט דעם חזון איש – ער האט אליינס ציגעטרפען צי דער סברה פין חזון איש) אויך רב פישר אין זיין שו״ת אבן ישראל חלק ח׳ סימן ל״ו, אין אויך הרב עובדיה יוסף אין זיין ספר יביע אומר חלק ט׳ סימן ל״ג נעמען אן דעם חזון איש׳ס חידש

דעם היתר ניצט אויך דער כף החיים סימן שס״ב אות צ״ב בשם מנחת יהודה אויף יוצא צי זיין דעם שיטת הרמב״ם – וואס האלט אז סטאר נישט זיין פרוץ מער פין צעהן אמות אויב יא וואלט מען געדארפט לויט דעם רמב״ם קנים יעדע צעהן אמות ממעט צי זיין דעם חלל – אז דער שיטת הרמב״ם איז נאר ביי פרוץ מרובה על העומד – אבער אין שטאט איז עומד מרובה על הפרוץ ווייל מען איז ארום גענימען מיט הייזער – איז אפילו סאיז פרוץ מער פין צעהן אמות שאט נישט

א פערדע היתר קען מען זאגען

ברוקלין איז ארום גענימען מיט מחיצות: אזוי שטייט אין דעם שמיעס פין ר׳ טוביה גאלדשטיין – אז ער האט געשיקט פינף תלמידם מיט א בונה א מומחה – אין זיי האבען מברר גוועהן אז עס איז אמת אז ברוקלין איז ארומגענימען מיט מחיצות

אזוי שטייט אויך פין ר׳ גבריאל צינער אין זיין הסכמה אויף דעם ספר שמחים לשומרו – אז ער מיט נאך רבנים האט זיך מטריח גוועהן אין ארום געגאנגען גאנץ ברוקלין – סאיז זיי נתאמת געווארן – אז ברוקלין האט דריי מחיצות

אזוי שטייט אויך צווישען די בריוון פין וועד העירוב פין ב.פ. – א בריוו פין ר׳ יחזקאל ראטה – שרייבט ער דארט בתוך הדברים אז סאיז נתברר געווארען אז ברוקלין איז ארומגענימען מיט מחיצות (דער קונטרס מאז ומקדם דף ל״ט ס״ק 109 שרייבט אז ר׳ יחזקל ראטה׳ס בי״ד איז אויך ארום גגאנגן גאנץ ברוקלין)

אויך שטייט אין קונטרס פין קעניגסטאן׳ער עירוב א ביאור פין מיין קרוב הרב שלמה גראס דיין פין בעלזא ב.פ. – דארט איז ער מבאר אז ב.פ. וויליאמסבורג, אין קראנהייטס אין ארום גענימען מיט מחיצות

אויך שטייט אין קונטרס אור לישראל קונטרס כ׳ דף רמ״ה א ביאור פין ידידי ר׳ נחום יצחק גראז אז ברוקלין איז מוקף מחיצות

א פינעפטע היתר קען מען זאגען

דער משנה ברורה׳ס היתר אין ביאור הלכה סימן שס״ד – מכח ס״ס – ספק אפשר איז דער הלכה ווי דער צווייטע דיעה פין שו״ע אז כדי סזאל זיין א ר״ה דארף זיין אז 600,000 מענטשען זאלען דארטען גיין (כאטשיק אז ביי אינז איז דאס נישט קיין ספק – ווייל רוב ראשונים האלטען אזוי, דער רמ״א נעמט אזוי אהן, מיר נעמען אהן ווי די חכמי אשכנז – אפילו זיי זענען נישט קיין רוב – מכ״ש ווען זיי זענען רוב – ווי איך האב געשריבען אויבען דף ס״ג – מ״מ שרייב

איך יעצט דעם פינעפטען היתר – בדרך אם תמצא לומר – אז מיר נעמען נישט אהן פאר אן הכרעה אזוי ווי די מקילם – נאר מיר נעמען אהן אז סאיז א ספק – קען מען נאך אלץ מקיל זיין מכח ס"ס וכו') אין ספק אפשר איז דער הלכה ווי די דרבנן אז לא אתי רבים ומבטלי מחיצה – **אין לויט די רבנן וועט אוודאי העלפען צורת הפתח מן התורה אין א ר"ה** – ווי סקימט אויס פין דער רמב"ם וואס פסק'ענט ווי די דרבנן

דער מ"ב איז אבער מהסס אין דעם ס"ס – דער ס"ס איז עהם גיט פאר א לימוד זכות אבער נישט פאר לכתחילה – זאגט הרב עובדיה יוסף יב"ע ח"ט סימן ל"ג – אז דער סיבה וואס דער משנה ברורה האט נישט אנגענימען דעם ס"ס פאר לכתחילה – איז ווייל יעדע ספק איז עהם גוועהן נאר א מיעט – אויף יעדער ספק האט ער געהאט רוב פארקערט – דער ספק אפשר איז דער הלכה ווי דער צווייטע דיעה איז עהם גוועהן א מיעט ווייל ער האט געהאט רוב ראשונים פארקערט ווי ער שרייבט דארטען – אויך דער ספק אפשר איז דער הלכה ווי די דרבנן איז עהם גוועהן א מיעט ווייל ער האט געהאט רוב פוסקים וואס פסק'ענען אזוי ווי ר' יוחנן אז אהן דלתות איז דא א חיוב חטאת (דאס איז אזוי ווי ר' יהודה) – **פירט אויס הרב עובדיה** יוסף אז דער אמת איז נישט אזוי – דער ערשטער ספק איז נישט קיין מיעט – ווייל רוב ראשונים פסק'ענען אז כדי סזאל זיין א רשות הרבים דארפען דארטען גיין **600,000** מענטשען – ווי דער בית אפרים איז מבאר ווערט אראפגברענגט אויבען

– אין וועגען דעם צווייטען ספק האט ער נישט קיין פראבלעם ווייל ער גייט דארטען מיט דער מהלך פין א פאהר ספרדישע אחרונים וואס זאגען אז אפילו א דעת מיעט איז זיך מצטרף צי א ס"ס

אבער באמת דארפען מיר נישט צי קימען צי דעם – אפילו מיר זאלען אנעמען ווי דיעה וואס לערנען אז א דעת מיעט איז זיך נישט מצטרף צי א ס"ס זיי ווערן גברענגט אין שדה חמד ח"ה דף 187 (פין אויבען אויף זעהט מיר אויס אז אזוי האבן מיר אנגענימען) – האבן מיר נאך אלץ א ס"ס ווייל

דער צווייטער ספק איז אויך נישט קיין דעת מיעט – ווייל רוב אחרונים פסק'ענען ווי די דרבנן אז לא אתי רבים ומבטלי מחיצה אין לויט דעם העלפט מן התורה צורת הפתח אפילו אויף א ר"ה – אויבען דף פ"ב האב איך צי געצייכענט דעם גן יצחק וואס צייכענט צי די ערטער פין רוב אחרונים וואס פסק'ענען ווי די דרבנן

אזוי איז אויך דער תולדות שמואל דארטען סימן פ"א דף קנ"ז איז מעיר אופען משנה ברורה – אז רוב ראשונים אין אחרונים האלטען ווי די דרבנן – ער רעכענט זיי דארטען אויס

היוצא לנו מיר האבען נישט וואס מפקפק צי זיין אויף דעם וויליאמסבורגער עירוב

ונחנו מה לא עלינו תלנותיכם - כי על ה'

ו) איבערבליק אופען עירוב:

ווען נישט וואס עס איז גוועהן אין מיינע צייטן וואלט איך עס נישט גגלייבט – אוי לעיניים שכך ראו
דער גרעסטער פון שטאט * (ר׳ פישל הערשקאוויטץ) מאכט אן עירוב אין זאגט אז דער עירוב איז מובחר שבמובחר !

לעומת זה גייט ארויס א חבורה פון א פאהר טויזענט יודן מיט אן הפגנה קעגן דעם עירוב ווייל זיי האבן זיך גחלומט אז סאטמער רבי איז גוועהן שטארק אקעגן מאכן אן עירוב אין וויליאמסבורג

דאכט זיך אז פון בעל שם טוב ביז אינזער הייליגע וויליאמסבורג – איז נאך נישט גוועהן מען זאל ארויס גיין מיט אן הפגנה קעגן א רב – נאר ווייל ער האט גפסק׳ענט קעגן א רבי – קיינעם איז נישט איינגעפאלן ארויס ציגיין מיט אן הפגנה קעגן דעם שואל ומשיב – פאר דעם וואס ער איז ארויס קעגן צנזר רב אין האט מתיר גוועהן מאשין מצות

דער חת״ס או״ח סימן ט״ז שרייבט – פאר דעם שואל ״דעם ספר לקוטי אמרים האב איך נישט״ – אין נאכדעם וואס ער איז דן אויף די ווערטער פון ספר (בענין נסחאות) פירט ער אויס – איז דער ספר לקוטי אמרים פאר מיר ווי א ספר חתום – אין דער רמב״ן שרייבט אין מלחמת חובה אז יעדער זאך וואס שטייט נישט אין דער גמרא בבלי, ירושלמי, אדער אין מדרש דארף מען נישט גלייבן – ווער סגלייבט גלייבט !

הרב קאמלהאר אין ספר דור דעה ערך נודע ביהודה – ברענגט בשם דעם ריזשונער – א טעם פארוואס זענען גדולי ישראל מתנגדים – ווייל ווען עס קימט צו אן הלכה דארף מען פסק׳ענען לויט דער שכל ווי עס קימט אויס פון ש״ס אין ראשונים – אין נישט לויט אמונה במילא וויבאלד די גדולים זענען קטנה אמונה וואס דאס איז גיט פאר זיי – זענען זיי אויך קטנה אמונה בענין פין גלייבן אין צדיקי הדור

נישט אין ש״ס בבלי אדער ירושלמי, אין נישט אין מדרש איז דא אזא מין חשש וואס זיי ברענגן אראפ ״דער עירוב קען זיך איבער רייסן אין מוועט עס מער נישט פארעכטען – אין דער עולם וועט ווייטער טראגען״ – במילא ווער דאס וויל גלייבן גלייבט ווער דאס וויל נישט דארף

---

* איך וועל א ביסעל מצייר זיין ווער ר׳ פישל איז – מיין פעטער ר׳ אייזיק שפירא האט מיר פארציילט אז ר׳ פישל ביי זיין עלף יאהר – האט גקענט מסכת חולין מיט דער ערשטער חלק יו״ד – אין מתוך זיינע כשרונות האט קיינער נישט גקענט לערנען מיט עם – נאר אברהם׳עלע מענדלאוויטש – האב איך גפרעגט ר׳ אברהם מענדלאוויטש וועגען דעם – האט ער מיר פארבעסערט ״ביי צוועלף יאהר,״ דער ערשטער חלק יו״ד אהן שחיטה אין טרפות – אין נישט נאר מסכת חולין אליינס – נאר אויך נדרים, שבועות, מכות – זיי האבען דאס גלערענט אליינס אהן א רבי׳ן – אויך תוספות האבען זיי גלערענט

נאך האט מיר ר׳ אברהם מענלאוויטש פארציילט – אז ר׳ פישל ביז צים דעפאטירן (1923–1944/5) – האט געענדיקט 3 מאל ש״ס

נישט – ווי דער חתם סופר זאגט (אבער דער וואס גלייבט יא – דארף אויך גלייבען אז סאיז דא א חילוק צווישען וויליאמסבורג און אנדערע מקומות – ווייל אויב סאיז נישט דא קיין חילוק טאר ער דאך נישט גלייבען אין דעם חשש – ווייל אויב יא גלייבט ער עפעס קעגען חז"ל)

אזוי האט מיר אויך ר' פישעל גפסק'ענט (מיט אן ערך פין 25 יאהר צריק) – אויף מיין שאלה צו מען מעג האלטען פסח אין שטיב מאשין מצות? "סהאט נישט צו טיהן מיט די הלכה סהאט צו טיהן ווי אזוי מען גלייבט ווייל להלכה איז נישט דא קיין שום שאלה אויף מאשין מצות מען דארף נאר וויסען ווי אזוי עס איז געמאכט" – האב איך עהם נאך אמאל געפרעגט מעג מען עס האלטן? האט ער גענפערט – יא!

כאטשיק אין תשורת ש"י איז יא דא אזא מין חשש – אין איינע פין זיינע טעמים פארוואס א בעל נפש זאל מחמיר זיין נישט צי טראגן מיט אן עירוב – זאגט ער ווייל אין די וועלדער ווערט אפגריסען דער עירוב אין מען ווייסט נישט

האט ער דאך נישט געמיינט כביכול אוסצירייסן דעם דין עירוב – ער האט נאר מחמיר גוועהן – דארטען ווי דער עירוב נעמט אריין וועלדער אין אפילו דארט אויך נאר פאר א בעל נפש !

אויך האב איך געהערט בשם ר' פישל אז דא אין וויליאמסבורג איז נישט דא דער חשש (חוץ מזה זאגען דאך די רבנים וואס זענען ממונם אופען עירוב אז מקיקט כסדר איבער דעם עירוב)

סאיז מוראדיג צי זעהן וואס דער גנת ורדים כלל ג' סימן כ"ב שרייבט – **דא אין מצרים א פלאטץ פין חכמים מיט סופרים האט מען געמאכט אן עירוב אויף א פאהר שכונות – אבער די אלטע לייט וואס האבן געוויסט די גבולות פין עירוב זענען שוין נישט דא – אויך ווייסט מען נישט צי דער עירוב שטייט נאך** – וועגען דעם האב איך זיך גענימען צי מאכען א נייע עירוב אין אפצשרייבען די גבולות פין עירוב עכת"ל

א פחד פין א תשובה – נאך דעם וואס סאיז ארויס אזא גרויסען מכשול האט ער זיך נאך אלץ נישט מונע גוועהן פין צי מאכן א נייעם עירוב – ער האט אפילו נישט מזהיר גוועהן – אז אן ערליכע יוד זאל נישט טראגן – אין אפילו נישט געזאגט אז א בעל נפש זאל נישט טראגן

באמת אפילו אויב סאיז דא אזא חשש אין מענהעטן קען מען נישט ציגלייכן וויליאמסבורג צי מענהעטן (ווי חז"ל מאכען א חילוק צווישען א מקום תורה מיט א מקום שאינו בני תורה – זעה אין תוס' ביצה דף ו' ד"ה והאידנא) - **אפילו אז מוועט עסען א כור זאלטץ וועט מען זיי נישט קענען פארגלייכן** (דער מליצה איז א לשון אין מסכתא שבת דף ה.)

אין וויליאמסבורג איז דא אן אנדערע חשש "די ערליכע יודן וועלן אפרייסן דעם עירוב" - אויף דעם האט מען געטראפן אן עצה - מען באהאלט דעם עירוב פון די ערליכע יודן !

די רבנים וואלטען זיך געדארפט שעמען ארויס צי ברענגן דעם חומרא "מען זעהט נישט דעם

עירוב״

פארוואס זעהט מען נישט דעם עירוב? **א דאנק דעם חינוך וואס מען געט אריין אין וויליאמסבורג !**

ביי א דרשה האט א רב געזאגט: ״זיי מיינען גארנישט דעם עירוב זיי מיינען דעם רבי׳ן זכותו יגן עלינו״

וועם קען מען דאס פארדאנקען? דעם רב אליין אין נאך אזעליכע רבנים ווי ער !
וועג נישט וואס זיי ווילען ארויפצווינגן אויף אינז – סאטמער רבי׳ס דעה – וואלט קיינער נישט געמיינט זייער רבי׳ן!

ז) זיי האבן געוואלט מכבד זיין סאטמער רבי׳ן מיט 10 מעלות האבן זיי עהם מבזה געוועהן מיט 20 דרגות

איך האב געהערט פון א סאטמער חסיד א חוות דעת – זיין מהלך געט כבוד פאר סאטמער רבי ער האט מיר געזאגט – לדעתו ״ווען דער עירוב וואלט ארויס געקימן בשעתו פון רבי׳ן זכותו יגן עלינו וואלט דער רבי ארויס קעגן דעם עירוב – **אבער אינטערן טיש וואלט ער דאס געשטיצט״**

איך וואלט וועהן מורא געהאט צי שרייבען וואס איך גיי דא שרייבען – אבער אזוי ווי איך האב געהערט כעין זה פין א סאטמער חסיד – ער געהערט צי ר׳ זלמן לייב ער טראגט נישט מיט דעם עירוב – אבער ער האלט אז עס דארף זיין אן עירוב דא אין שטאט – האט ער געזאגט ״**זיי פארשעמען דעם רבי׳ן סזעהט זיך אויס אז דאס איז דער רבי געוועהן״**

וועל איך זיך אויך ערלויבען צי שרייבען – ווען מען קיקט אריין אין דעם ״ילקוט מכתבים״ זעהט זיך אויס אז סאטמער רבי איז גוועהן אזוי גרויס ווי ר׳ מנשה פיליף – אבער ווען מען קיקט אריין אין דעם **חי אנכי לעולם** זעהט ער אויס ווי א גאון בישראל

איך וועל נאך א זאך שרייבען וואס איך וואלט נישט געשריבען – ווען נישט וואס איך האב געזעהן אין א קונטרס פין א סאטמער חסיד – וואס רעט זיך אפ דאס הארץ – אז נישט דאס האט דער רבי געמיינט – דאס איז היפך שיטתו – דער רבי פלעגט זיך מתאונן זיין פארוואס מען נעמט אן פין א רבי׳ן בלינדערהייט – וואס האט נישט קיין מקור פין פריער – לויט דעם וועל איך ציליגן – **חז״ל זאגען אם רבי לא שנאה רבי חייא מנין לו** – דאס טייטש אויב רבי האט דאס נישט גלערענט – פין ווי ווייסט דאס רבי חייא – דאס זעלבע קענען מיר פרעגען – אויב די פוסקים פאר סאטמער רבי האבען דאס נישט גלערענט – **פין ווי ווייסט דאס סאטמער רבי?**

נאך האט א א רב געזאגט ביי א דרשה: – די גאנצע דרשה איז גוועהן פין אמונה אין חומר פין טיהן אן איסר אים שבת קודש

אמונה: נישט צי מאכען אן עירוב איז היפך אמונה – ווי דער תשב״ץ שרייבט

שבת: איז וואס די חכמים אין אינזערע דור פסק׳ענען

אויך האט ער געזאגט א ספק איז דאך עס – ספק ר"ה – וואס אסאך פוסקים האלטען אזוי !
א רב וואס קען זאגען והוא שעמדה לאבותינו גייט עם אהן - אין נישט קיין צוואנציגס רמב"ם'ס –
האט נישט קיין סמכות צי זאגען אז עס איז דא א שאלה – אויך האבען מיר נישט קיין שום ראיה
אז ער קען דער ענין – והוא שעמדה לאבותינו קען גרינבוים אויך זאגען

אויך וואספארע נארישקייטען האט ער געזאגט – אינזערע מנהג אבותינו מעולם איז דאך
גוועהן צי מאכען אן עירוב אין די שטעט כאטשיק עס איז גוועהן ט"ז אמה ברייט – אויך
האבען מיר געפרעגט ר' פישל'ען נאך בחייו פין סאטמער רבי

אין בכלל וואספארע שייכת האט דא מיט והוא שעמדה לאבותינו – זייערע אבות מעולם
האבען דאך אויך געמאכט אן עירוב אין די שטעט כאטשיק עס איז גוועהן ט"ז אמה ברייט –
נוסיף לזה זאגט דאך אדווארער רב זקן הרבנים יושב ראש פין התאחדות הרבנים , זיין
שוואגער קעריסטירער רב, ר' יחזקאל ראטה, אין דער ספר חי אנכי לעולם – אז דער רבי האט
יא גהאלטן פון אן עירוב)

אז מען איז זיך מתבונן זעהט מען – אז דאס נישט מאכען אן עירוב קימט פין כפירה אין זייער
רבי'ן אין נישט פין אמונה – ווייל דער רבי האט בפירוש געגעבען געלט פאר דעם
ראצפערדער רב צי מאכען אן עירוב – וואס ענפערן זיי אויף דעם – אז דער רבי איז שוין
דעמאלט נישט געזינט געוועהן – אין ווען דער רבי איז געוועהן ביי די כוחות האט ער
קיינמאהל נישט מסכים געוועהן צים עירוב – דער מיינונג קימט פין כפירה – ווייל ווען מען
זאל טראכטען פין גאונית פין סאטמער רבי איז ער דאך נישט געוועהן דער גרעסטער פוסק –
פארוואס דען איז זיין דעת מכרעת קעגן די גאנצע וועלט ? – מיז זיין וועגען זיין רוח הקודש!

– איז דאך ווען ער איז שוין נישט געווען געזינט האט דאך זיין רוח הקודש נישט אפגעטיהן
פין עהם – ער האט דאך – נאך דעמאלט געשאקעלט מיט וועלטען

אויך האט איינער פון די מגידם געזאגט ביי א דרשה אויב מען פירט זיך שוין יארן לאנג אז
מען מאכט נישט קיין עירוב – איז דאס א מסורה!

ווער האט איבערגעגעבן דער מסורה? משה רבינו - נישט !
אין די תורה שטייט אל השופט אשר יהיה בימים ההם ! (זעה אין רמב"ם הלכות ממרים פרק ב'
הלכה א' אויך אין כסף משנה דארטען) דאס הייסט אז דער שופט אין זיין צייט קען משנה זיין די
מסורה

רבי האט מתיר גוועזן פירות בית שאן (חולין דף ו:) ווייל מען האט עדות געזאגט פאר עהם אז
ר' מאיר האט געגעסן דיע פירות – חברו עליו אחיו ובית אביו אין זיי האבן עהם גפרעגט ווי
אזוי קענסט די מתיר זיין א זאך וואס דיין טאטע אין זיידעס האבן מחמיר גוועזן?
האט ער זיי געענפערט וכו' אלא מקום הניחו לי להתגדר בו ! פירט אויס די גמרא פון דא לערינט
מען ארויס אז אויב א תלמוד חכם איז מתיר א זאך וואס מען האט פריער נוהג איסר גוועהן –
פארטשעפעט מען זיך נישט מיט עהם !

דאס וואס דער מגיד האט געזאגט "אויב ר' עקיבא אייגר האט גפסק'ענט האבן זיך 60 רבנים געשטעלט אין דער זייט" – דאס איז ביי אונז גארנישט קובע ווייל מיר זאגען די זעלבע זאך

"אויב ר' פישל האט געפסק'ענט זאלן זיך 60 רבנים שטעלן אין דער זייט"

נאך האט א רב געזאגט ביי א דרשה: אפשר איז דער עירוב אסור מטעם זיכו הפת אין אפשר איז עס אסור מטעם רשות הרבים – די גמרא אין עירובין זאגט אנדערש מחומרי בי"ש ומחומרי בית הלל הרי זה ככסיל בחושך הולך

איך וועל דא ציברענגען א ווארט פון של"ה הקדוש – דער של"ה שרייבט א **חומרא מחמת חסרון ידיעה איז חסודית של שטות**

נאך האט איינער גדארשענט: אז אין ירושלים קודם שנפרצו החומות איז גוועהן אן עירוב – **איז דארטען גוועהן א מנהג צי מאכען אן עירוב אבער אין אמעריקע איז קיינמאהל קיין מנהג** נישט גוועהן צי מאכען אן עירוב (איך גיי נישט דא סותר זיין דעם נישט אמת'קייט פון מאמר – אז אין אמעריקען איז יא גוועהן אן עירוב ווי איך האב אויבען דף נ"ט געשריבען) – **ווייא איז צי אזעלעכע מאמרים**

איז דען די תורה גגעבען גווארען אין וויליאמסבורג ? סאיז דאך גגעבן גווארען אופען בארג סיני – אין דער שבת איז גגעבען גווארען נאך פריער – אין "מרה" אין לויט די קרימע ווערטער דארף מען נישט האלטען קיין שבת אין אמעריקע – ווייל דארטען איז נישט גגעבן גווארען דער תורה אין נישט דער שבת

דער קביעת הלכה (וואס דאס קען זיך טוישען פון דור צי דור – ווי דער רמב"ם אין הלכות ממרים זאגט פרק ב' הל' א') וואס מיר האבען מקבל גוועהן פון משה רבינו, יהושע, זקנים, נביאם, אנשי כנסת הגדולה, תנאים, אמוראים, רבנן סבראי, גאונים, ראשונים, אחרונים, אחרוני אחרונים, אין פוסקי זמנינו – זענען דאך רובא דרובא נישט גוועהן אין אמעריקע

די מנהגים האבען מיר אויך מקבל גוועהן פון די פריעדיקע דערמאנטע פוסקים וואס רובא דרובא זענען נישט גוועהן אין אמעריקע – גם מנהגים וואס נישט פוסקים האבען איינגעפירט נאר סתם יודען – האבען מיר אויך מקבל גוועהן וואס זענען געקימען פון ווייטע מדינות

דרך משל – דת יהודית, הלל אין ראש חודש, בנות ישראל החמירו על עצמם לישב ז' נקיים על טיפת דם כחרדל, יו"ט שני של גליות (דאכט זיך אז איך האב גזעהן אין חת"ס אז יו"ט שני איז נאר א מנהג - ווי דער גמרא זאגט אין ביצה ד: שלחו מתם הזהרו במנהג אבותיכם בידיכם)

אין נישט נאר מנהגים פון חומרות – נאר אפילו מנהגים פון קולות איז אויך אזוי – מיר האבען מקבל גוועהן דיע נהגו'ס פון רמ"א וואס אסאך פון זיי זענען קולות – דער רמ"א האט נישט גוואוינט אין אמעריקע – אויך האבען דען מיר נישט מקבל גוועהן די קולה פון די פארמער'ס (איכרים) וואס האבען זיך מקיל גוועהן אין כלאים ווי ר' יאשיה אז סדארף זיין חטה שעורה אין חרצן במפולת יד? זעה קדושין דף ל"ט. ווערט אראפגברענגט אויבען דף מ"ב אין בכלל וואס פארע שייכות האט עירוב מיט מנהג – עירוב איז אן הלכה

איז א וודאי אויב מען וואלט גמעגט מאכען אן עירוב אין א״י אפילו אין א רשות הרבים (אזוי האלט דער אר״ז זעה דעם בריוו פין הרב שלמה דוד כהנא – תיקון עירובין במנהטען דף מ״ג) וואלט דער זעלבער הלכה גוועהן אין אמעריקע

אין אויב מען מעג מאכען אן עירוב אין א״י נאר אין א כרמלית כאטשיק א סאך מענטשען גייען דארטען איז דער זעלבער הלכה אין אמעריקע

ח) **איך פארשטיי נישט בכלל וואס פאר א היתר איז דא** – ציגיין דארטען דארשענען? – די גמרא זאגט דאך אין מסכתא שבועות דף ל: מנין לדיין שלא ישב תלמוד בור לפניו ת״ל מדבר שקר תרחק! דאס טייטש פין ווי ווייסט מען אז א דיין טאר נישט אוועק זעצען פאר זיך א תלמוד וואס איז נישט קיין ת״ח – זיך צי נושא ונותן זיין מיט דעם תלמוד? שטייט אין פסוק מדבר שקר תרחק – ווייל דער תלמוד קען עם ברענגען זיך טועה צי זיין אין דעם דין – זאגט דער תורה אויף דעם דערווייטער דיך פין שקר – **איז דאך על אחת כמה וכמה אז מען זאל זיך נישט גיין נושא ונותן זיין מיט דיע וואס זיכען נישט דער הלכה** – ווייל זיי קענען עם מטעה זיין – אין דער תורה זאגט מדבר שקר תרחק

לכאורה וואלט מען געקענט מהפך זיין בזכותם אין מחלק זיין – ווייל דער דיין אין מסכתא שבועות האט נאך נישט קיין פערטיקע הלכה ער וויל זיך נושא ונותן זיין מיט דעם תלמוד שאינו חכם – דארטען זאגט מען מדבר שקר תרחק – ווייל דער תלמוד קען עהם מטעה זיין – אבער דא קימען שוין די רבנים מיט פערטיקע דרשות – איז נישט דא קיין חשש אז מען וועט זיי מטעה זיין

אבער באמת איז עס נישט קיין גיטע היפך זכות – וויבאלד דער רב וויל גפעלען דעם עולם וואס זיכט נישט די אמת׳קייט פין דעם דין – דער אסיפה איז נישט גשטעלט אויף אמת׳קייט וועט דאס עהם מטעה זיין אין סאיז ווייטער דא מדבר שקר תרחק

ט) בדרך צחות קען מען זאגען אז נאך פאר קבלת התורה האט משה רבינו געפירט א מערכה מיט די קנאים

לכאורה איז שווער אויב דער אויבערשטער האט געוואלט געבען די תורה ו׳ סיון – פארוואס האט משה רבינו מוסיף געוועהן נאך א טאג? אין אויב מדארף מוסיף זיין א טאג פארוואס האט דער אויבערשטער אליינס – נישט מוסיף גוועהן דעם טאג – נאר געווארט אז משה זאל עס מוסיף זיין?

נאר סקען זיין – אז משה רבינו האט געוואלט פירען א מערכה מיט די קנאים – לאזען מיר זיך מתבונן זיין – זענען דען די נשים וואס האבען געהאט קינדער יונקים – זענען זיי דען נישט געגאנגען צי קבלת התורה אדער האבן זיי נישט מיטגענימען די קינדער – קען מען דאך נישט אזוי זאגען – איז ווי אזוי האבען זיי געטראגען זייערע קינדער? – וועט מען ענפערען חי נושא את עצמו – סאיז נאר אסור מדרבנן – אין דעמאלט איז נאך נישט געוועהן דער איסור דרבנן – סאיז שווער אזוי צי ענפערין – סאיז שווער צי זאגען אויף א דור דעה אז

זיי האבען נישט געהאלטען דעם איסור דרבנן – אפילו זיי זענען נישט גוועהן מחיוב – אין נאך מער – זיי האבען דאך געהאט ששה בכרס אחד – האבען זיי דאך געהאט גרויסע משפחות – האבען זיי געמיזט גיין מיט קערעדזשעס – וואס אויף דעם קען מען שוין נישט ענפערין חי נושא את עצמו – אויף דעם איז שוין דא אן איסור דאורייתא – אין שבת איז דאך נאך געגעבען געווארען נאך פאר קבלת התורה – מען האט שוין געגעבען דעם שבת אין מרה – האבען זיי דאך געמיזט מאכען אן עירוב – כאטשיק אז אין א רשות הרבים העלפט נישט קיין עירוב – האב איך געטראפען אז די ראשונים פרעגען ווי אזוי זענען די יודען אהיים געקימען פין קבלת התורה – סאיז דאך אסור אלץ תחום שבת – ענפערין זיי אז דער עמוד הענן האט געהאט א דין אזוי ווי מחיצות – לויט דעם האבען זיי יא געקענט מאכען אן עירוב זיי זאלען קענען טראגען מרשות לרשות (מקען נישט זאגען אויף א דור דעה – אז זיי האבען נישט געדארפט קיין עירוב – ווייל סאיז נאך גוועהן פאר תקנת שלמה) כאטשיק מקען זאגען אז מרשות לרשות האבען זיי אויך נישט גדארף קיין עירוב ווייל דער אנדערע רשות איז אויך גווען בתוך הענן – אבער דער אמת איז נישט אזוי – נאר זיי האבען נאך אלץ גדארפט עירובי הפת – ווי רש"י זאגט אין עירובין דף ו': אז ירושלים בתוך החומות דארף עירובי הפת אין פאר דעם – האט דאס אן הלכה ווי חצר שלא עירבו

משה'ס מערכה מיט די קנאים – די קנאים וואס האבען נישט קיין דרך ארץ פאר גדולי ישראל האבען ג'טענה'ט "מטאר בשום אופן נישט געבען די תורה אין שבת" – סאיז א גהעריגע חילול שבת, סאיז א פריקות עול, דער שבת גייט אינטער מיט א זעליכע היתרים – מיר זענען נישט מסכים מיט דער זיכו הפת

אבער משה רבינו האט געהאלטען – אז אהן קיין היתרים איז נישט דא קיין שבת

אהן קיין היתרים קען מען פירען דעם שבת אזוי ווי א צדוקי

וועגען דעם האט דער אויבערשטער געווארט אז משה זאל מוסיף זיין דעם טאג כדי מיר זאלען האבען דעם גילו – אז אהן קיין היתרים איז נישט דא קיין שבת
אהן קיין היתרים קען מען פירען דעם שבת אזוי ווי א צדוקי ע"כ הדברי צחות

אויב רבנים וואלטען מברר געוועהן לאיסר אין ארויס מיט בירר לאיסור אקעגן ר' פישעל'ס היתר וואלט מען זיי פארשטאנען ווייל מען מעג זיך חולק זיין אויף א גדול – אזוי שרייבט ר' משה אין אגרות משה או"ח חלק א' סימן ק"ט (דאס וואס די רבנים האבן

זיך ארויפגכאפט אויף דעם איסור מטעם זיכו הפת – קען מען א סאך דן זיין – צי זיי האבן נאמנות דאס צי זאגן? – ווייטער וועלען מיר רעדן וועגן דעם)

אין אפילו אויב זיי וואלטען נישט מברר געווען – נאר זיי וואלטען ארויסגעקימן – היות מיר האבן מברר גווען אז דעת רבינו זי״ע איז געוועהן נישט צו מאכן א עירוב אין זיינע ווערטער איז ביי אינז כדברי מלאך ואין אחר דבריו כלום! – וואלטען מיר זיי גיט פארשטאנען א חסיד זאל גלייבן אויף זיין רבי׳ן וואס ער וויל (צי דער בירר וואלט געווען מכח הוכחה צי מכח מעשה אלימות – היות סאיז דאך דא א סאך פין זיי וואס זאגען אז דער רבי האט יא געהאלטען פין מאכען אן עירוב אין וויליאמסבורג (זעה אויבען דף פ״ז – וואלט דאס נישט גווען אינזער פראבלעם)
אבער דאס וואס די רבנים, אין מגידים האבן מאשר, משבח, און מזרז געווען – דאס גיין אין מלחמה לוחם צי זיין אויף דיע וואס טראגן – **דאס איז א מעשה תועבה**

סאיז דא א צד צי זאגן אז זיי זענען חייב אויף די אלע צער אין בזיונות וואס די וואס טראגן ליידן - דער הלכה זאגט אז אויב א מורה הוראה האט זיך טועה געוועהן בדבר משנה דארף ער באצאהלין פאר אלע שאדענס וואס איז ארויס מכח זיין הוראה (מדינא דגרמי) - אין מכ״ש אויב ער האט נישט אנגעהויבן צי פסק׳ענען להלכה - לכאורה ביי דעם וועט דער מחבר חושן משפט סימן כ״ה סעיף א׳ מודה זיין צום רמ״א (איך בין אבער מסופק – וואס איז דער מעשה דא – צו רייצן די רבנים די הינט צי די הינט רייצן די רבנים – אין די רבנים זענען נאר מסייע שאין בו ממש?)

שרייען ווי א עגלה ערופה איז נישט קיין תוכחה ! – שטייט פון ר׳ חיים וואלאזשנער ווער סקען נישט מוכיח זיין בנחת איז פטור פון מוכיח צי זיין ווייל ער מאכט נאר ערגער דער משנה ברורה אין ביאור הלכה סימן תר״ח ד״ה ודוקא שאינו מפורש בתורה – ברענגט אראפ פון מחצית השקל בשם תשובת מעיל צדקה סי״ט אז אויב מען האט זיך אנגעכאפט אין א מנהג גרוע אין מען איז זיך מקיל בפרהסיא הייסט עס – אז עס איז באוויסט אז זיי וועלן נישט מקבל זיין אין מען דארף נישט מוחה זיין !

על אחת כמה וכמה בענינינו וואס מיר ווילען נישט הערן – **מיר זענען נישט מחויב צו הערן** – איז אוודאי נישט דא קיין מצות הוכחה נאר מצות שתיקה

ווי די גמרא זאגט אין מסכתא ביצה כ: אז א תלמוד פון בית הלל האט גברענגט צו דער עזרה אין יו״ט א עולה אויף צו מאכן סמיכה האט עהם א תלמוד פון בית שמאי געפרעגט וואס זיי האבן געהאלטן אז מען טאר נישט מאכן קיין סמיכה אין יו״ט – מה זה סמיכה? (וואס די גייסט טיהן) האט ער עהם צריק געפרעגט מה זה? (וואס די ריפסט זיך אהן) שתיקה! (די וואלסט געדארפט שטילזיין) אין ער האט עהם שטיל געמאכט מיט אנשרייען

דאס איז גווען א תלמוד פון ב״ש וואס ער האט אויך נאר געמיינט תורת משה – עהם האט מען גקענט שטיל מאכן מיט אנשרייען ווייל ער האט אנערקענט **אז דער תלמוד פון ב״ה**

איז גרעכט - ווייל ער האט דאך רעכט אנצינעמן ווי דעת בית רבו

אבער היינטיגע צייטן וואס פני הדור איז כפני הכלב (ווי ס'שייט אז סוועט זיין בעקבתא דמשיחא) **העלפט נישט קיין שרייען ווייל די כלבים קענען העכער שרייען**

וועגען נאך א סיבה איז נישט שייך מוכיח צי זיין (סוועט זיכער נישט נתקבל ווערין) ווייל די ביסט דאך דער וואס טיט די עבירה (ד. מ. סאיז דאך בידך אז מזאל נישט טיהן די עבירה) – זיי זוכה אין דעם פת וועט דאך יענער נישט עובר זיין קיין עבירה (לדבריך) באמת דארפסט **אפילו נישט זוכה צי זיין – זיי מבטל דיין רשות פאר דיע וואס זענען זיך משתתף אין דעם עירוב** (זעה דף ק"א ווי אזוי אן ערליכע יוד פירט זיך)

דיע וואס זענען מוחה אויף דיע וואס טראגן זיי שרייען **"שבת"** אדער מחלליה מות ימות – אויב זיי מיינען נישט דעם שבת נאר די כבוד פון סאטמער רבי (אין ווער רעט נאך אויב זיי מיינען גארנישט דעם כבוד פין רבי'ן – זיי מיינען גאר פאליטיק) – **איז דא א צד צו זאגן אז זיי זענען מחרפים ומגדפים** – ווי די גמרא זאגט אין מסכתא קדושין דף מט. המתרגם פסוק כצורתו הרי זה בדאי והמוסיף עליו הרי זה מחרף ומגדף

ברענגט דארט תוס' אראפ בשם ר' חננאל אז איינער איז מתרגם דעם פסוק ויחזו את אלקי ישראל "ויחזו ית אלקא דישראל" איז ער א ליגנער ווייל די שכינה אליינס האבן זיי נישט געזעהן – אין ווער סאיז מוסיף אז ער לייגט צו א ווארט "מלאכא" דאס ער זאגט ויחזו ית **מלאכא דאלקי ישראל איז ער א מחרף ווייל ער איז תולה די שבח פון אויבערשטען אויף א מלאך**

דאס זעלבע קען מען זאגן בעניננו אז זיי זענען תולה די כבוד פון אויבערשטען אויף זייערע רבין – ווייל שבת איז דאך פון תרי"ג מצות, פון עשרת הדברות, אין אויך איז שבת **שמא דקדשא בריך הוא** ווי עס שטייט אין זהר הקדוש (סווערט גברענגט אין די שבת'דיקע זמירות אין דעם זוהר פין פאר קידוש פין שבת בייטאג) – איז ווער סאיז תולה די כבוד פון שבת אויף זיין רבין **איז א מחרף ומגדף**

י') **זיי פרעגן ווער פראסקעט וועמן?** – זיי האלטן זיך נאך ווי נרדפים מען שטעכט זיי נעבאך אין די אויגן מטראגט דאך פאר זייערע אויגן האבן זיי דאך גרויס חלישת הדעת צי ציזעהן ווי יודן נעבאך טיען א זא גרויסע עבירה – אדער זעהן זיי א זלזל אין זייערע רבין האבן זיי **צער דערפין** (וואס באמת הייסט עס נישט קיין זלזל) – במילא האלטן זיי אז דאס בארעכטיגט זייערע מעשה השחתה (איך בין חושש אז אזוי האלטען רבנים – רח"ל מהאי דעתא)

לאמער זיך מתבונן זיין מיר געפינען צוויי מיני עבירות א) עבירות בין אדם למקום ב) עבירות בין אדם לחבירו – אויף עבירות בין אדם למקום אויב מען וויל תשובה טיהן דארף מען בעטן נאר פון אויבערשטער ער זאל מוחל זיין – אויף עבירות בין אדם לחבירו דארף מען בעטן סיי פון אויבערשטער אין סיי וועמען מען האט פוגע גוועהן

ווי וועט זיין א מענטש האט געזינדיגט מיט אן גראבע עבירה ר"ל פין בין אדם למקום אין

זיין חבר איז גאר אן ערלעכער יוד אין מכח זיין ערליכקייט האט ער געהאט גרויס צער דערפין – וועט מען דען זאגן אז ווען ער טיהט תשובה וועט זיין פאר עהם א חיוב איבערציבעטן זיין חבר פאר דעם צער וואס ער האט עהם גורם געוועהן דורך זיין חטא? – **סזעהט נישט אויס אזוי !**

במילא איז נישט שייך צי זאגען אז מען שטעכט זיי מיט דעם וואס מיר טיהן אזא גרויסע עבירה (לדעתם) ווייל מיט דעם וואס א מענטש טיט א גרויסע עבירה האט ער נישט פוגע געווען אין זיין חבר

יעצט וועלען מיר גיין צי דער צווייטער מין צער "זיי זעהן א זלזל אין זייערע רבין האבן זיי צער דערפין" – ווי געפינען מיר ווען א מענטש איז מצער זיין חבר זאל ער דארפען איבער בעטן א חוץ עהם אליין וואס דאס איז זיין חיוב – זאל ער אויך דארפען איבערבעטן זיינע עלטערן, זיינע קרובים, אין זיינע ידודים וואס זענען געוועהן נוכח בשעת ער האט זיך פארזינדיגט פאר עהם אין זיי האבען גהאט צער פון זיין צער?

זעהט אויס אז דאס וואס די תורה האט געזאגט לא תונו איש את עמיתו אין דאס וואס מען לערינט ארויס פון אבימלך אז מען דארף מפייס זיין דעם וואס מהאט מצער געוועהן (דער אויבערשטער האט גהייסען פאר אבימלך ער זאל מפייס זיין אברהם אבינו) דאס איז נאר ווען מהאט מצער געווען אדער מהאט מזלזל בכבודו געוועהן אין נישט אז דער צער איז פון א מעשה צדדי אדער פון א זלזל צדדי (אבימלך׳ס מעשה הייסט נישט קיין מעשה צדדי ווייל ער האט דאך ציגענימן אברהם׳ס ווייב האט ער דאך פערזענדליך מצער געוועהן אברהם אבינו – אויך וואס חז"ל זאגן המדבר בפגם משפחה אין לו כפרה עולמית ווייל די דורות הבאים האבן צער – הייסט נישט קיין מעשה צדדי ווייל די דורות הבאים אליינס ליידן היזק אין בזיון)

היוצא לנו זיי קענען נישט זאגען מיר זענען אלעס בארעכטיג צי טיהן ווייל מען טשעפעט אינז - ווייל א צער צדדי הייסט נישט אז מען האט זיי געטשעפעט

איך וועל גיין נאך ווייטער – ווי גפינען מיר אז א יונגע בחור נאך נישט קיין אכטצען יאהר – טיט א קנאקידע שידוך וועט מען דען זאגן אז ער איז עובר אויף לא תונו איש את עמיתו? ווייל זיינע חברים וואס מיטשען זיך מיט א שידוך – ווערין ציקנאקט אין זיי האבן גרויס צער דערפין

אדער וועט מען דען זאגן אז איינער בויט זיך א פראכטפולער הויז – וועט מען דען זאגען אז ער איז עובר אויף לא תונו? ווייל זיינע חברים ווערן ציקראכט פאר קנאה

זעהט אויס אויב א מענטש האט רעכטען אויף א זאך דאס ציטיהן - צי דאס איז א שידוך ציטיהן, צי דאס איז בויען א הויז - איז נישט שייך עהם מעכב צי זיין מיט דער טענה "אז ער פראסקעט דערמיט א צווייטען"

דאס זעלבע איז מיטען עירוב סאיז נישט שייך ציזאגן די טארסט נישט טראגן ווייל די ביסט מצער א צווייטען

איך ווייס אז א חלק פין דיע וואס זענען קעגן דעם עירוב – וועלן ווייטער טענה'ען דער עירוב איז נישט דומה צי דער אויבען דערמאנטע משלים ווייל ביי די משלים טיהט דער מענטש להנאת עצמו – אבער ביי דעם עירוב איז דאס **גאנצע טראגן נאר פאר רשעות**

דער תירוץ אויף דעם איז – זיי האבן נישט קיין שום ראיה – אז דאס טראגן איז נאר פאר רשעות – דאס איז נאר א גיטן תירוץ צי גיין אין מלחמה אין נאך צי הייסן א שיינער יוד

אין בכלל פארוואס זאל איינער וועלן טראגן יענעם צי טשעפען אין פארוואס זאל אן ערליכע יוד ווערן גטשעפעט אויב אן אנדערע יוד האט זיך אויף וועמען ציפארלאזן מיט זיין טראגן

איז זיכער אז דאס מעשה תועבה פון ארויפצווינגען אויף א צווייטן זיין מיינונג – דאס מאכט דעם צווייטן צי וועלן דוקא יא טראגן – **אראפצינעמען פון זיך דעם עול פון צי זיין יענעמס עבד** – אין וואס קימט עהם דערפאר אפילו באמת איז נישט ווערט צי גיין אין מלחמה דערפאר – אבער קיין רשעות הייסט עס נישט

אין לעומת זה די בעלי זרוע – אויב זיי האבן נישט קיין מצות הוכחה האבן זיי דעם לאו פון לא תונו איש את עמיתו אין דער לאו פין לא תשא עליו חטא אזוי ווי עס שטייט הוכח תוכיח עמיתיך ולא תשא עליו חטא

ויש אומרים אז דאס גאנצע שטערן דעם עירוב - איז סתם א מעשה רשעות ! (אזוי האב איך געהערט בשם א רב וואס איז פין די אהן געזעהנע רבנים אין התאחדות הרבנים)

מיט דעם וואס זיי צווינגען ארויף זייער שיטה – זענען זיי סותר זייער רבי'ס ווערטער – זיי ברענגען אראפ אז דער רבי האט געהאלטען אז ווילאמסבורג האט נישט קיין רב דער עירוב זאל זיין אינטער זיין קאנטראל – אויב סווערט אפגעריסען זאל ער דאס פארעכטען אדער מזהיר זיין אז מען זאל אופהערין צי טראגן – **נו אויב סאיז נישט דא קיין רב** – ווי אזוי קענסט די מיר צווינגען אהן צינעמען דיינע חששות?

נוסיף לזה די דריי רבנים וואס זענען געשטעלט אויפען הכשיר פין דעם עירוב – **זיי זענען דער בי"ד קבועה** דא אין ווילאמסבורג – אויף זיי ליגט דער עול מפרסם צי זיין אויב דער עירוב ווערט נפסק ח"ו – אזוי האט געענפערט שאצער **רבי** הרב יוסף מאשקאוויטץ (ער איז גוועהן דער משגיח פין דעם מנהטען עירוב) **פאר סאטמער רבי** אויף זיין שאלה וועגען בי"ד קבועה

אין אזוי שרייבט אויך **פפא רב** אין זיין תשובת ספר ויען יוסף או"ח סימן קצ"ה אות א'

איך פארשטיי נישט בכלל וואס די פליטיקאנטען האבן גוואלט – אויב זיי האבן געוואלט ווילאמסבורג זאל זיך פירן אזוי ווי סהאט נאר איין בי"ד – וואלטען זיי זיך גדארפט פירן אזוי ווי איין בי"ד דארף זיך פירן

ווי אזוי דארף זיך פירן א שטאט וואס האט נאר איין בי"ד? – זאגט דער ש"ך יו"ד סימן רמ"ב אין קיצר הנהגת הוראת איסר והיתר סעיף י' וכו' **"אלא ישאו ויתנו בדבר הרבה עד שיסכימו**

כולם לדעת אחת״

נו לאמיר פרעגן – ווען זיי האבן זיך ציזאמען געזעצט – דן צי זיין אויב מען מעג מאכן אן עירוב אין וויליאמסבורג

– האבן זיי דען געריפען ר׳ פישל צי דעם אסיפה הערן זיין מיינונג?
אין זייערע רבנים האבן זיי דען יא גפרעגט? – ווייסט דען נישט יעדער איינער – אז סאיז קארופטעט (CORRUPTED) פינקט אזוי ווי עס איז גוועהן 65 אוסרים (ווער ווייסט צי מען האט נישט גפעלשט חתומת אדער געצווינגן צי חתמ׳ענען) איז אויך געוועהן 65 רבנים וואס האבן נישט געוואלט דעם איסר (די בעלי העירוב האבן ציזאמען געשטלט א רשומה פין 150 רבנים וואס האבן נישט געחתמ׳עט)

איך האב געהערט בשם איינער פון די 65 רבנים – וואס האט זיך זייער אפגרעט – ווען סאיז גוועהן די נושא פון די שייטלען (חשש ע״ז) – ״מען הערט זיך נישט צי וואס יעדער רב האט וואס צי זאגן – מען הערט נאר וואס איינער זאגט אין אזוי ווערט מוחלט״

י״א) ווער זענען די מחרחרי ריב וואס סזעהט אויס פין כמה ראשונים אז עס איז דא אויף דעם א לאו פון ולא יהיה כקורח וכעדתו

אין די תורה שטייט נישט (כביכול) ולא יהיה כמשה וכעדתו – משה רבינו האט נישט גדארפט צריקציען אין זאגן – סאיז נישט ווערט די גאנצע מחלוקת - ״זאל קורח זיין דער וועג ווייזער״ – קרח ועדתו זענען גוועהן די בעלי עבירה! (באמת האב איך מורא צי שרייבען קעגן קרח ווייל מען זאגט דאך נאך פין אריז״ל אז ״צדיק כתמר יפרח״ איז די אותיות ״קרח״ אויך זאגט מען נאך פין דעם חוזה – אז ער האט געזאגט ״דער הייליגע זיידע קרח״ – מ״מ אין המקרא יוצא מידי פשוטו ! – אין די תורה שטייט ולא יהיה כקרח וכו׳ – קימט דאך אויס אז קורח האט געטיהן א חטא)

איין זאך וואס משה האט יא גדארפט – ער האט גדארפט זיכען שלום אהן חלילה נאכציגעבן אפילו אויף א חוט השערה
אין די גמרא זעהט אויס אז אויב משה וואלט דאס נישט געטיהן וואלט ער עובר גוועהן אויף ״לא יהיה כקורח וכעדתו״ – ווי די גמרא זאגט אין סנהדרין דף קי. מנין שאין מחזיקן במחלוקת שנאמר ויקם משה וילך אל דתן ואבירם אמר ר״ל מכאן שאין מחזיקן במחלוקת דאמר רב כל המחזיק במחלוקת עובר בלאו שנאמר ולא יהיה כקורח וכעדתו – אבער ווען די רשעים האבן געזאגט העיני האנשים ההם תנקר האט זיך משה רבינו געפירט מיט זיי בכל חומר הדין ווי סשטייט אל תפן אל מנחתם וכו׳ – סהאט א שיער וויפעל מדארף דילדען פון בעלי מחלוקת

אין נישט נאר משה רבינו וואס האט נישט גקענט נאכגעבען ווייל סאיז גוועהן נגד השם – נאר יעדער יוד האט נישט קיין חיוב נאכציגעבן יענעמס משגעת׳ן – נאר פאר די סיבה ווייל יענער איז א בעל מחלוקת

מיר געפינען ביי הבא במחתרת – אז סאיז ניתן להצילו בנפשו – מיר זאגען נישט א כפרה אויף דיין געלט טאנץ ארויס פון פענסטער אין אנטלויף – ראטעווע דיך אין זיי נישט קיין שופך דמים – נאר מיר זאגן מעגסט עהם **הרגענען**

דער חינוך אין מצוה של"ח שרייבט אז דאס וואס חז"ל זאגן זייער גרויס אויף הנעלבים ואינם עולבים וכו' (ד. מ. זיי ווערן פארשעמט אין זיי האלטן זיך איין נישט צי פארשעמן) – איז נאר א מידה פון חסודות אבער להלכה מעג מען צריק פארשעמן ווי מיר טרעפן הבא להרגך השכם להרגו (ד.מ. אויב איינער קימט דיר הארגענען פעדער דיך אין הארגע עהם)

בענינינו איז דאס גארנישט אזא קליינע זאך וואס מיר דארפען מוותר זיין!

ווער קען דען ציזעהן ווי?

א) מען איז מעקם די תורה !

ב) מען טרעט אויף לומדיה אויף דעם גרויסען גדול !

ג) מען איז מטמטם די מוחות פין די בני תורה אין די מוחות פין המון עם - אז זיי זאלען נישט האבען א פארשטאנד אין א גלאכקייט צי א הלכה !

י"ב) האט דער מספר 65 רבנים א תוקף פון רבים?

דער רמב"ם אין הלכות סנהדרין פי"א הלכה ז' פסק'ענט אז א טאטע מיט א זיהן, א רבי מיט א תלמוד ווערט געדעכענט פאר צוויי

דאס איז נאר א תלמוד וואס שפירט זיך אז ער איז בכח זיך ציקריגן מיט זיין רבי'ן אבער א תלמוד וואס שפירט נישט דעם כח – ווערט ער גערעכענט ציזאמען מיט זיין רבי'ן נאר ווי איינס ווי מיר געפינען אז דער טור (זיהן פון רא"ש) ציזאמען מיט דעם רא"ש איז נאר ווי איינס, לעומת זה דער רבינו ירוחם (תלמוד פון רא"ש) ציזמען מיט דעם רא"ש ווערט גערעכענט פאר צוויי (זעה אין די כללים פון אנהייב פון רבינו ירוחם) – דער חילוק פון די צוויי איז לכאורה – דער רבינו ירוחם האט זיך געשפירט אז ער איז בכח זיך ציקריגן מיט זיין רבי – אין דער טור האט זיך גשפירט אז ער איז נישט בכח ציקריגן מיט זיין טאטע וואס איז אויך זיין רבי (כדמות ראיה – דער ב"י שרייבט אין או"ח סימן ל"ב ד"ה ומ"ש רבינו בניקב רגל הפנימי של ה"א – דער טור האט געשריבען ווי דער רא"ש קעגען אלע פוסקים ווייל ער איז זיין רבי – אבער אינז להלכה וועלען נישט איבער לאזן אלע פוסקים וועגען דעם רא"ש)

קימט דאך אויס אז אויב די 65 רבנים שפירן זיך אז זיי קענען נישט קריגן מיט זייער רבי'ן - ווערן זיי גערעכענט נאר ווי איינס (נאך מער געפינען מיר – מיר געפינען אז די בעלי תוס' ציזאמען מיט ר"ת ווערן גערעכענט נאר ווי איינס ווייל זיי קימען מכוחו) (מהרי"ק שורש נ"ב)

י"ג) האט דער מספר פין 65 רבנים א תוקף פון כאטשיק איינס? אבער ווי איינס דארפען זיי דאך יא גערעכענט ווערן ווי די הלכה איז!

אבער באמת איז מסתבר צי זאגען אז ווען א מורה הוראה פסק'ענט אן הלכה – עפעס וואס ער ווייסט נישט דעם מקור פין דער הוראה אין ער פארשטייט נישט דער טעם פין די הוראה ער פסק'ענט אזוי – ווייל אזוי האט זיין רבי געפסק'ענט – הייסט עס בכלל נישט קיין הוראה ער זאגט נאר איבער וואס זיין רבי האט געפסק'ענט

י"ד) האבן די רבנים נאמנות צי זאגן אז דער עירוב איז אסור מטעם זיכו הפת?

לכאורה האבן זיי נישט קיין נאמנות ווי די גמרא זאגט קדושין דף ע: כל ת"ח שמורה ובא אם קודם מעשה שומעין לו אם לאחר מעשה אין שומעין לו אין אזוי איז גפסק'ענט אין רמ"א יו"ד סימן רמ"ב סעיף ל"ו דאס הייסט אויב א מורה הוראה זאגט א פסק וואס איז נוגע פאר עהם – האט ער עס גזאגט פאר די מעשה גלייבט מען עהם – נאך די מעשה גלייבט מען עהם נישט (ד.מ. פאר די נגיעה גלייבט מען עהם – נאך די נגיעה גלייבט מען עהם נישט) אפילו ער זאגט איך האב עס געהערט פון א גדול (וואס איז שוין נישט דא) גלייבט מען עהם נישט – אזוי שטייט אין די גמרא – שטייט דארטען אין רמ"א אז אויב ער זאגט א סברה גלייבט מען עהם יא – איז דער ט"ז דארטען אין ס"ק כ"א מסביר אז סאיז א חילוק וואספארע סברה ער זאגט – זאגט ער א סברה וואס סאיז מוכרח גלייבט מען עהם ווייל זיין סברה ווייזט אז עס איז אמת – זאגט ער א סברה וואס מקען זיך שפארן גלייבט מען עהם נישט !

בענינינו איז עס זיכער א סברה וואס מקען זיך שפארן אין נישט נאר מקען זיך שפארן – מיר האלטען אז עס איז אן עם הארץ'ישע סברה – ווי איך האב געשריבען דף ק"א – ווייל וואס איז דער חילוק צי א יחיד איז מוחה צי רוב שטאט איז מוחה – אין זיי האבן געזאגט די סברה לאחר מעשה

דער מהרלב"ח סוף ספר אין אנהייב פון קונטרס הסמיכה (דף ב') שרייבט לגבי דעם סמיכה וואס די רבנים פון צפת האבן געמאכט (זיי האבן סומך גוועהן דעם מהר"י בר רב אין געשיקט קיין ירושלים א כתב סמיכה צי דעם מהרלב"ח) – אז זייער סמיכה האט נישט קיין תוקף ווייל זיי האבן זיך נישט מתיישב גוועהן מיט די רבנים פון ירושלים – אין די רבנים פון ירושלים האבן געהאלטען אז מקען נישט סומך זיין בזמן הזה – אפילו אויב די רבנים פון צפת זענען רוב אין רוב איז געניג – אבער רוב איז נאר אויב אלע זענען דארטן אדער מהאט זיך געשריבן מיטן מיעט אין מהאט געהערט זייערע טענות אין מען איז גגאנגען נאך רוב אבער אויב מהאט בכלל נישט געהערט די טענות פון מיעט – הייסט עס נישט קיין רוב (דער מהרלב"ח איז נישט פשוט ווייל כמה פעמים טרעפען מיר אז מען גייט נאך רוב אפילו דער רוב איז נישט דא – סאיז נאר געשריבען אין ספרי הפוסקים – דער גט פשוט סוף ספר אין כלל א' איז מבאר דעם ענין)

שרייבט דער מהרלב"ח ווייטער - אפילו אויב מוועט זיך יעצט ציזאמען זעצען אין די רבנים פון צפת וועלן הערן די טענות פון רבני ירושלים אין זיי וועלן גיין נאך רוב וועט נישט העלפן ווייל די רבנים

פון צפת האבן נישט קיין נאמנות אויף זייערע טענות - ווייל יעצט וועט זיי נישט פאסן צו זאגן אנדערש פון פריער (נישט ח"ו אז איך האב מורא אז א ת"ח וועט משקר זיין – נאר יעצט וועט זייער שכל צילן צו וואס זיי האבן פריער געזאגט – אזוי זאגט דער מהרלב"ח דארטען)

איז דער מהרלב"ח דן ווייטער צו דאס וואס מהאט געזאגט אז א ת"ח איז נישט באגלייבט ווען ער האט א נגיעה – איז נאר ווען דער נגיעה איז זיך מכשיר צו זיין ווי דער מעשה אין פרק הערל דף עז. וואס עמשי האט געזאגט עמוני ולא עמונית האט ער זיך מיט דעם מכשיר געווען (עמשי איז גוועהן אן אייניקל פין ישי) – אבער דארטען ווי די נגיעה איז נאר וועגען "פאסן" **אפשר קען מען זאגן פארקערט סאיז א כבוד פאר א ת"ח צו זיין מודה על האמת?**

ברענגט דער מהרלב"ח ראיות אז "פאסן" הייסט אויך א נגיעה אין א ת"ח איז נישט באגלייבט ווען עס איז דא א נגיעה פון פאסן

באמת פארשטיי איך נישט דעם מהרלב"ח פארוואס ברענגט ער די מקור פון כל ת"ח וכו' פון פרק הערל אין נישט פון מסכת קדושין ווען ער וואלט געברענגט פון מסכת קדושין וואלט ער זיך געדארפט וויניגער מיטשען ווייל די מעשה פון קדושין איז דער נגיעה כמעט נאר וועגן פאסן?

על כל פנים פירט אויס דער מהרלב"ח אז ביי א נגיעה פון פאסן איז א ת"ח נישט באגלייבט אין פון די גמרא קדושין קען מען א ראיה ברענגען לעניינינו זעה דארטען אין די גמרא

ווי אזוי קען מען גלייבן די רבנים מיט זייער איסור מכח זיכו הפת? - דער טעם אויף צו אסר'ן - איז ארויס שוין נאכדעם וואס מען איז ארויס אקעגן אינז בקולות וברקים מיט כמה מיני זלזולם - איז זיכער אז עס פאסט זיי נישט צריק ציציען האבן זיי געמיזט זיכען א טעם לאיסר!

אין נאך מער די גאנצע איסר פון זיכו הפת קימט פון א נגיעה – וואס זאגן זיי? זיי זאגן אזוי ווי מיר האלטען נישט פון מאכען אן עירוב זענען מיר נישט זוכה אין דעם פת כדי סזאל נישט מותר ווערן צו טראגן – זאגן זיי דאך בפירוש ארויס – אז זיי האבן א נגיעה אז מען זאל נישט טארן טראגן

בכלל לויט די דינערין אין בליצען וואס סאיז פאהרגגאנגען – כאפט עס א ציטער ווי אזוי קען מען גלייבען א רב ווען די לחץ איז אזוי גרויס

ווען א רב האט א בחירה – קען מען זיך סומך זיין אויף עהם ווייל פאר וואס האט ער געפסק'ענט לאיסור מסתמא האלט ער אזוי

אבער אויב ער האט נישט קיין בחירה – ווי אזוי קען מען זיך סומך זיין אויף עהם – **ער מיז דאך פסק'ענען אזוי ווי מען האט עהם פארגעשריבען**

נוסיף לזה האלב פין די 23 רבנים אדער קרוב צו האלב זענען איינגעשטעלטע אין סאטמער – איז נישט דא קיין גרעסערע נגיעה פין דעם – ווייל יעדער ווייסט אז אן ארבעטער דארף טיהן וואס דער בעל בית הייסט – אויב ער טיט נישט וואס זיין בעל בית הייסט איז זיין פאסטען איינגעשטעלט

אויך זעהט מען א גרויסען ריעתא אין דעם איסור – מזעהט דעם גרויסען טראסק אין דעם

מספר פין אוסרים – פין אנפאנג האבן גחתמ׳עט 65 רבנים – **א יאהר שפעטער** ווען סאיז געקימען מען זאל חתמ׳ענען דעם איסור צי טראגן – מכח זיכו הפת האבן זיי נאר געטראפן 23 רבנים (כמעט 2 דריטל ווייניגער)

אויך האט זייער איסור א שובר אין די זייט (ד. מ. א סברה וואס ציברעכט זייער איסור)

זיי זאגן אז זיי זענען נישט זוכה אין דעם פת – אויב אזוי ווי אזוי מאכן זיי זייערע **במות** – די קליינע עירובין׳ס מיר זענען דאך אויך נישט זוכה אין זייער פת – ווי אזוי מאכן זיי סוכות אן עירוב?

איר וועט זיך ווינדערען וואס פאר א פארגלייך איז דאס צי א במה? אבער באמת איז עס יא גלייך ! – א במה האט דער אויבערשטער א מאהל ליעב געהאט – אבער נאכדעם וואס מען האט באקימען א גרויסען מזבח האט דאס דער אויבערשטער פיינט באקימען – דאס זעלבע איז מיט א קליינע עירוב אמאהל האט דאס דער אויבערשטער ליעב געהאט – היינט אז עס איז דא אן עירוב איבער די גאנצע שטאט לויט די הדרכה פון דעם יחיד מומחה – וואס סאיז א סאך מער אויסגעהאלטען פון די קליינע עירובין׳ס – האט דער אויבערשטער זיי פיינט אויך זאגט די גמרא אין נדרים כ״ב. הנודר כאלו בנה במה – איז דער ר״ן דארטען מסביר דעם פארגלייך – ווייל ווען איינער מאכט א נדר מיינט ער – אז ער טיט א מצוה ער איז מוסיף אויף די איסורי תורה – זאגט מען עהם פארקערט ביזט א בונה במה – די זעלבע איז מיט די קליינע עירובין׳ס – **ווער האט גגעבען רעכטען פאר דעם יונגער מאן אויס צי ריפן ברבים אז ר׳ פישל׳ס עירוב איז פסול** – סוואלט עהם געניג גוועהן אויב ער וויל מחמיר זיין – זאל ער נישט טראגן – אבער ער האט נישט קיין רעכט מבזה צי זיין א גדול בישראל

אויב עס איז אמת אזוי ווי עס קימט מיר אויס אין דף נ״ה - אז זיי מאכען עירובין׳ס אהן קויפען דעם רשות פין ממשלה - איז דאך פשוט אז עס איז א במה

דער גאנצע איסור מכח זיכו הפת – **איז בבחינת עורכי הדיינים** – האט מען דען געמאכט וואלען צי וויסען וואס דער עולם האלט – מען האט נאר אויסגלערינט דעם עולם נישט מסכים צי זיין – מארגען אז סוועט קימען אן אנדערע כח אין וועט מעורר זיין דעם עולם צי תשובה אין אויסלערנען יא מסכים צי זיין (ווייל לדבריך איז מיט דיין נישט מסכים זיין יענער עובר אויף א עבירה – קימט דאך אויס אז מוועט דיר מעורר זיי צי תשובה וועסט די דאך יא מסכים זיין) **קען מען זאגן א סברה אז סוועט העלפען למפרע**

איך האב געטראפען אן אסמכתא אין תוספות קדושין דף מ״ו. די גמרא זאגט דארטען אז א קטנה וואס מען האט מקדש גוועהן שלא לדעת אביה קען סיי דער מיידל אין סיי דער טאטע מעכב זיין – זאגט דארטען תוספות ד״ה ״בין״ כאטשיק די גמרא זאגט אויבען דף מד: אז מען איז חושש אז דער טאטע איז מסכים – דאס איז נאר אויב ער איז שטיל געבליבען ווען ער האט געהערט אבער אויב ער איז מעכב – איז זי נישט מקודש

פרעגט תוספות ווייטער – וואס העלפט אויב זי איז מוחה נאכדעם וואס ער האט שוין מסכים געוועהן – ער קען דאך איר מקדש זיין בעל כרחה?

ענפערט תוספות דאס איז נאר אויב ער האט איר מקדש געוועהן בעל כרחה – אבער אויב

מען האט איר מקדש געוועהן אהן זיין וויסען אין מיר ווילען זאגן אז דער קדושין איז א קדושין אלץ זכין לאדם שלא בפניו ווייל מען זעהט דאך אז סאיז א זכות פאר עהם ווייל ער האט דאך מסכים געוועהן – זאגט מען אויב זיין טאכטער איז מעכב **שפעטער** – אז עס איז א חוב פאר עהם

על כל פנים זעהט מען פון תוספות אז דארטען ווי סגייט צי מטעם זכיה – קען א שפעטערע דעת מגלה זיין למפרע

די זעלבע זאך איז ביי עירוב מיר זאגן אז מען האט מזכה געווען די פת פאר אייך – ווילט איר זאגן אז סאיז א חוב פאר אייך אין איר האט נישט קונה געוועהן די פת – זאגן מיר אז מען האט אייך – נאר פאר נארט אבער ווען סוועט קימען שפעטער א ריכטיגע גילו – אין וועט **זאגען דער רבי איז גארנישט גוועהן דערקעגן אין אוודאי האט ער נישט גהאלטען אז מדארף וועגן דעם איין רייסן וועלטן אויך וועט ער אייך מעורר זיין צי תשובה – אדער איר וועט איינזעהן אז** איר דארפט יא דעם עירוב – וועט דאס העלפען למפרע זעה אויבען דף כ״א דעם זעקסטען היתר (אויב די מנגדי העירוב וואלטען פארשטאנען אין וואסערע פלאנטער די רבנים האבען זיי אריינגלייגט – מיט דעם וואס זיי האבען זיי אויסגלערענט נישט מסכים צי זיין – הן וואס זיי האבען מטמטם גוועהן זייערע מוחות – הן וועגען די שאלה פין צי מאכען א ברכה – הן וועגען דעם פראבלעם וואס מיר אסר׳ן זיי – **וואלטען זיי ארויסגגאנגען קעגען זייערע רבנים מיט אן הפגנה**)

דרך משל א מענטש זאל אריינטראכטען וויפעל לעבענס ראטעוועט דער עירוב ווייל אויב די הצלה לייט קענען טראגן – זענען זיי גרייט פריער – זיי קענען טראגן מיט זיך די וואלקי טאקיס אין די שליסלעך – אין אויב סאיז נישט דא קיין עירוב קענען זיי נישט טראגן – אין דער חולה קען ח״ו אויסגיין ווייל די הצלה לייט זענען אין בית המדרש אין זיי קענען נישט הערען דעם וואלקי טאקי

זיי ברענגען אראפ א מימרא פין א חשוב׳ע ראש ישיבה ״סאיז נאך נישט קיין איין מענטש געשטארבען ווייל מען האט נישט געטארט טראגען״ – צי קענען זאגען אזא מימרא דארף מען האבען אן אורים ותומים!

סאיז נישט וויכטיג צי די הצלה לייט מעגן טראגן אהן דעם עירוב צי זיי טארן נישט – ווייל סוף כל סוף האבן זיי נישט געטראגן פאר סאיז גוועהן אן עירוב (ווייל אזוי האט מען זיי געפסק׳ענט) – (נאר דער קלוזענבורגר הצלה מאן האט יא געטראגן – ווייל אזוי האט עהם ר׳ פישל געפסק׳ענט)

אויך איז מסתבר אפילו אויב די הצלה לייט מעגן טראגן אהן אן עירוב איז נאך אלץ א צורך גדול צי האבן אן עירוב – ווייל מיר זענען דאך חושש צי דער שיטה וואס האלט אז שבת איז נדחה פאר פקוח נפש – אין נישט הותרה – אין לויט דער שיטה פין נדחה דארף מען זיכן עצות בדרך היתר (עכ״פ איז דא א ענין ווי עס שטייט אין מ״ב סימן ש״ל ס״ק א׳ בשם ספר חסידים)

נאך איז מסתבר צי זאגען – אז בענינינו דארף מען זיכען צי טיהן בדרך היתר אפילו מיר וואלטען גהאלטען אז שבת איז הותרה פאר פקוח נפש – ווייל בענינינו איז דאך נאך יעצט

נישט דא קיין חולה שיש בו סכנה – דער הצלה מאן טראגט (אין א כרמלית) – טאמער סוועט זיך מאכען א חולה שיש בו סכנה

השגה	דרשה
נישט טראגן איז א פירצה – מוחה צי זיין אויף דעם הוראת גדול – איז א פירצה !	אין קונטרס משמרת חומותינו ברענגן זיי אראפ א דרשה פון א רב – "מקימט דא אין שטאט דארף מען רעדען וועגען די פירצה
מיר זאגן תורתינו מובחרת, מוראתנו מובחרת, עירובנו מובחרת !	מזעהט מענטשען טראגן מיט א לשם יחוד – איך וייס נישט וואספארא לשם יחוד זיי זאגן ?
דין פרוטה כדין מאה סאיז סתם אן עם הארץ'ישע חילוק צווישען איינער איז מוחה צי א סאך זענען מוחה	ווער עס קיקט אריין אין זייערע שרייבעכצער זעהט עס איז אלעס הבל על גבי הבלים אין אלע דורות איז נישט געווען קיין איין פוסק וואס האט מתיר געוועהן אזא זאך וכו' אמאל איז געוועהן א שאלה מיט מומרים אדער א יחיד וכדומה
אן ערליכע יוד וויל נישט א יוד זאל נכשל ווערין – אזוי ווי א יונגר מאן האט מיר געזאגט בשם ר' אברהם לייטנער "איך בין מבטל מיין רשות פאר דיע וואס טראגן איך וויל נישט יודן זאלן נכשל ווערין"	אבער אז עס איז דא א גאנצער ציבור ערליכע יודן וואס ווילען נישט דעם עירוב
סאיז נישט דא קיין שום איסור שבעולם – כלל ישראל האט די פילע רעכטען זיך סומך צו זיין אויף ר' פישל – * נישט קיין חילוק צי ער איז א סאטמערע תלמוד אדער נישט	עס האט נישט קיין שום היתר בעולם

חוץ אפשר – א היתר פון עבר ושנה נעשה לו כהיתר"	ארויס ציגיין קעגען א גדול בישראל – דאס האט א היתר פון עבר ושנה סהאט שוין א היתר מאה רבנים

- דאס איז געזאגט גווארען – אויב ער האט זיך נישט משתתף גוועהן מיט א קליינעם עירוב – אבער אויב ער האט זיך יא משתתף גוועהן מיט א קליינעם עירוב – דארט איז שוין דא א קלער צי זאגען אז ער איז גאסר'ט גווארען פין דעם גרויסען עירוב – זעה אויבען דף נ"ד

אויב ער האט זיך יא משתתף גוועהן מיט א קליינעם עירוב – אין ער וויל חוזר זיין ווייל ער וויל קענען טראגען מיט דעם גרויסען עירוב אהן קיין שאלות – איז דער עצה – אז ער זאל זיך אפזאגען פין דעם קליינעם עירוב אין ער זאל זאגען אז ער וויל זיך משתתף מיט דעם גרויסען עירוב – אזוי זאגט דער באור הלכה ס"ס שס"ז – אז איינער האט זיך אפגעזאגט פין עירוב אין נאכדעם וויל ער חוזר זיין – זיך יא צי משתתף זיין אין דעם עירוב – דארף מען נישט נאכאמאהל זוכה זיין פת פאר עהם – ער דארף נאר זאגען אז ער וויל זיך משתתף זיין – ער ברענגט א ראיה פין שס"ו סעיף י"א – וואס דארטען שטייט אויב א בע"ב האט געלאדענט מענטשען צי עסען כאטשיק זיי האבען נאכנישט קונה גוועהן די ברויט – קענען זיך די געסט משתתף זיין אויף די ברויט ווייל זיי האבען א רעכט צי עסען – איז דאך מכ"ש ווען עס איז דא אן עירוב – אז מקען זיך מצרף זיין צים עירוב אהן קיין פרישע קנינים

לכאורה בענינינו קען מען אויך צישטעלען דאס וואס עס שטייט אין שס"ו סעיף ט' אז ווען מען מאכט אן עירוב דארף מען זוכה זיין פאר דיע וואס וועלען ציקימען – לויט דעם קען מען זאגען – אז איינער וואס האט זיך אפגעזאגט פין דעם קליינע עירוב אין ער האט זיך מצטרף גוועהן צים גרויסען עירוב – איז גלייך צי דעם וואס איז געקימען פין אויסער וויליאמסבורג

אין מכ"ש אז עס איז גלייך – לויט די י"א דארטען וואס זאגען אז אפילו מען האט נישט ארויס געזאגט אז מען איז מזכה פאר די ציגעקימענע – איז לב בי"ד מתנה – אין דער מ"ב זאגט דארטען – אז דער לשון איז מקוצר – ווייל מעיקר הלכה זאגט מען נישט לב בי"ד מתנה – נאר ביי אינז אזוי ווי דער מנהג איז צי מאכען אן עירוב פאר א גאנץ יאהר – מסתמא האבן מיר אינזין פאר די ציקעקימענע – איז דער זעלבע זאך לענינינו – מיר האבען אינזין פאר דיע וואס וועלען ציקימען

איך מיין אבער – אז סוואלט בעסער גוועהן אויב מען וואלט דאס בפירוש ארויסגעזאגט בשעת דער זיכו הפת

הכותב למען אמיתת התורה ולא לקנטר ח"ו

משה טייכמאן

השמטה:

א)

אין אנפאנג ספר האב איך געשריבען פאר א דבר ברור אז מ׳קען דינגן פין ממשלה דאס רשות פין א יוד – אין דף י״א האב איך מחזק גוועהן דער זאך דורך א סאך פוסקים וואס האלטען אזוי

איך האב אבער געטראפען אין מ״ב עם הגהת דרשו סימן שצ״א מספר 10 צי צייכענען דעם קריינא דאיגרתא (פין סטייפלער) ח״ב סימן צ״ו (באמת שטייט עס נישט אין סימן צ״ו נאר אין סימן שס״ג) וואס איז מפקפק אויף דאס דינגן פין ממשלה (אפילו צי דינגען א גוי׳ס רשות) ער שרייבט דארטען – כאטשיק אז די רבנים פין אלע פלעצער זאלען מאכן עירובין׳ס כדי מציל צי זיין דעם רבים לכה״פ לויט כמה שיטות פין די גרויסע (אין אזוי שרייבט ער דארטען אין סימן שס״ו אז בכל תפוצות ישראל מאכט מען עירובין׳ס דורך דינגן פין ממשלה) – אבער פאר ת״ח יראי ה׳ איז אפשר נישט כדי צי זאגען אז דער היתר איז קלאר ווייל מקען מפקפק זיין אויף דעם דינגן ווייל די רעכטן פין ממשלה איז נישט אויף די הייזער פין המון עם - נאר אויף די גופים וואס דער ממשלה קען זיי צווינגען אז זיי זאלען צישטעלען זייערע הייזער לצורך המלחמה

זיינע ווערטער זענען מרפסין אגרתא – ווייל וואס פאר א סברה האב איך צי זאגען אז דער ענין האט זיך געטוישט דורך די צייט – אויב היינטיגע צייטן האט דער ממשלה נאר א כח אויף די גופים אין נישט אויף די הייזער – איז בזמן השו״ע אויך אזוי גוועהן אין אעפ״כ האט דאס גהאלפען – ווייל סוף כל סוף האב זיי געהאט א תפיסה אויף דעם הויז דורך דעם וואס זיי האבן געקענט צווינגן דעם גוף – אין מכח דעם האבן זיי גהייסן ווי א שכירו ולקוטו – איז דאך די זעלבע זאך היינטיגע צייטען

אין אויב בזמן הש״ע האבן זיי געהאט א כח אויף די הייזער – אין אזוי זעהט אויס פין ר״ן נדרים דף כ״ח. – ווייל דער ר״ן דארטען איז מסביר דער סברה פין ״דינא דמלכותה דינא״ – וויבאלד דאס לאנד איז זיינס – קען ער זאגן אויב איר וועט נישט טיהן וואס איך הייס – וועל איך ענק פארטרייבן פין מיין לאנד – זעהט זיך אויס פין דעם אז דער ממשלה האט א ממון דיקע בעלות – אין דער רשב״א ח״ה סימן ד׳ זאגט אז דער כח פין שר העיר איז מכח ״דינא דמלכותה דינא״ – פארוואס זאלען מיר נישט זאגען – אז היינטיגע צייטן איז אויך אזוי אז די ממשלה האט א כח אויף די הייזער

נאך ברענגט דארטען דער מ״ב עם הגהת דרשו א פסק פין רב אלישיב אז מקען נישט היינטיגע צייטן דינגען פין ממשלה (אפילו דאס רשות פין א גוי) – ווייל סאיז נישט דא קיין חוק אז בזמן המלחמה זאל דער ממשלה קענען האלטען חפצים אין בית התושבים

אבער זיי ברענגען אויך אראפ פין ספר ארחות שבת ח"ג פרק כ"ח הערה קמ"ח בשם ר' שלמה זלמן אוירבאך אז מ'קען יא דינגן פין ממשלה

דער טענה פין ר' אלישיב איז נאר אויף דעם היתר מכח "זיי קענען האלטען חפצים אין א מלחמה צייט" (אין אויף דעם שרייב איך ווייטער) – אבער אויף דעם היתר מכח "זיי קענען מסלק זיין" הייסען זיי ווי א בעל הבית (זעה אויבען דף כ"ה) אויף דעם איז נישט דא דער טענה

אין דאס וואס דער ספר יציאות השבת סימן י"ד דף ר"ד ברענגט אראפ פין ר' אלישיב – אז כאטשיק דער ממשלה האט א כח אוועק צנעמען א דירה אין צי באצאהלען פאר דעם – הייסט דאס נישט קיין שליטה אויפען הויז – וויבאלד זיי דארפען באצאהלען – הייסט דאס נישט אז דער דירה געהערט פאר דעם ממשלה – אין מקען נישט מאכען קיין עירוב אויף א שטאט אפילו סאיז נישט קיין רה"ר (ד. ה. אפילו א דירה פין א גוי קען מען אויך נישט דינגן פין ממשלה)

דאס איז נישט מוכרח – ווייל סאיז מסתבר – צי זאגן – וויבאלד זיין קענען מסלק זיין – הייסען זיי א בעל הבית אויף דעם רשות – אין אפילו זיי דארפען באצאלען – הייסען זיי נאך אלץ א בעל הבית – ווייל אויב א מענטש איז א בעל הבית אויף א זאך – איז אפילו ער דארף באצאהלען איז ער נאך אלץ א בעל הבית

כאטשיק אז פין שו"ת רשב"א ח"ה סימן ד' זעהט לכאורה אויס אזוי ווי ר' אלישיב – אז דארטען ווי דער ממשלה דארף באצאהלען – אפילו אויב זיי קענען נעמען בע"כ – הייסען זיי נישט קיין בע"ה – ווייל דער רשב"א זאגט דארטען אויב דער משכיר קען נישט נעמען פאר ער באצאהלט – קען מען נישט דינגן פין עהם ווייל ער (דער שוכר) הייסט נאך נישט מסולק

אבער באמת איז עס נישט קיין ראיה צי ר' אלישיב – ווייל דער רשב"א מיינט בכלל נישט צי זאגען – אז אויב דער משכיר דארף באצאהלען הייסט עס נישט ווי עס זיינס – ווייל אויב קענען מסלק זיין מאכט ווי עס איז זיינס – ווי עס שטייט אין ב"י שפ"ב אין אזוי קימט אויס פין ריב"ש סימן תכ"ז ווי עס ווערט אראבגברענגט אויבען דף כ"ה – איז מסתבר צי זאגען אפילו אויב זיי קענען מסלק זיין נאר מיט באצאהלען הייסען זיי נאך אלץ א בע"ה

דער רשב"א מיינט גאר עפעס אנדערש – דער רשב"א מיינט אויב ער קען נישט נעמען פאר ער באצאהלט – הייסט ער נישט מסולק – ד.ה. אויב ער קען יא נעמען פאר ער באצאהלט – כאטשיק ער דארף שפעטער באצאהלען – הייסט ער יא מסולק אין סהייסט ווי עס געהערט צי דעם וואס קען מסלק זיין – דער ממשלה ווען זיי דארפען א שטח – ווען זיי ווילען בויען פראדזשעקס אדער באנען – קענען זיי לכאורה מסלק זיין פאר זיי באצאהלען - זיי קענען שפעטער באצאהלען

יעצט לאמיר צריק גיין צים רשב"א – וועט מען זעהן קלאהר אז דאס האט דער רשב"א גמיינט – דער רשב"א זאגט דארטען – אז מען איז נישט גורס אין דף ס"ה: "כל היכי דמצי מסלק ליה בדמים" מען איז גורס "כל היכי דמצי מסלק ליה" – זאגט דער רשב"א – אז סרעדט זיך ווען סאיז שוין גקימען דער זמן פין סוף שכירות – במילא קען ער עהם מסלק זיין – אדער ער האט פארדינגען אהן קיין זמן – קען ער עהם אייביג מסלק זיין – איז אויב א יוד האט געדינגען פין עהם דער רשות (וועגען עירוב) – איז נישט דא קיין גרעסערע סילק פין דעם ד. ה. דער גוי (דער שוכר) איז מסולק אין דער יוד מעג טראגן אין דעם רשות

אויב אבער ער קען נישט מסלק זיין פאר ער געט געלט – קען מען נישט דינגן פין עהם – ווייל יעצט איז נאך נישט דער גוי מסולק ווי לאנג ער באקימט נישט קיין געלט – אין דער רשות איז זיינס

זעהט מען קלאר פין רשב"א – אז דער רשב"א האט דן גוועהן וועגען סילוק אין נישט וועגן בע"ה ד.ה. דער רשב"א איז מודה אז מקען הייסן א בע"ה אפילו מען דארף באצאהלען – אויב ער קען מסלק זיין פאר ער באצאהלט (אין צי באצאהלען שפעטער) – במילא קען מען דינגן פין ממשלה ווייל זיי קענען מסלק זיין פאר זיי באצאהלען

מען מיז זאגן אז מקען דינגן פין ממשלה – ווייל רב אלישיב איז נישט נאר קעגען ר' שלמה זלמן וואס ווערט אראפגברענגט אויבען – ער איז דאך קעגן די וועלט – סאיז דאך אנגנימען אין דער וועלט אז מקען דינגן פין ממשלה – ווי עס ווערט אויך אראבגברענגט אויבען פין קריינא דאיגרתא ח"ב סימן שס"ו

דארף מען זאגן אז מען פארלאזט זיך אויף די דריי התרים וואס איך וועל ווייטער שרייבען (אדער עכ"פ אויף איינע פין די דריי התרים)

א) מען פארלאזט זיך אויף דעם היתר אז דער ממשלה קען מסלק זיין ווי איך האב אויבען געשריבען – ר' פישל הערשקאוויטש האט זיך סומך גוועהן אויף דעם היתר – ווי איך געהערט נאך זאגן בשמו – "ער האט גזעהן אז דער ממשלה האט א כח מסלק צי זיין" ווי איך האב געשריבען אויבען דף כ"ה אז דער ממשלה האט עהם מסלק גוועהן פין זיין דירה (סזעהט זיך אויס אז דער מסבב הסיבות האט מסבב גוועהן אז דער ממשלה זאל עהם מסלק זיין כדי ער זאל קענען מאכן דעם עירוב אין וויליאמסבורג)

לכאורה האט זיך ר' שלמה זלמן אויך פארלאזט אויף דעם היתר – ווייל אין ספר ארחת שבת וואס ווערט אראפגברענגט אויבען – שטייט אז ר' שלמה זלמן האט אנגוויזען אויף דעם ספר גנת וורדים – דער היתר פין ספר גנת וורדים – איז לכאורה – דער היתר פין מסלק זיין – ווי איך האב געשריבען אויבען דף כ"ו

ב) מען פארלאזט זיך צו דינגן פון ממשלה אויף דעם היתר פון עצי אלמוגים אז די קרקע איז משועבד צו דער ממשלה מכח מסים ווי איך האב געשריבען אויבען דף נ״ב ווערט אויך ציגעצייכענט אויבען דף כ׳

ג) מען פארלאזט זיך אויף דעם היתר אז דער ממשלה קען האלטען חפצים ווי איך האב אויבען געשריבען דף ל״ו – דער היתר איז דער מערסטע מבואר אין שו״ע *(סימן שצ״א)* אין לכאורה די אלע פוסקים (חוץ דער גנת וורדים) וואס איך האב אויסגערעכענט אויבען דף י״א זענען מתיר מכח דעם היתר ווי איך האב געשריבען אויבען דף מ״א בשם דער מהרי״ט אין אזוי האב איך אריינגלערענט אין די פוסקים ווי איך האב געשריבען דף מ״ב

מ׳קען דאך נישט אריינלערנען אין די פוסקים אז זיי האבען מתיר גוועהן ווייל דער ממשלה קען מסלק זיין ווייל נישט יעדער ממשלה האט גקענט מסלק זיין – איז אויב זייער היתר וואלט גוועהן וועגן קענען מסלק זיין וואלטען זיי דאס גדארפט מדגיש זיין

אין אויב זייער היתר וואלט גוועהן וועגן מסים – וואלטען זיי דאס גדארפט ארויס זאגן – ווייל דער היתר פון מסים איז דאך אן אחרונ׳ישע היתר דער עצי אלמוגים האט דאך דאס מחדש גוועהן – דער דברי חיים , שואל ומשיב, נשמת חיים סימן ל׳, תירוש ויצהר סימן ע״ג, אין ר׳ יונתן שטייף אין זיין שו״ת ספר סימן ס״ח וואס האבען מתיר גוועהן אלץ מסים – האבן אראבגברענגט דעם עצי אלמוגים אדער מדגיש גווען אז דער היתר איז וועגען מסים

אין דאס וואס ר׳ אלישוב טענה׳ט אז בזמניינו קען דער ממשלה נישט האלטען קיין חפצים בזמן המלחמה – ער איז נישט דער ערשטער מיט דער טענה – ר׳ שלמה קלוגר האט שוין דאס גטענה׳ט אין זיין הגהת חכמת שלמה סימן שפ״ב (ער איז דאס דארטען מתיר מכח אן אנדערע היתר – איך פארשטיי נישט זיין היתר – וועל איך נישט דן זיין מכח זיין היתר) עכ״פ זעהט מען – אז שוין אין זיינע צייטן האט דער ממשלה נישט גקענט האלטען חפצים אין די הייזער פון ציבור

אז מען איז זיך מתבונן – זעהט מען אז מען האט קיינמאהל נישט פארשטאנען דעם היתר פון ״האלטען חפצים אין א מלחמה צייט״ – ווייל דער חכם צבי סימן ו׳ ווערט גברענגט אין באה״ל סימן שצ״א ד״ה שלא מדעתם פרעגט וואס העלפט דאס – אז ער קען האלטען חפצים אין א מלחמה צייט – יעצט איז דאך נישט קיין שעת מלחמה – האט ער דאך נישט קיין שום רשות צו האלטען חפצים אין די דירות פון ציבור איז ער דאך נישט קיין שכירו ולקיטו

ענפערט דער ח״צ אז עס רעט זיך ביי א זא שר וואס האט אייביג יכולת מעורר צו זיין מדנים

אין מלחמה מיט זיינע שכנים

דאס אליינס איז זייער שווער צי פארשטיין – ווייל צי האבן א יכולת צי פירן א מלחמה ווען ער וויל אהן קיין גיטע סיבה דארף מען זיין גיט צידרייט אין א שטארקע דיקטאטור – ווייל א נורמאלער מנהיג – אויב ער וועט פירען א מלחמה אהן קיין סיבה וועלן זיינע מענטשען עהם שטערין אין מעביר זיין – אין אפילו סוועט שוין יא זיין א זא צדרייטער אין א דיקטאטורישע שר – וואס וועט מען טיהן אויב די שכנים ארום עהם זענען א סאך שטערקער פין עהם – וואס ער קען בשום אופן נישט פירן קיין מלחמה מיט זיי – ווי אזוי קען מען דינגן פין א זא שר – דער מנהג פין אלע דורות איז גוועהן נישט מחלק צי זיין – צי ער איז א שטארקע מדינה צי א שוואכע צי ער איז א נארמאלדער שר צי ער איז א צידרייטער דיקטאטער – אייביג האט מען גדינגן פין דעם שר פין דער מדינה

קימט דאך אויס – אז מען האט אייביג זיך פארלאזט אויף די פוסקים אהן פארשטאנען דער נימוק פין דעם – איז דאך היינט גארנישט אנדערש

איך האב אבער געטראפן א וועג חותר צי זיין די יבשה – לויט דעם ב״י׳ס פעטער מהר״ר יצחק קארו ווערט אויבען דף מ״ג ארויסגברענגט – אז א מלך וואס קען ״האלטען חפצים אין א מלחמה צייט״ ווערט גרעכענט ווי א בעה״ב אין נישט נאר ווי א שכירו ולקיטו

לויט דעם קען מען נישט מדחה זיין דעם היתר מיט דער טענה אז היינטיגע צייטן קען דער ממשלה נישט האלטען קיין חפצים בשעת המלחמה אין בית התושבים

ווייל דער סיבה פארוואס דער ממשלה קען נישט האלטען קיין חפצים אין א מלחמה צייט – איז ווייל זיי דארפען נישט אהנקימען צי פריוואטע דירות

סאיז זיכער אויב דער ממשלה וואלט גדארפט אהנקימען צי פריוואטע דירות אין א מלחמה צייט – וואלט שוין לאנג גוועהן א חוק אז זיי קענען האלטען בע״כ פין דעם איינגעטימער

דאס הייסט אויב האלטען חפצים מאכט נאר ווי א שכירו ולקיטו – דעמאלט איז עס לכאורה א סיבה (אין אזוי זעהט מען פין דער קשיא פין חכם צבי ארויסגברענגט אויבען) – ווייל זיי קענען האלטען האבען זיי א תפיסה – וועגען דעם הייסען זיי ווי א שכירו ולקיטו

במילא אויב זיי קענען נישט האלטען האבען זיי נישט קיין תפיסה – אין זיי הייסען נישט ווי א שכירו ולקיטו

אויב אבער זאגט מען אז קענען האלטען מאכט ווי א בעה״ב – דעמאלט איז עס נאר א סימן וויבאלד זיי קענען האלטען וואזט עס אז זיי זענען בעה״ב – דער זעלבער סימן איז דא ווען

זיי קענען נישט האלטען ווייל זיי דארפען נישט – אבער אויב זיי וואלטען יא גדארפט וואלטען זיי יא גקענט – זענען זיי ווייטער בעה״ב

דער זעלבער זאך איז ביי דעם היתר פין קענען מסלק זיין וואס ווערט אראפגברענגט אויבען – כאטשיק אז נישט יעדער פלאטץ איז ראוי צי באויען אויף דעם באנען אדער פראדזשעקס – איז ווי אזוי מאכט מען אן עירוב אויף א יעדער פלאטץ?

דער תירוץ אויף דעם איז – אז סאיז א סימן – ווייל זיי האבען רעכטען מסלק צי זיין אויף דעם פלאטץ ווי זיי ווילען באויען – וואזט עס אז זיי זענען בעה״ב – אויב זיי זענען בעה״ב אויף דעם פלאטץ ווי זיי ווילען באויען – זענען זיי אויך בעה״ב אפילו אויף א פלאטץ ווי זיי קענען נישט באויען

ב)

אין דף נ״ו האב איך משיג גוועזן אויף א פסק פין א רב (פין די מעררי עירוב) אויף א קליינע עירוב אין דער גאס אז מען דארף נישט קונה זיין – דעם רשות פין ממשלה

איך האב זיך מתבונן גוועהן – סקען זיין אז דער רב האט גמיינט צי זאגן אויב דער עירוב איז נאר אויף איין זייט פין דער סייד וואלק – קען מען מדחה זיין דעם גוי צי גיין אויף דעם אנדערע זייט סייד וואלק – אויב דאס איז זיין כוונה – בין איך נישט משיג אויף דעם – כאטשיק איך בין נישט זיכער – צי מען קען אזוי זאגן – אבער איך וועל נישט משיג זיין – ווייל אפשר איז דער רב גרעכט

אבער דאס וועט זיי נאכנישט העלפן ווייל סאיז דאך דא עירובן׳ס אויף א גאס – וואס דער גאנצע גאס האט אן עירוב – וואס דא האבען זיי נישט ווי מדחה צי זיין דעם גוי

אויך איז דא דער טענה אז מיר אסר׳ן זיי במילא האט די קליינע עירובין׳ס נישט קיין ווערט